STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03961

VEGN ALTYIDISHN ROMAN UN NOVELE

Max Erik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאקס עריק

וועגן אלטיידישן ראמאן און נאוועלע

פערצנטער—זעכצנטער יאָרהונדערט

מיט 9 אילוסטראציעס און פאקסימיליעס

27800 11

„דער וועג צום וויסן"

1926

5136 20

MAKS ERYK

O STAROŻYDOWSKIEJ POWIEŚCI I NOWELI

Ww. XIV—XVI.

Druk „Brandes i Kaweberg" Kowel.

מײַן ברודער ראובן געווידמעט.



ווידווילט אין דער באגלייטונג פון דער הויפדאמע און פון דעם קארליק באגעגענט א מיידל, וואס וויינט און פארברעכט די הענד. (זע זייט 108, 123).

(פון א דייטשן כתב־יד פון XIV י"ה, וואס געפינט זיך אין לעידען).

אינהאלט:

זייט

הקדמה פון דעם מחבר 5

רשימה פון ווערק, וואס ווערן פארקירצט דערמאנט 7

וועגן אלט־יידישן אויסלייג 10

וועגן אלט־יידישן ראָמאַן (אייניקע אויספירן און השערות) 11

1. ווי אלט איז די יידישע ליטעראטור?—13. 2. יידיש־טייטשע ראָמאַנען פארן 16 י״ה.—14. 3. דער געביט פון דער יידישער שפילמאן־דיכטונג—16. 4. דער דייטשער שפילמאן און זיין ליטעראטור־געשיכטלעכע ראליע—19. 5. כאראקטער פון דער יידישער שפילמאן־דיכטונג.—22. 6. טעכניק פון דער יידישער שפילמאן־דיכטונג—25. 7. סכעמע פאר דער געשיכטע פון דער אלט־יידישער דיכטונג—28. 8. דער ראָמאַן אלס פאָלקסבוך—29. 9. וואס לערנט אונדז דער אלטיידישער ראָמאַן—31.

אריינפיר צום בבא בוך 33

1. די פארשפרייטונג פונם בבא־ראָמאַן—35. 2. דער ויכּוח ארום דעם אנטשטיין און כאראקטער פונם אורבבא—37. 3. די טאָסקאַנא־דער מקור פון דעם יידישן בבא־בוך—40. 4. אליהו בחור דער מחבר, פון דעם יידישן בבא־בוך—41. 5. אליהו בחור—זיין גייסטיקע פיזיאָנאָמיע—44. 6. כאראקטעריסטיק פון דעם יידישן בבא־בוך—50. 7. ליטעראטור צום בבא־ראָמאַן—54. 8. טאבעלע צו דעם אנטשטיין פון דעם יידישן בבא־בוך.—64.

בבא־בוך, אינהאלט און אויסצוגן 65

דער יידיש־טייטשער ארטור־ראָמאַן 91

1. וועגן דעם ארטור־ציקל . 93. 2. די האַמבורגער כתב־ידן פון דעם יידישן ארטור־ראָמאַן—94. 3. די דרוקאויסגאבן פון דעם יידישן ארטור־ראָמאַן—96. 4. אליהו בחור אלס היפאטעטישער מחבר פון דער סטאנסן־ווערסיע—99. 5. יוזל וויצנהויזן, דער ארויסגעבער פון דער ריימפארן־ווערסיע—101. 6. גענעטישע טאַבעלע צו דעם יידישן ארטור־ראָמאַן—103. 7. אינהאלט פון דעם יידישן ארטור־ראָמאַן—105. 8. דער יידישער ארטור־ראמאן און „וויגאלוא“.—112. ליטעראטור—122.

אויסצוגן פון דעם יידישן ארטור־ראָמאַן 123

א) דער עפּיזאָד מיט דעם מיידל, וועמען מען האט צוגעריבט אירע דריי מתנות פון דעם שיינקייטס־קאָנקורס (לויט ביידע האַמבורגער כּתבֿ־ידן) . . . . „

ב) ווידוווילט קעמפט מיט דעם לינדוורם (לויטן האַמבורגער כּתבֿ־יד) 130

ג) ווידוווילט קעמפט מיט דעם לינדוורם (לויט דער וואַגענזייל עדיציע) 136

דער מינכענער כּתבֿ־יד נר. 100. 143

אַלגעמיינע באַמערקונגען 145

א) מעשה בריאה וזימרה: דער מחבר פון דער נאָוועלע—147. כאַראַקטעריסטיק פון דער נאָוועלע—150. אינהאַלט פון „מעשה בריאה וזימרה”—154. טעקסט (כּתבֿ־יד מינכען)—157. דער ווענעציאַנער נוסח פון „מעשה בריאה וזימרה”—172. פון דער ווענעציאַנער אויסגאַבע—176.

ב) די מעשיות פון דעם קרייז פון דעם מעשה־בוך 179

ג) ווען איז אנטשטאַנען דער מעשה בוך? 189

ד) יצחק רויטלינגען און שמעון גינצבורג. 198

ה) וויאַזוי איז אנטשטאַנען דער מעשה בוך 198

ו) „טיל אוילנשפּיגל” 204

דריי אינדישע ראָמאַנען באַאַרבעט אין יידיש־טייטש . 207

1. אַלגעמיינע באַמערקונגען—209. 2. „די זיבן ווייזן מיינשטער”—211. 3. „בוך דער אַלטן ווייזן” (קאַלילאַ־ווע־דימנאַ)—216. 4. „בן המלך והנזיר”—(כּתבֿ־יד מינכען נר. 347)—219. פונם יידישן טעקסט—223. א פראַגמענט פונם העברעישן טעקסט—230.

באַמערקונגען 235

רשימה פון די אילוסטראַציעס און פאַקסימיליעס. 243

דער ציל פון בוך איז צו געבן אן איבערבליק איבער עטלעכע טיפּישע אלטיידישע ראָמאַנען: דעם אייגנאַרטיקן ראמאן פון אליהו בחור, דעם שפּילמאַנישן ארטור-ראָמאַן, די אָריגינעלע ראמאנטישע נאָוועלע „מעשה בריאה וזימרה“, די לחלוטים ניט אריגינעלע באַארבעטונגען פון דעם טיפּ „זיבן וויַיזן מיַינסטער“, ענדלעך די שיינע און אינטערעסאַנטע כּתב-יד איבערזעצונג פון בן המלך והנזיר.“

די ראַמאַנען פון דעם בוך זיינען ליטעראַר-היסטאָרישע און ליטעראַר-עסטעטישע, פילאָלאָגיש-שפּראַכלעכע אונטערזוכונגען געהערן ניט צו די צילן פון אונדזער בוך. דאָך האָף איך, אז דער יידישער פילאָלאָג וועט דא געפינען וויכטיקן מאַטעריאַל פון דער ערשטער האַנט, וואָרום דער רוב טעקסטן ווערט דא צום ערשטן מאָל בכלל פּובליקירט אָדער צום ערשטן מאָל אין דער אָריגינעלער טראַנסקריפּציע.—איך האָב מיך געמיט איבערצוגעבן דעם אלטיידישן טעקסט אָן קיין שום ענדערונגען. ווּ דער לעזער וועט אַלזאָ געפינען נקודות אין טעקסט, געהערן זיי צום טעקסט גופא. צוליב איניקע טעמים האָב איך זיך אָבער אַמאָל דערלויבט צוצושטעלן א דגש אָדער א פּתח, אָדער א קמץ,—אַלץ אָבער בלויז אין פאַלן, וואָס דערלאָזן ניט קיין שום צווייפל. איך האָב אויך ניט פונאַנדערגעשטעלט מאָדערנע הפסקה-צייכנס,—ס'האָט זיך מיר ניט געוואָלט צעשטערן דעם אַרכאַאישן לבוש פון אַלטע כּתבים. בלויז אין דרינגענדיקע פאַלן האָב איך צוגעשטעלט א פעלנדיקן פּונקט.

דער ערשטער קאַפּיטל, וואָס רוקט ארויס די השערה וועגן א שפּילמאַן-תקופה פון דער יידישער דיכטונג, דאַרף באַטראַכט ווערן בלויז ווי א היפּאָטעזע, וואָס האָט דעם ציל ארויסצורופן א דיסקוסיע און א שטרעבן דורכצוקאָנטראָלירן אין דערדאָזיקער ריכטונג די צו אונדז דערגאַנגענע אַלטיידישע ראָמאַנען. אין דעם קאַפּיטל וועגן דעם אַרטור-ראָמאַן איז מיר אויסגעקומען

ס׳רוב איבערצוחזרן די אויספירן פון דר. ל. לאַנדוי, און דער גענעטישער טייל פון לאַנדויס בוך שטייט אויף דער געהעריקער הויך. אבער לאַנדויס בוך איז פארפאסט ענגליש, און איז סיי דעם יידישן לעזער, סיי א טייל פון אונדזערע פארשער ניט צוגענגלעך. איך האָב אָבער מיך געמיט דורכצוקאָנטראָלירן לאַנדויס אויספירונגען, דערגאַנצן, ווו ס׳איז נייטיק געווען. ענדלעך, עקזיסטירט א קאַרדינאַלער אינטערשייד צווישן יידישיסטישער און גערמאַניסטישער פילאָלאָגיע. ניטווילנדיק שטרייכט אונטער לאַנדוי יענע מאָמענטן, מיט וועלכע דער יידישער ארטור־ראָמאַן דערנענטערט זיך צום „וויגאַלוא“, בעת אונדז, יידישע פאָרשער, אינטערעסירן פארקערט מער יענע מאָמענטן, ווו ביידע ווערק גייען זיך פונאַנדער און ס׳ווערט קלאָרער די ספּעציפישע טעכניק פון דעם יידישן מחבר.

אָן דער הילף פון דער הויכער פארוואַלטונג פון דער דאַנציקער שטאַטביבליאָטעק מיטן הערן דירעקטאָר דר. שוואַרץ אין דער שפּיץ, וואָס האָט מיך מיט אַלע כוחות אונטערשטיצט ביים פארשאַפן פון כתב־ידן און ווערק, וואָלט מיין איצטיקע אַרבעט לגמרי אוממעגלעך געווען. אויך האָבן די גרויסע דייטשע מלוכה־ביבליאָטעקן אין בערלין, מינכען און האַמבורג העפלעך געשטעלט אויף א לענגערער צייט צו מיין דיספּאָזיציע זייערע ווערק און כתב־ידן. דר. מאַקס ווייַנרייַך אין ווילנע האָב איך צו פארדאַנקען אייניקע אינפאָרמאַציעס, אויך א פאָטאָגראַפיע פון אליהו בחור׳ס א בריוו. זיי אַלע מיין האַרציקסטער דאַנק.

מאַקס עריק.

דאַנציק־אַליווע, 1925.3.1.

ווערק, וואס ווערן פארקירצט ציטירט:

שטיינשניידער מיט א נומער: מ. שטיינשניידערס ביבליאָ-גראפישע רשימה פון יידיש-טייטשע דרוקן און כתב-ידן אין:

Naumanns „Serapeum“: M. Steinschneider, Jüdisch-deutsche Litteratur א. א. וו.

אין די יארן: 1848, 1849, 1864, 1869.

קאַט.—באָד.:—מ. שטיינשניידערס

Catalogus Librorum Hebraeorum in Bibliotheca Bodleiana. Berlin 1852–60.

סופל. קאַט,—באָד: (אדער סק"ב):

Supplementum Cat. Libr. Hebr. in Bibl. Bodleiana, Centralblatt für Bibliothekswesen, 1894, S. 484 ff.

שטיינשניידערס מינכענער און האמבורגער כתב-ידן קאטאלאגן:

M. Steinschneider, die hebräischen Handschriften der Kgl. Hof- und Staatsbibliothek in München. München 1895 (צווייטע אויפלאגע)

M. Steinschneider, Katalog der Hebräischen Handschriften in der Stadtbibliothek zu Hamburg. Hamburg, 1878.

שטיינשניידער „העברעישע איבערזעצונגען“

M. Steinschneider, die hebräischen Übersetzungen des Mittelalters und die Juden als Dolmetscher. Berlin, 1893. צוויי בענד.

שטיינשניידער, „געשיכטס ליטעראטור“:

M. Steinschneider, Die Geschichtslitteratur der Juden Frankfurt a. M. 1905 ערשטע אפטיילונג—מער ניט דערשינען.

אווע-לאַלעמאן:

Avé-Lalement. Das deutsche Gaunertum, Leipzig, 1858 ff. דריי בענדער.

באַסינס אנטאלאגיע: א. באַסין, פירהונדערט יאר יידישע פאָעזיע, צוויי בענדער, מיט א הקדמה און אנמערקונגען פון בער באָראָכאָוו.

באָראָכאָוו מיט א נומער: ב. באָראָכאָווס ביבליאָגראפישע

רשימה אין „פנקס", ווילנע 1913, פארלאג ב. א. קלעצקין, „ביבליאָטייק פון יידישן פילאָלאָג".

בן-יעקב: „אוצר הספרים" פון בן-יעקב, ווילנע, 1880.

ל׳ גייגערס צייטשריפט:

Zeitschrift für die Geschichte der Juden in Deutschland. Braunschweig, 1887 ff.

גייגער:

L. Geiger, das Studium der hebr. Sprache in Deutschland vom Ende des 15 bis zur Mitte des 16 Jh.—Breslau, 1870.

געדעקע:

Goedeke, Grundriss zur Geschichte der deutschen Dichtung, 1884 ff. צווייטע אויפלאגע.

גרינבוים:

M. Grünbaum, Jüdisch-deutsche Chresthomathie, Leipzig 1882.

וואַגענזייל.

J. Chr. Wagenseil, Belehrung der Jüdisch-teutschen Red- und-Schreibart, Königsberg 1699.

(מיין עקזעמפּליאר איז פון דער צווייטער אויפלאגע, פראנקפורט 1715).

וואָלף:

Wolf, Bibliotheca Hebraea, I—IV, Hamburg u. Leipzig, 1715—1733.

ל. לאַנדוי:

L. Landau, „Arthurian Legends", Leipzig, 1912, „Teutonia", Bd. 21.

מ. לאנדוי:

M. Landau, „die Quellen des Dekameron", Stuttgart, 1884. צווייטע אויפלאגע.

לעקסער:

M. Lexer, Mittelhochdeutsches Handwörterbuch, I—III, Leipzig, 1876.

מאָנאטסשריפט:

Monatschrift für Geschichte u. Wissenschaft d. Judentums, Breslau, 1851 ff.

נויבויער:

Neubauer, Catalogue of the Hebrew Manuscripts in the Bodleian Library and in the College Libraries of Oxford I—1886.

פערלעס:

G. Perles, Beiträge zur Geschichte der hebr. und aramäischen Studien. München, 1884.

צונץ, אַנגאַלן פון די פראגער דרוקערייען: אין

L. Zunz, zur Geschichte und Litteratur, Berlin, 1845.

ערשטער באַנד, מער ניט דערשינגען.

שטאַפּלען: דר. מ. וויינרייך, „שטאפלען", פיר עטיודן צו דער יידישער שפראכוויסנשאפט און ליטעראטורגעשיכטע, בערלין 1923.

שולמאן: אלעזר שולמאן, שפת יהודית-אשכנזית וספרותה, ריגע, 1913.

שטערק-לייטצמאן,

W. Staerk und A. Leitzmann

Die Jüdisch-deutschen Bibelübersetzungen von den Anfängen bis zum Ausgang des 18 Jahrhunderts. Frankfurrt a. M. 1923, Verlag J. Kaufmann.

ווענן אלטיידישן אויסלייג אינפארמירט אויספירלעך דער אויסגעצייכנטער ארטאגראפיע-טייל פון ז. רייזענס „גראמאטיק פון דער יידישער שפראך", ווילנע, 1920, ז. 106—118. פגל. אויך „יידישע פילאלאגיע", 1924, ז. 94—95. דא ברענג איך די וויכטיקסטע כללים:

1) אין אלגעמיין דארף מען ניט פאדערן קיין צו גרויסע אויסגעהאלטנקייט פון דעם אלטיידישן אויסלייג: אויף איין און דערזעלביקער שורה באַגעגנען מיר „האט" און „הט", „מוש" און „מאש"—אלזא עלטערע און יינגערע אויסלייג-פארמען.

2) א שטומער אלף שטייט ווארטאויס ניט נאר נאך וואָקאַלן, נאר אויך נאך קאָנסאָנאַנטן: („דיא, זיא", אָבער אויך „קאָפּא"—קאָפּ).

3) דאס אלטע יידיש פארמאגט די איבערקלאנגען eu, ü, ö—די ערשטע צוויי ווערן באַצייכנט דורך „וי", דער קלאנג „eu" דורך „ויי", צ. ב. „הויר"=hör, „בויכר"=bücher, „לוייט"=leut. אמאל ווערט אבער eu באצייכנט דורך „וי", אין דעם מינכענער כתב-יד פון „בן המלך והנזיר" אפילו דורך „יוו", אלזא „איוור"=euer.

4) דער „ו" און „ב" (מיט א פאַסיקל) באצייכענען אויך א f. אלזא: „ורויא"=פרוי, „בון"=פון, „ליבשבט"=ליבשאפט.

5) אין אלטיידיש איז מען אסאך שפּאָרעוודיקער ביים שרייבן פון וואָקאַלן; ניט נאר אין בייטראַפן, אָפּט אפילו אין הויפטטראָפן פלעגט מען זיי פארבייגיין, פארלאזנדיק זיך אויפן לייענער. אלזא: „הנט"=האנט, „בלד"=באלד, „דר"=דער, „בויכר"=ביכער.

6) דער „י" באצייכנט ניט נאר א חיריק, נאר אויך א צירה. אין כתב-ידן און אלטע דרוקן פלעגט מען טאקע צושטעלן א צירה-נקודה, אלזא: „מין"=מיין, „ריד"=רייד, א. א. וו.

7) דער „ס" ווערט זעלטן גענוצט אין אלטיידיש, אנשטאט אים ווערט געברויכט א „ש", וואס באצייכנט אלזא ניט נאר דעם קלאנג sch, נאר אויך דעם s: „דש"=דאס, „גרוש"=גרויס", „שוישן"=שיסן.

8) די פאַדערטראפן אד"גל ווערן געשריבן באזונדער פון דעם עיקר-ווארט: „ליטרשפט"=ריטערשאפט, „ור לורן"=פארלארן.

9) טראָף-איין ווערט אָפט אנשטאט דעם „ע" געברויכט אן „א": „ירויאן"=פרויען, „ביאר"=ביער.

וועגן אלטיידישן ראמאן.

א י י נ י ק ע א ו י ס פ י ר ן א ו ן ה ש ע ר ו ת.

ליטעראטור:

Paul Piper. Die Spilmannsdichtung. I.—II. Berlin—Stuttgart (Deutsche Nationalliteratur. II Band).

פֿון נייערע ווערק:

Hermann Schneider, Heldendichtung, Geistliche Dichtung, Ritterdichtung. 1924. Heidelberg.

ל. לאנדוי, „ארטוריען לעדזשענדס“—נ. שטיף, „דיטריך פון בערן“, אין „יידישע פילאָלאָגיע“, נר. 1—3, 1924.

27800 11

1. ווי אַלט איז די יידישע ליטעראַטור?

איך די יאָרן 1864, 1869 האָט שטיינשניידער פּובליקירט אין „סעראַפּעאום" אַ רשימה פון דורכויס אין יידיש-טייטש געשריבענע כּתב-ידן, וואָס נעמט אַרום בערך 80 ווערק. דידאָזיקע רשימה איז ווייט ניט פולשטענדיק: אַסאַך שפּעטער האָט שטיינשניידער פּובליקירט זיינע כּתב-ידן-קאַטאַלאָגן פון דער מינכענער, האַמבורגער און בערלינער ביבליאָטעקן, עס זיינען דערשינען נייבויערס און מרגליות'עס קאַטאַלאָגן פון די געוואַלטיקע אוצרות פון אָקספאָרד און בריטיש מוזעאום. וועגן דעם האַנטשריפטן-באַשטאַנד פון דער פּאַריזער סאָרבאָנע האָבן מיר עד-היום זייער טונקעלע פאָרשטעלונגען. ווייניק אויסגעפאָרשט זיינען אויך די זאַמלונגען פון די איטאַליענישע ביבליאָטעקן. דאַן מוז מען נעמען אין אַכט די קלענערע דייטשע און אַנדערע ביבליאָטעקן, וואו ס'וואַלגערט זיך מסתּמא ניט איין ווערטפולער יידיש-טייטשער אַנטיק. — ענדלעך, פּריוואַטע זאַמלונגען (אַ שטייגער פון פּראָפעסאָר נ. פּאָרגעס אין לייפּציג, וואָס פאַרמאָגט צווישן אַנדערע אַן עלטערן כּתב-יד פון „בבא-בוך", אַ זייער ווי־כטיקן כּתב-יד פראַגמענט פון דעם „שמואל-בוך", אָדער פון גענעראַל-קאָנסול ווילמערסדערפער אין מינכען, דאַן די זאַמלונגען פון דר. מ. גאַסטער אין לאָנדאָן). אויב מיר וועלן אַלזאָ פאַרדאָפּלען די צאָל כּתב-ידן פון שטיינשניידערס רשימה, וועלן מיר זיין נעענטער צום דערגאַנגענעם צו אונדז באַשטאַנד פון די עלטסטע דענקמאָלן פון דער יידיש-טייטשער ליטעראַטור.

דער עלטסטער דאַטירטער יידיש-טייטשער כּתב-יד זאָל זיין פון יאָר 1393 (פגל. באָראָכאָוו נר. 313). אין אַלגעמיין איז אָבער צו אונדז דערגאַנגען אַ מינימאַלע, געציילטע צאָל יידיש-טייטשע כּתב-ידן, געשריבן אין 14 און 15 יאָרהונדערט. דער רוב איז געשריבן אין 16 יאָרהונדערט, יענע ווידער

כתב־ידן, וואס זיינען שפּעטער (אין 17 י״ה) אנטשטאנען, טראגן א צופעליקן כאראקטער און האבן א קנאפּן ליטעראַטור־היסטארישן ווערט. א כתב־יד קאן אבער זיין געשריבן אין 16 י״ה, און לויט זיין שפּראך צוריקגיין אין 15, אמאל אפילו אין 14 י״ה. אסאך יידיש־טייטשע כתב־ידן פון 16 י״ה זיינען טאקע קאפּיעס פון פיל עלטערע אָריגינאלן, וואס גייען ווידער אמאל צוריק אויף א נאך עלטערן כתב־יד. דא העלפט אין ערשטער ליניע דער פילאלא־גיש־שפּראכלעכר אַנאַליז. ווארום, ווי עס זאל ניט זיין אקטיוו דער איבער־שריי־בער, אויסגלעטנדיק און מאָדערניזירנדיק די שפּראך און דעם אויסלייג פון זיין אריגינאל,—ס׳רוב בלייבן שיריים, רודימענטן פון דעם עלטערן נוסח, בפרט, ווען דער כתב־יד איז געריימט, ריימען איז שווערער איבערצומאכן און ס׳פאדערט א גרעסערע אנשטרענגונג מצד דעם קאָפּיסט, צו וואס ער איז ניט שטענדיק געוואקסן.

דאס אנטגילטיקע ווארט וועגן דער אלטיידישער ליטעראטור אין 14 און 15 י״ה וועט אלזא קענען געזאגט ווערן, ערשט ווען ס׳וועט אינווענטאריזירט ווערן אונדזער גאנצער האנדשריפטלעכער פארמעגן. פון דעם אבער, וואס מיר ווייסן שוין, איז איין זאך קלאר: ס׳זיינען פארלוירן געגאנגען, פארניכטעט געווארן אין לויף פון דורות אפשר נאך מער האנטשריפטן, ווי ס׳איז דערגאנגען צו אונדז. בפרט האט געליטן דער כתב־ידן־באשטאנד פון דעם 15 יארהונדערט. מיר קאנען היינט מיט דער גרעסטער זיכערקייט זאגן, אז אין די צוויי יאר־הונדערטער פארן דרוק האט עקזיסטירט א פארצווייגטע יידיש־טייטשע ליטע־ראטור, זי האט געבליט שוין אין דעם 15 י״ה, און איר אנהייב דארף מען זוכן אין 14 י״ה. אונדזער ליטעראטור איז אלזא אלט מינימום 600 יאר, און מיר שטייען איצט אין זיבעטן יארהונדערט פון דער יידישער ליטעראטור־געשיכטע.

2. יידיש־טייטשע ראמאנען פארן 16 יארהונדערט.

כמעט אלע יידיש־טייטשע ביבל־איבערזעצונגען, פאראפראזן און פּאָעמען, וואס פארנעמען אזא וויכטיקן ארט אין דער דרוקטעטיקייט פון דעם 16 י״ה, גייען צוריק לויט די אָריגינאלן, פון וועלכע זיי זיינען באארבעט געווארן, אין דעם 15, אמאל אפילו אין דעם 14 יארהונדערט; די קאטעגאריע

ווערק, וועלכע מיר באהאנדלען אין דעם דאזיקן בוך, די יידיש-טייטשע ראמאנען, שיינט צו זיין ניט יינגער, און אפשר נאך עלטער פון די ביבל-איבערזעצונגען, דער ביישפיל פון דעם יידישן מינעזינגער פון 13 י"ה, זיסקינד פון טרימבערג, באווייזט אפשר גארניט, כאטש זיסקינד האט זיך געהאלטן פאר א ייד, האט זיין יידישקייט ניט פארלאזן, דאך האט ער געזונגען פאר קריסטן און איז געווען, ווי מיר רופן עס היינט, אסימילירט. עטוואס וויכטיקער איז דער פארבאט פון ר׳ יודא חסיד אין זיין „ספר חסידים" צו וויקלען ספרים אין פאפיר, אויף וועלכן ס׳זיינען געשריבן „רומאנץ" (ר׳ יודא חסיד איז געשטארבן אין רעגענסבורג דעם 22 פעברואר 1217, אפשר 1213). די העברעישע איבערזעצונג פון דער איטאליענישער באארבעטונג פון דעם ארטור-ראמאן, „לאנסעלאט דעל לאק" פון יאר 1279 שיינט צו זיין א פארייגצלטע דערשיינונג, א ליטעראַרישער קוריאָז, מיר האבן אבער ידיעות, און מער ווי ידיעות, וועגן א ריי ראמאנען, וואס זיינען געווען גוטבאקאנט, באליבט און געזונגען ביי יידן נאך פארן 16 יארהונדערט.

דעם אויבנאָן פאַרנעמט דא א יידיש-טייטשער ארטור-ראָמאַן, וואס איז דורך א גליקלעכן צופאל צו אונדז דערגאנגען אין צוויי כתב-ידן, וואס געפינען זיך אין דער האמבורגער ביבליאטעק, און א ריי דרוקאויסגאַבן. אויב כ׳האב ריכטיק פארשטאנען שטיינשניידערס אנמערקונג („העברעישע איבערזעצונגען", בערלין, 1893, צווייטער באנד, ז. 967), דארף זיך נאך א דריטער כתב-יד געפינען אין פריוואטבאַזיץ פון א געוויסן דר. גינסבורג. דער דאזיקער ראמאן איז בלתי-ספק דאס ווערק פון א יידישן שפילמאן פון דעם 14 י"ה. דער יידישער שפילמאן האט דעם שטאף—דעם „וויגאַלויאַ" פון ווירנט פון גראַוועגבערג—באראנדלט זייער זעלבשטענדיק, געקירצט און אפט פארענדערט די פאַבולע.—קאָרנעליאָ אַדלקינד אין זיין הקדמה צו אליהו בחורס תהלים-איבערזעצונג (1545), שטעלט אנטקעגן די געטליכע „שמועות" קעגן „טיטריך פון בערן" אדער „דער שוינן גלויק".—ס׳איז קאָמיש, ווייל אליהו בחור, דער מחבר פון דער תהלים-איבערזעצונג, וועלכע אַדלקינד רעקאמענדירט זיינע לעזער, האט אליין פארפאסט ניט איין ראמאן. אָט ווייסן מיר שוין אבער וועגן צוויי פאָפולערע ווערק אויף דער יידישער גאס, „דיטריך פון בערן" און „דער שיינער גליק". ס׳איז אבער ניט די ערשטע ידיעה וועגן דיטריך פון בערן. 1544 קלאגט דער משומד מיכאל אדם אין זיין הקדמה צו דער קאָנסטאַנצער חומש-איבערזעצונג אויף די נארישע ביכער „דיטריך פון בערן"

און „הילדעבראַנט“. נאָך פּריער, איין זיין 1507 פאַרפאַסטן בבא־בוך, פאַרגלייכט אליהו בחור זיין העלד בבא צו די העלדן דיטריך פון בערן און הילדעבראַנט: „איך האלט עש זייא ווידר אויף ג׳שטאַנדן דיטריך פון בערן. אודר הילדבראנט דיא זעלביגן הערן“ (בלאט ל״ב, לויט דער אמסטערדאַמער אויסגאבע 1661). אין דער לידערזאמלונג פון מנחם אָלענדאָרף פון יאר 1517 געפינען מיר ווי־ דער דריי לידער „בניגון הערצוג ערנשט“, אויך די דאזיקע דייטשע העלדן־ זאגע איז אלזא געווען פּאָפּולער אין דער יידישער גאס. דער אַנאַליז פון דעם דערמאנטן יידיש־דייטשן ארטור־ראמאן באווייזט, אז דער יידישער שפּילמאן איז געווען באַהאַוונט אויך אין אנדערע ווערק פון דער דייטשער ריטער־דיכטונג, אזוי צ. ב. האט ער איין עפּיזאָד גענומען פון דער פּאָעמע „ווילהעלם פון אָרלעאן“ פון רודאלף פון עמס. אויך דאס „ניבעלונגען־ליד“, דער גרויסער דייטשער העלדן־עפּאָס, איז געווען גוט באקאנט אויף דער יידישער גאס, אזוי ווייט, אז מען האט געקליידט תנך־פּאָעמען אין זיין מעטרישן לבוש, אין דער אזוי גערופענער „רויזנגארטן־סטראָפע“. קורץ: דער דייטשער העלדן־ עפּאָס און ריטערראָמאַן האט קורסירט אין יידיש־טייטשע באַרבעטונגען אין דעם געטא נאָך אין 14—15 י״ה.

סוף 15 יארהונדערט, און בפרט אין 16 יארהונדערט בליט זיך פונאנדער אין דייטשלאַנד די פאָלקסביכער־פּראָדוקציע, וואס גיסט איבער די העלדן־זאגע און דעם ריטערראָמאַן אין ווייניק ווערטפולע פּראָזאבאַרבעטונגען. עס מוז נאָך געגעבן ווערן אויסגעפארשט, צי שטאמען די יידיש־טייטשע דרוקאויסגאבן פון „הערצוג ערנשט“, „דער שמיד ווילאַנד“, „ליבשפט פלארוס און פלאנקפלער“, „טריסטאן און איזאלדא“, און בפרט די יידישע אויסגאבע פון „זיגענאט“, קראָקע, 1597, פון דעם דייטשן פאָלקסבוך,—דאן איז זייער ליטעראטור־ היסטארישער ווערט ניט זייער גרויס,—אדער זיי גייען צוריק אויף עלטערע נוסחאות פון דעם 14—15 י״ה. עס קאָנען אונדז דא דערווארטן גרויסע איבערראשונגען.

3. דער געביט פון דער יידישער שפּילמאַן־דיכטונג.

איך וויל דא ארויסזאגן די השערה, אז דער יידישער שפּילמאַן, וואס האט פארפאסט דעם ארטור־ראָמאן, איז ניט געווען קיין פאראיינצלטע דערשיינונג,

אז אין די צווייטע העלפט פון פופצעטן יארהונדערט האט ביי יידן עקזיסטירט א גרופע פראפעסיאנעלע, מן-הסתם וואנדערנדיקע פאלקסזינגער, וואס האבן געזונגען און רעציטירט אין פייערלעכן, עפּישן טאן. מיר האבן אלזא אין יענער צייט צוויי קאטעגאריעס „געזעליקייטס-לייט", א באזונדערע קאטעגאריע לוסטיקמאכער — בדחנים און לצים, און א באזונדערע קאטעגאריע ערנסטע, עפּישע זינגער. וואס איז געווען דער געביט פון זייער דיכטערישער אנשטרענגונג?

מען האט געזוכט און מען זוכט דעם מחבר פון דעם „שמואל-בוך" מען וועט אים ווארשיינלעך ניט געפינען. ווארום דער „שמואל-בוך" געהערט באשטימט ניט דעם 16 יארהונדערט. די ערשטע צו אונדז דערגאנגענע דרוק-אויסגאבע פון דעם „שמואל-בוך" איז דערשינען אין אויגסבורג אין יאר 1544. אבער שוין אין נאכווארט זאגט דער ארויסגעבער:

דען ניגון בון דעם ספר שמואל
דען קאָן כל ישראל.

נאך פאר דער ערשטער דרוקאויסגאבע פון דעם „ספר שמואל" האט אים אלזא גוט געקאנט כל ישראל. די צוויי כתב-ידן פון דעם שמואל-בוך, וואס געפינען זיך אין דייטשלאנד—דער האמבורגער כתב-יד נר. 33, געשריבן דורך ליווא פון רעגענסבורג, און דער פּאַרגעס-כתב-יד אין לייפּציג,—ווייזן אויף לויט שפּראכלעכע סימנים, אז דער שמואל-בוך איז פארפאסט געווארן שפּעטסטנס אין דעם 15 י"ה. כ'וויל דא ארויסזאגן די השערה, אז אויך דער מחבר פון דעם שמואל-בוך האט אנגעהערט צו די יידישע עפּאָס-דערציילער, צו די פייערלעך-געשטימטע יידישע שפּילמאנס. שוין די דרייסטע אידיי דעם תנך-בוך איבערגיסן אין די ניבעלונגישע סטראפע איז כאראקטע-ריסטיש פאר דעם יידישען שפּילמאן, וואס האט אפּערירט ניט ווייניקער, און אפשר נאך מער מיט דייטשע העלדן-עפּאָסן, ווי מיט יידיש-טראדיציאנעלע שטאפן. אבער אויך אינהאלטלעך איז דער „שמואל-בוך" שטארק אָנגעווייעט מיטן דייטשן עפּאָס. כסדר באגעגענען מיר אויך אין דעם שמואל-בוך דעם אויסערלעכן, טעכנישן שפּילמאן-אפּאראט (די ציטאטן און נומעראציע ברענג איך לויט דער אויגסבורגער אויסגאַבע 1544): די כסדרדיקע ווענדונגען צום פּובליקום, בכדי איינהאלטן זיין אויפמערקזאמקייט און שפּאנונג: „ע ל י דער כהן גדול דיא ורויא ער אן זאך. נ ו ן מ ו י כ ט א י ר ג ע ר ן ה ו י ר ן וויא ער צו איר שפּרך"...—סטראפע 25, „ער אנפּפינג אין נוך אירן ער אין

גערן אן זאך. נון מוכט איר גערן הוירן וויא ער צו אים שפרך"...— סטראפע 150. כסדרדיקע פאַרזיכערונגען וועגן דער ווארהאפטיקייט פון דעם דערציילטן, אפט אפילו צוויי מאל אין איין סטראפע: „אוניטרוג זיא האלט בון דאנן בור וואר איך אויך דש וויל זאגן... זיין הערץ ווש אים דר שרוקן דש זאג איך אויך בור וואר"—סטראפע 80. „שילה וואַרד בור שטוירט דש וויל איך אויך בור יעהן... ישראל ורום וואַרן דש זאג איך אויך בור וואר"—סטראפע 115.—פאַררופונגען אויף א שפילמאנישער טראדיציע: „ער זוכט זיא אין לאנד בנימין אז מיר הון ור נומן"—סטראפע 138.—דער שפילמאנישער איבערגאנג פון איין האנדלונג צו דער אנדערער: „מיר וואלן זיא לושן שטרייטן דיא ריכטן זיך זער אן. מיר וואלן וואונדר זינגן בון איינם קליינן מאן"—סטראפע 232. „נון לושן מיר דוד דען קליינן גון צו רעכטר מוש. אונ' וואלן וואונדר זאגן בון איינם ריזן גרוש"—סטראפע 255. דער שפילמאנישער גרויסקייט-זשעסט און געלערטער-אָנשטעל: „ער גינג אויבר איין קרויט דש פולמוס גינאנט. דש זעלביגן קרויט קראפט טוא איך אויך ביקאנט"—סטראפע 442.—א. א. וו.

אויך די ברודער-פּאָעמע פון דעם שמואל-בוך, דער „מלכים—בוך" געהערט דאן צו דער שפילמאן-ריכטונג. אין מאַנטואַ איז 1564 דערשינען א גערײמטע שופטים-איבערזעצונג, אויך זי גייט צוריק אויף א עלטערן נוסח פון דעם 14—15 י"ה. ביי דער גרינטלעכער רעדאקציע פון דער מאנטוער אויסגאבע קאן מען נאך אין איר געפינען שפורן פון א שפילמאן-ווערק.

שטערק-לייטצמאן (ז. 228) זאגן זיך ארויס, אז די פּאַראַפראַזירנדיקע באַאַרבעטונגען פון ביבלישע שטאפן זיינען ווארשיינלעך עלטער, ווי די בלויזע געריימטע איבערזעצונגען פון ביבלישע ספרים. איך גלויב, אז דעם מאטיוו פאר דעם עלטערן אורשפרונג פון די געריימטע ביבל-פּאַראַפראַזן פון דעם 14—15 י"ה דארף מען זוכן אין דער השערה, אז זיי האבן אנגעהערט צום קרייז פון דער שפילמאן-דיכטונג. אזוי צ. ב. איז צו אונדז דערגאנגען א אסתר-פּאַראַפראַזע (כתב-יד מינכען נר. 347), וואס איז קאָפּירט ווייזט אויס אין דער צווייטער העלפט פון דעם 16 י"ה פארפאסט אבער אין 14 י"ה. זי איז זייער כאראקטעריסטיש, די מינכענער פּאַראַפראַזע, ניט נאר, ווייל זי פארמאָגט גאר ווייניק העברעישע ווערטער, כאטש זי אפעלירט כסדר מיטן גאנצן מדרש-אפאראט צו דער מגילה, נאר אויך מיט אירע אפילו פאר יענער

קנה חכמה

ספר שמואל

דאש בוך שמואל אין טויטשר שפראך הויפש
אונ בישיידליך וויא קורץ ווייל
דארינן צו לייאן :

דער שמואל אישט דש ערשט טייל בון דען ספר
מלכים דען עש קערט אלש צו איינדר בור האבט
איר דש ספר מלכים אונ איצונד האב איך דען
שמואל דר צו גדרוקט אלש אין כתב :

גדרוקט אין דער קייזרליכן שטאט אוגשפורג
אים יאר דא מאן צלט דרייא הונדרט אונ
ויר אין דער קליינן צאל :

שער-בלאט פון דער ערשטער אויסגאַבע פונם „שמואל-בוך“, (אויגסבורג, 1544).

צייט גרילצנדיקע דייטשמעריזמן. דער מלך שלמה הייסט כּסדר, לויטן מוסטער פון דער דייטשער מיטלעלטערליכער דיכטונג (דאס הויפּטווערק פון דעם דייטשן שפּילמאן הייסט „זאַלמאַן און מאָראָלף") „זאַלמאַן" (זלמן), אפילו משה הייסט אין איין ארט „מאָזעס" („לוש דיר לעזן מוזיש בוך" — בלאט 103 אָ). מצרים הייסט „יפּטן לאנד". אפשר געהערט צום שפּילמאן-קרייז אויך די קאָפּלמאַן-פּאַראַפראַזע (כּתב-יד האמבורג נר. 34). ספּעציעל פאר פּורים, דעם יום-טוב פון אלערליי גוזמאות-קייטסלייט האט אויך דער עפּישער זינגער געמוזט עפּעס האבן אין זיין רעפּערטואר.

מיט דעם איז אונדז שוין קלאר דער געביט פון דער יידישער שפּילמאן-דיכטונג: ער האט קודם-כּל ארומגענומען דעם דייטשן העלדן-און-ריטערעפּאס. דער צווייטער געביט, וועלכן ס'האט באַארבעט אונדזער שפּילמאן, זיינען הנבֿישע שטאפן. אפשר געהערט דא אויסער די אויסגערעכנטע, אויך „עקידת יצחק" (כּתב-יד האמבורג 209, 15 י"ה.), און פיל אנדערע, צו אונדז שוין ניט דערגאנגענע 1). ס'איז קלאר, אז ביידע געביטן האבן זיך אויסגעמישט: די יידישע שטאפן זיינען באַאיינפלוסט געווארן פון די קריסטלעכע פארמעל און אינהאלטלעך.

4. דער דייטשער שפּילמאן און זיין ליטעראטור-געשיכטלעכע ראליע.

וועלנדיק זיך שאפן א באגריף וועגן דער יידישער שפּילמאן-דיכטונג, וועלן מיר אָפּט מוזן זיך באנוצן מיט דער אנאלאגיע צום קריסטלעכן קאלעגע פון דעם יידישן שפּילמאן, און די האמבורגער ארטור-כּתב-ידן לערנען אונדז, אז ערטערווייז וועט די אַנאַלאגיע זיין ביז צום שטויגען גענוי. אָן נאענטע באציונגען צווישן די קריסטלעכע און יידישע פאלקסזינגער וואלט די געוואלטיקע פארשפּרייטונג פון דעם דייטשן ראמאנטישן עפּאס אין דעם געטא אונמעגלעך געווען. — ווי ווייט קאָן אונדז דינען דער אנאלאגיע-מעטאד?

דעם אנהייב פון דער דייטשער שפּילמאן-קונסט דארף מען זוכן נאך פאר דעם 9 י"ה. די צו אונדז דערגאנגענע, אזוי גערופענע ריינע שפּילמאן-ווערק זיינען געשאפן געווארן צווישן דעם אנהייב פון דעם צוועלפטן יארהונדערט און דעם אנהייב פון דעם פערצנטן. דידאזיקע צוויי י"ה זיינען אלזא דער גלאַנצפּעריאד פון דער דייטשער שפּילמאן-דיכטונג. דער דייטשער שפּילמאן

שטאמט דירעקט פון דעם שפאסמאכער, פון דעם לץ. דער לאטיינישער אויס־דרוק „מימוס", „יאָקולאטאר", „מקוררא", „היסטריאָ" ווערט אין אלטע קוועלן אפט גלאָסירט מיט „שפילמאן". דער שפילמאן האט געוואנדערט צוזאמען מיט זיינע חברים,—דעם מימוס, וואס האט געפירט א בער, וואס פלעגט טאנצן אויף צוויי פיס,—די לוסטיקמאכער, וואס האבן געקעמפט איינער מיטן צווייטן אדער רייטנדיק געפארן אויף דעם חברס רוקן,—די קונצנמאכער, וואס זיינען געגאנגען אויף א דינעם שטריק,—די ווייבער, וואס האבן געטאנצט פאר דעם פערזאמלטן עולם,—ווארום אויך ווייבער האבן אין א גרויסער צאל מיטגעוואנ־דערט מיט די „פאָ־נדיקע לייט". די שפילמאנס אליין האבן געטאנצט, גע־שפרונגען, האבן אויפגעפירט לוסטיקע און ניט זייער זויבערע שטיק, האבן אויסגעלאכט זיך אליין און אנדערע. גלייכצייטיק האט זיך דער שפילמאן פארנומען מיט מוזיק, ער האט געבלאזן אין דעם פאָזון, געטרומייטערט, גע־פויקט, געשפילט אויף דער הארפע, אויפן פידל און אויף דער פלייט. ענדלעך האט דער שפילמאן איבערגענומען אויך דאס פאָרזינגען פון אלטע, אין פאלק פארשפרייטע געזאנגען,—און העלדן־דערציילונגען, און די רעציטאציע פון אייניקע געדיכטן. אלע צוזאמען האבן געהייסן "diu varnde diet„ – „דער וואנ־דערנדיקער עולם". ווייל זיי האבן אין מחנות געצויגן פון לאנד צו לאנד, פון שטאט צו שטאט. צושטיין פלעגן צו זיי אלערליי אומרויקע, וואגאבונדישע נאטורן. און באזונדערס האט געקלעבט צו זיי דער פריילעכער און שוין שטארק אָפגעלאזנער קריסטלעכער סטודענט, דער אפיקורסיש־געווארענער „קלעריקוס", וואס האט שוין פארלארן דעם מוט, די האפנונג און די לוסט זיך דראפן אויפן מאנאטאנעם היערארכיע־לייטער פון דער קאטוילישער קירכע, און ער, דער תמיד וואנדערנדיקער, תמיד הונגעריקער און אייביק דורשטיקער פלעגט זיך אויף א נאטירלעכן אופן אריינגיסן אין די קנאפ־געבילדעטע, אבער ניטווייניקער פריילעכע און ניט ווייניקער הונגעריקע קאָמעדיאַנטן־באנדע. זייערע פארשטעלונגען פלעגן פארקומען אין גאס, אין מארק, אויפן שליאך.— וואס מער ס'זיינען געוואקסן די באנדעס „וואנדערנדיקן עולם", אלץ שווערער איז זיי אנגעקומען די פרנסה, און אלץ מער קרום האבן אנגעהויבן אויף זיי קוקן די גייסטלעכע, די שטעטישע פרנסים, דאס געזעץ.—זיי האבן אנגעהויבן זיך פונאנדערטיילן, ספעציאליזירן, דיפערענצירן. אזוי האט זיך אויסגע־טיילט דער שפילמאן אלס זינגער, דערציילער פון פאלקסשטיק. ער האט אנגעהויבן שטרעבן צו עפיס העכערס, פארטיפן זיין שטאף, ערנסטער מאכן

זיין פארטראג, זיין טאן, זיין גאנג און צוגאנג צו דער טעמע און צום גאַפנדיקן, הארכנדיקן עולם. דער שפילמאן האט באקומען גרעסערע אמביציעס; ער, דער פראפעסיאָנאליסט, האט מיטן חוש פארשטאנען, וואו דער ווינט בלאזט, און מיט אלע כּחות האט ער געקעמפט פאר זיין שטעלונג אין דער געזעלשאפט, פאר זיין מאכט איבערן פּובליקום, פאר זיין באזונדערער פּאָזיציע צווישן אנדערע דיכטנדיקע גרופּעס. אבער תּמיד איז איבער אים און זיין שאפונג געהאנגען די געלע לאטע פון זיין לצנישער, קאמעדיאנטישער אפּשטאמונג, און העכער פון זיך אליין האט ער קיינמאל ניט באַוויזן צו שפּרינגען.

דער גלאנצפּעריאָד פון דער שפילמאן-דיכטונג פאלט אויף דער צייט, ווען ס׳לעבן נאך אין פאלק די אלטע הע״דן — און געטער-זאַגן, דאך גליווערן זיי און ווערן אפּגעשטופּט פון מאדערנע, פון דער פרעמד קומענדיקע שטאפן. עס דיכטן די גייסטלעכע, און דורך זיי פארשפּרייטן זיך פּאעטישע לעגענדן, אויסגעבויט אויף קריסטלעכע מאטיוון. גאר א מעכטיקער קאָנקורענט אנטשטייט פאר דעם שפילמאן אין דעם דיכטנדיקן ריטער, יענעם, וואס דיכטונג איז פאר אים בלויז א נעבנבאַשעפטיקונג, און וואס שעפּט מיט ביידע הענד פון דעם רייכן קוואל פון פראנצויזישע ריטעראמאנען. צווישן אט די דריי דיכטערישע צענטרען, צווישן דעם פאלק און זיין יינגאלטן עפּאס-אוצר, דעם גייסטלעכן פּאעט מיט זיין קריסטלעכער לעגענדע, און דעם ריטער מיט זיין ליבע-קולט און ריטערלעכער אַוואַנטיורע באוועגט זיך נערוועז, אומרויק און האסטיק די שפילמאן-דיכטונג: באוועגלעך, ווי קוועקזילבער, און ווי קוועקזילבער עמפּפינדלעך צו יעדער ענדערונג פון דער קינסטלערישער טעמפּעראטור; עלאסטיש און פּלאַגיאַטאריש, כאפּנדיק דא רעשטלעך און דא שיריים, א לעק געבנדיק דא און א שמעק געבנדיק דארטן. ער, דער נעכטיקער לץ, האט דעם מוט קאנקורירן מיטן פייערלעך געשטימטן ריטער-דיכטער, און אויף זיין אייגענעם געביט: פארוואס זאל אויך ער ניט, דער שפילמאן, באַארבעטן און פארזינגען ריטעראמאנען? זיין חבר, דער פארקראכטער סטודענט, טראגט צום פאלק באַארבעטע גייסטלעכע דיכטונגען, און ווער איז געשטאנען אויף דער וואך פון דעם נאציאנאלן העלדנעפּאס, ווען ניט דער שפילמאן אין זיין בונטן, פון שטיקלעך געוועבטן אויסערלעכן און גייסטיקן מלבוש.

אזוי איז דער שפילמאן געווארן דער פארבינדנדיקער צענטער צווישן אלע שאפנדיקע דיכטערישע כּוחות פון דעם דייטשן פאָלק אין דידאָזיקע

גרויסע יארהונדערטער פון דער דייטשער מיטלעלטערליכער דיכטונג, אבער אומעטום, פון אלע זיינע ווערק, האט ארויסגעקוקט זיין פחדנישע, און דאך דרייסטע, בארימערישע, און דאך פוסטע, שנארנדיקע, קבצנישע, הונגעריקע און דאך אזוי פרייליכע, לעבעדיקע און אפטימיסטישע נשמה.

5. כאראקטער און טעכניק פון דער יידישער שפילמאן-דיכטונג.

נעמען מיר אן די היפאטעזע פון א יידישער שפילמאן-דיכטונג, איז קלאר אז זי איז ארויסגעוואקסן אין א גאנץ אנדערער ליטעראטור-געשיכטלעכער סיטואציע. קודם-כל מוזן מיר נעמען אין אכט, אז דער יידישער שפילמאן האט ניט געהאט קיין שום קאנקורענץ, פון וועלכער ס'האט געהאט אזויפיל אויסצושטיין זיין דייטשער קאלעגע, און וואס האט אזוי שטארק באשטימט דעם שיקזאל פון דעם דייטשן שפילמאנישן שאפן. ריטער האבן ביי יידן ניט עקזיסטירט, ממילא ניט קיין ריטער-דיכטער, און אויך אונדזערע גייסטלעכע האבן ניט געדיכטעט, און פאלקסעפאסן האבן מיר אין גלות ניט באשאפן. עס האבן זיך געוועבט און געשאפן אין פאלק לעגענדן און מעשהלעך, אמאל האבן זיי זיך אפילו ארומגעוועבט ארום איין-צוויי העלדן,—א שטייגער דער רעגנסבורגער ציקל לעגענדן ארום שמואל און יודא חסיד,—דאך האבן זיי ניט ארויסגעוויזן קיין שום טענדענץ זיך פארשטייפן צו אן עפישער גאנצקייט, בילדן אן עפישן קערפער. קורצע, אפגעהאקטע מעשהלעך, וואס פלעגן זיך לייכט בינדן און נאך לייכטער פונאנדערפאלן. מיר האבן ניט באשאפן קיין עפאס אפשר צוליב דעם כאראקטער פון אונדזער גלות-געשיכטע, וואס איז דורך און דורך פאסיוו: ניט מיר האבן געמאכט געשיכטע, אויף אונדזערע געמאטערטע קערפערס האבן אנדערע זי געמאכט.—דער יידישער שפילמאן איז אלזא אוועק צו יענער שאפונג, וואס איז געווען אי עפיש, אי גייסטלעך, אי פאלקסטימלעך,—צום תנך. און ערשט דא קאנען מיר אויפהויבן דעם איבערגעריסענעם פאדים פון אנאלאגיע: דער יידישער שפילמאן איז לויט זיין מהות, ענלעך צו זיין קריסטלעכן קאלעגע, א פארמיטלער. ווי יענער האט פארמיטלט צווישן דער פאלקסטימלעכער, גייסטלעכער און ריטערלעכער דיכטונג, אזוי האט דער יידישער שפילמאן פארמיטלט צווישן דער קריסטלעכער דיכטונג און דעם תנך, דעם יידישן פאלקסמענטש, דער פרוי, דעם

פראסטן בעל-הבית האט ער נעענטער געבראכט, בילדלעכער און לעבעדיקער געמאכט די וועלט פון דעם תנך. אבער זיין דיכטונג האט אירע הויפטזאפטן געשעפט פון דער קריסטלעכער קונסט. אזוי האט ער ניט נאר די קריסטלעכע געזאנגען אריינגעבראכט אין דעם געטאָ: ער האט אויך לויט זיין געשמאק און פראפעסיאָנעלער אויסבילדונג בעארבעט דעם תנך, איבערגיסנדיק אים אין ריטערלעכע פורעמס. דער תנך האט אנגעהויבןווימלען מיט „הערצוגן” און „גרובן” (גראפן) און ריטערלעכע עפיזאדן. — אזוי איז אנטשטאנען דאס גרעסטע ווערק פון דעם יידישן שפילמאן, דער „שמואל-בוך”.

מיר האבן אזוי שפעט איבערגענומען די שפילמאנישע דיכטונגסקונסט, אז ס'איז אונדז ניט נויטיק היסטאריש אפלייטן דעם יידישן שפילמאן פון דעם לין, דעם לוסטיקמאכער, מיט וועלכן דער ערנסטערער יידישער פאלקס-זינגער האט מן הסתם גארניט געהאט געמיינזאם. מיר טארן אויך ניט אונטער-שיידן צווישן די יידישע פאלקסדיכטער פארשיידענע גרופן: בלי ספק איז דער מחבר פון דעם „שמואל-בוך” געווען א גרויסער דיכטער, בעת דער שפילמאן, וואס האט פארפאסט דעם ארטור ראמאן, איז געווען בלויז א גוטער טעכניקער. דאך זע איך ניט קיין תהום צווישן ביידע מחברים און זייערע ווערק. פון איין זייט, האבן די מחברים פון די ביבלישע פאעמען כלל ניט געהאט אין זינען בלויז פרומע „גייסטיקע ציִלן”, — פון דער אנדערער זייט, איז דער יידישער ארטור-מחבר אן א פארגלייך אנשטענדיקער פון דעם קריסט-לעכן קאלעגע, און דראסטישע סצענעס און מאטיוון זיינען אין דעם ארטור-ראמאן לחלוטין ניטא, בעת זיי פעלן ניט אין די ביבלישע גערײמטע פארא-פראזן. דער מחבר פון דעם „מלכים-בוך” שטעלט זיך צ. ב. אפ מיט א גרויסער דעטאליזירונג אויף דעם עפיזאד פון אבישג השונמית, וואס ווארעמט דעם אלטגעווארענעם מלך דוד. דער דאזיקער עפיזאד פארנעמט אין תנך דריי פסוקים; ביי אליהו בחור, וואס האט אים איבערגענומען אין דעם „בבא-בוך”, ווי מיר שיינט מיט שפורן, פון דער יידיש-טייטשער פאראפראזע, זיינען עס צוויי סטראפן, אלזא 16 שורות; ביי דעם יידישן שפילמאן, וואס האט פאר-פאסט דעם „מלכים-בוך”, זיינען די דריי תנכישע פסוקים אויסגעוואקסן אין גאנצע 13 סטראפן, מיט אזא מין פיקאנטן צוגאב: אבישג השונמית פאדערט נאך א געוויסער צייט פון דודן, ער זאל זי נעמען פאר א ווייב, אויף וואס דוד ענטפערט, אז ער טאר עס ניט, ווארום גאט האט אים פארבאטן נעמען מער, ווי 18 ווייבער. דערויף ווארפט אים פאר אבישג מיט זלזולים, אז מען-

הסתם דרייט ער זיך ארויס מיט א תירוץ, בכדי צו פארהוילן, אז ער איז שוין נישט גענוג מענלעך. אלס תשובה רופט דוד אריין זיין געזעצלעכע ווייב בת-שבע און גיט אויפן ארט א באווייז פון זיין כח-גברא „וויא איין יונגר בעל בית דער ערשט ברוילפט הט״ (ברוילפט-חתונה). ענלעכע פיקאנטע שטעלן פעלן ניט אויך אין דער מינכענער פאראפראזע, ווו דער מחבר סמאקעוועט צ. ב. דעם איינדרק, וואס אסתר מאכט אויפן סריס חגי. און ווייטער דארף מען ניט פארגעסן, אז הינטער דעם שמואל-בוך-מחבר איז סוף-כל-סוף געשטאנען דאס גרויסע, פייערלעכע און קריסטאלענע ווארט פון דעם תנך, און הינטער דעם ארטור-מחבר — ווירנטס גענוג שוואכער ראמאן, און דערצו זיינען נאך די פאזיטיווע זייטן פון ווירנטס ווערק — זיין יינגע ריטערלעכע באגייסטערונג — דעם יידישן מחבר געווען לחלוטין ניט צוגענגלעך. קורץ, איך גלויב ניט, אז ס׳האבן עקזיסטירט צוויי קאטעגאריעס פאלקסזינגער אויף דער יידישער גאס, זינגער פון ביבלישע פאעמען און זינגער פון ריטערראמאנען.

פון דער אנדערער זייט און מיר גייען דא איבער אין דעם געביט פון דיכטערישער טעכניק האבן עקזיסטירט צוויי טיפן פון שפילמאנישן פארטראג. איינעקע ווערק זיינען באשטימט געזונגען געווארן, איינעקע בלויז רעציטירט. דער שמואל-בוך איז באשטימט געזונגען געווארן, און „בניגון שמואל-בוך״ באטייט ניט די מעטריק פון דעם „שמואל-בוך״, נאר זיין מעלאדיע. פאראן דערויף א סאך ראיות. כ׳וועל דא בלויז קורץ פארצייכענען, אז תמיד הייסט ביי דעם מחבר פון דעם שמואל-בוך זיין טעטיקייט „זינגען״ בעתביים מחבר פון דעם ארטור-ראמאן הייסט זי תמיד „זאגן״, מיר דארפן בלויז באדויערן, וואס ס׳איז פארלוירן געגאנגען די דאזיקע פאפולערסטע מעלאדיע אויף דער יידישער גאס, פאראן ראיות, אז נאך סוף 17 י״ה איז זי געווען באקאנט, [1] א יונה פאראפראזע איז דערשינען בניגון „שמואל-בוך״ פאר 1686 [2], דער כלל איז, אז ווערק מיט א פעסטער סטראפע זיינען ווארשיינלעך אלע געזונגען געווארן, פארקערט דער ארטור-ראמאן איז פארפאסט אין שורות מיט ריימפארן, און די לענג פון די שורות איז ניט פעסט באגרענעצט, ער איז בלתי-ספק בלויז רעציטירט געווארן, פארגעלעזן געווארן מיט א געוויסער אינטאנאציע. דאס ווירקט שוין אויף דער באציאונג צום פובליקום: ווערט דאס שפילמאן-ווערק געזונגען, צופאלט זיך עס אין פעסטע סטראפן, דאן דערלויבט שוין ניט די פעסטע סטרוקטור עפעטערע ווענדונגען צום פובליקום, פונזיכדיקע באמערקונגען פון דעם שפילמאן און איבערחזרונגען, און אויך דער געזאנג צווינגט קאנ-

צענטרירן זיך אויפן ליד, ווארפט אפ פון דעם פובליקום; בעת די רעציטאציע ווירקט פארקערט אין דער ריכטונג צום פובליקום, און רופט ארויס אן א שיעור באמער־קונגען, צוגאבן און איבערחזרערונגען. דאן מוז מען נעמען אין אכט די הייליקייט פון דעם תנכישן טעקסט, די גרעסערע אפהענגיקייט פון דעם טעקסט ביי תנכישע באארבעטונגען, ענדלעך, אז דער תנכישר מאטעריאל איז דעם עולם סוף־כל־סוף מער ווינציק באקאנט, בעת דער ריטערליכער ראמאן איז דעם צוהערער לגמרי ניי, און ס׳קאנען דא האבען א גרויסע ווירקונג הקדמות און באמערקונגען, וואס זייער אויפגאבע איז צו שטארקן די נייגיריקייט און אויפמערקזאמקייט פון דעם צוהערער, אים אויפמערקזאם מאכן, אז איצט קומען גאר וואונדערלעכע אינטערעס. אינטערעסאנט איז, אז אין די תנכישע פאראפראזנגעפינען מיר אזעלכע שפילמאנישע באמערקונגען, ס׳רוב ביי אייניקע לעגענדארישע צוגאבן, וועלכע זיינען ניט פאראן אין דעם תנכישן טעקסט. אזוי צ. ב. אין דער שופטים־פארא־פראזע (מאנטוא 1564) אין דעם לעגענדאריש־אויסגעלייגטן מיכה־עפיזאָד: „דא שטונד מיכא בייא דעם בויאר, דא דש גולד לאג אים טיגל. איר מויכט הוירן אבנטויאר״ א סטראפע ווייטער: „נון הוירט צו מיר, ליבן ורוינט!״.

מיר האבן ליידער גארניט געטאן ביז איצט פאר דער עסטעטישער אויספארשונג פון די ביבלישע ריימפאראפראזן. די גרויסע דיסקוסיע ארום דעם שמואל־בוך האט געטראגן א ביבליאגראפישן, פארמעלן כאראקטער. און גראד דער שמואל־בוך און זיינע ברידער־ווערק קאן ווארפן א ליכט אויף יענע פראגן, וועלכע ס׳רוקט ארויס אונדזער היפאטעזע פון דער יידישער שפילמאן־דיכטונג. מיר מוזן זיך אויסלערנען דערקענען ניט נאר די ווערק פון דעם שפילמאן, נאר אויך זיינע שפורן, פוסטריט אין שפעטערע, צו אונדז דערגאנ־גענע באארבעטונגען. אפשר וועט אונדז אזוי געלינגען זיך שאפן א פארשטע־לונג וועגן א גאנצער פארשאטענער, אויסגעלאשענער עפאכע.

6. טעכניק פון דער יידישער שפילמאן־דיכטונג.

אייניקע זאכן האט אלזא דער יידישער שפילמאן געזונגען, אייניקע רעציטירט. די מעלאדיעס זיינען ס׳רוב גענומען געווארן פון דער פרעמד, מעלאדיעס פון דייטשע פאפולערע לידער, ער האט זיך אבער אויך באנוצט מיט יידישע פאפולערע רעליגיעזע מעלאדיעס. צי האט דער יידישער שפילמאן אויסגעווייניק רעציטירט זיינע ווערק? די מאדערנע דייטשע ליטעראטור־פארשונג

זאגט זיך ארויס קאטעגאריש קעגן דער אזוי פאָפּולערער פארשטעלונג, אז די ריטער-דיכטער האבן אויסגוויינִיק רעציטירט זייערע ווערק. שוואכער שוין איז די פראגע באַארבעט געווארן בנוגע דער דייטשער שפּילמאן-דיכטונג. (פ ג ל. הערמאן שניידער, ז. 220). שווער אויך צו גלויבן, אז די גרויסע יידישע תנכישע פאעמען און ריטערלעכע ראמאנען זיינען אויסגוויינִיק רעציטירט געווארן. ביי דעם קריסטלעכן שפּילמאן און ריטער-דיכטער שטעלט זיך דא אויף די אינטערעסאנטע פראגע, אויף וויפיל דער דיכטער און זינגער האבן בכלל געקאנט לעזן און שרייבן? דער גרויסער פארסיפאל-דיכטער, וואלפראם פון עשענבאך, זאגט קלאר, אז ער קאן ניט קיין אות, און אויך, אז וואס אין די ביכער שטייט געשריבן, פון דעם איז ער קונסטלאז געבליבן. און הארטמאן דערציילט פון א ריטער, אז ער איז געווען אזא מלומד, אז ער האט געקאנט לייענען אין די ביכער אלץ, וואס אין זיי איז געווען געשריבן. און דאך האבן סיי דער שפּילמאן, סיי דער דיכטגדיקער ריטער געקאנט לעזן, און דערביי אסאך געלעזן. אפילו וואלפראם, ניט קוקנדיק אויף זיינע הכחשות, איז געווען אומגעוויינלעך בּאלעזן,—אפשר איז ער גערעכט בנוגע דעם שרייבן. ביי דעם יידישן שפּילמאן פאלט אָפּ די דאָזיקע שאלה. (דער ארטור-מחבר איז אבער קיין גרויסער למדן ניט געווען: ער חזערט צ. ב. כסדר איבער עקשנותדיק „רופאנים“ פאר „רופאים“. ס׳קאן אבער אויך זיין דער גרייז פון קאָפּיסט).

ליידער איז צו אונדז ניט דערגאנגען ניט דער אנהייב, ניט דער סוף פון דעם יידישן ארטור-ראמאן אין זיין האמבורגער-געשטאלט. בלתי-ספק איז אפילו אין ריטערראמאנען דער אנהייב געווען א פרומע אינוואקאציע צו גאט אין א פאר סטראפן,—דער סוף, א ווונטש, ס׳זאל וואס גיכער נעמען א סוף צום גלות און גאט זאל אונדז משיח שיקן. קריסטלעכע מאמענטן און מאָטיוון זיינען פון טעקסט תמיד דערווייטערט געווארן.

פון צייט צו צייט פלעגט זיך דער שפּילמאן אפרוען פון זיין לעזן,— אזוי צעפאלן זיך די האמבורגער ארטור-כתב-ידן אויף געזאנגען, און דאס זיינען ניט איינטיילונגען לויטן אינהאלט, נייערט פויזעס-באצייכנונגען, ווו דער שפּילמאן רוט זיך אפּ, פרישט אפּ דעם האלדז מיט ביר אדער ווייַן, און הייבט דאן אן זיין פארטראג. דער נייער געזאנג הויבט זיך ס׳רוב אן מיט דעם צורוף: „וועלט איר נון שטיל גידאגן!“ (וועט איר איצט שטיל שווייגן, שטיל בלייבן), ער באַרויקט אויף אזא אופן דעם עולם, וואס האט זיך

אין דער פּויזע שוין פונאנדערגערעדט, גלייכצייטיק איז עס א באקוועמער מיטל איבערצוגיין צו דער ווייטערדיקער רעציטאציע, ווארום „גידאַגן" ריימט זיך אויסגעצייכנט מיט „זאגן", און אין דער צווייטער שורה זאגט דער שפּילמאן אן פון וואס ער וועט איצט דערציילן (צ. ב. „וועלט איר נון שטיל גידאגן. פון דיזם שטול וויל איך אויך וואונדר זאגן"). דער רוף צום גידאגן חזרט זיך אפט איבער ביים שפּילמאן, סיי בכדי באַרויקן דעם עולם, סיי צוליבן גראם מיט „זאגן". דער יידישער שפּילמאן—געניי ווי זיין קריסטלעכער קאלעגע—האט נאך אנדערע מיטלען האלטן אין שפּאנונג דעם עולם. פון צייט צו צייט רופט ער: „נון הוירט!" אדער: „נון הוירט צו מיר, ליבן ורוינט!" ער זאגט אן, אז איצט קומען גאר שפּאנענדיקע מאמענטן: „איר מויכט הוירן אבנטויאר!" ער ווייסט אפילו ווי פּראקטיש אויסצונוצן די געשאַפענע שפּאנונג: אין דעם האמבורגער כתב־יד, צוקומענדיק צום עפּיזאד, ווו די מכשפה שפּאלט א בוים און זעצט דארט ארייַן דעם הויפּטהעלד ווידווילט, אזוי, אז ער קאן זיך ניט רירן, פארשטרייקט פּלוצלונג דער שפּילמאן: ער וועט ווייטער ניט דערציילן, און ווידווילט וועט אזוי לאנג בלייבן זיצן אין בוים, ביז וואנען מען וועט אים, דעם שפּילמאן, ניט צוטראגן א פולע גלאז וויין:

נוך מוש ווידווילט אזו לאנג גיפאנגן זיין
ביז איר מיר גיבט צו טרינקן גוטן וויין.
דו וויל איך אים העלפן וואל,
שענקט איר מיר אנדרש איין גרוש גלאז בול,
A (בלאט 58א)

דעמדאזיקן מאנעווער האט דער יידישער שפּילמאן איבערגענומען ביי זיין קריסטלעכן קאלעגע. אין דעם דייטשן שפּילמאנישן ווערק „זאלמאן און מא־אלף" (שלמה המלך און מאראלף) איז פאראן אזא מין סטראפע (E 768):

Nu liget der dogenthafte man
Vor dem Kunige prunent
Vnd musz verliesen sin leben
Man wolle dan dem Leser Eyns drincken geben.

ווי דער דייטשער שפּילמאן, וויל אויך דער יידישער כסדר פארזיכערן וועגן דער ווארהאפטיקייט פון אלץ, וואס ער דערציילט, בפרט, ווען ס'האנדלט זיך וועגן פאנטאַסטישע פּרטים, ווו דער אומצוטרוי פון דעם פּובליקום איז באזונדערס באַרעכטיקט. די באליבטע פארמולע איז: „ור וואר זאג איך אויך

דאש”, בפרט, אז „דאש” ריימט זיך מיט „וואש” (אין אלטיידיש — „ער איז געוועזן”), און ס׳באקומט זיך ווידער א באקוועמער איבערגאנג צום וויטערדיקן סיפור־המעשה. דער סדר פון דער פארמולע ווערט געענדערט לויט דעם נויטיקן גראם: „טאג... ור וואר איך אויך זאג”. בכדי צו הויבן דעם אויטאריטעט פון זיין דערציילונג, פאררופט ער זיך אפט אויף א בוך: „וויא אונז דז בוך היא זאגט”, „דאש טוט אונז דאש בוך ביקאנט”. ס׳איז געוויינלעך דער מקור פון זיין דערציילונג, ביי תנכישע דערציילונגען אלזא דער תנך, ביי ריטערראמאנען דער פרעמדער ראמאן, וועלכן דער שפילמאן האט איבערגעארבעט. און איבעריקנס, ווערט עס שפעטער סתם א מעכאנישע פארמולע, א סגולה צו א גראם. אדער ער פאררופט זיך אויף א שפילמאנישע טראדיציע: „אז מיר עש ור נומן הון”, אדער סתם אויף א ניט געניי באשטימטע קוועלע: „וואש מיר האבן גילעזן. אונ ׳וויא דיא אלטן שרייבן”,

די שפעטערדיקע יידישע ראמאנען פון דעם פאלקסבוך פעריאד, אשטייגער אליהו בחורס ראמאן, האבן שוין געהאט פאר זיך א פארטיקע שפילמאנישע טראדיציע און זיך שטארק מיט איר גערעכנט.

7. סכעמע פאר דער געשיכטע פון דער אלטיידישער דיכטונג.

אין דער הקדמה צו באסינס אנטאלאגיע פרווווט בער באראכאוו ז״ל שאפן א מין סכעמע פאר דער געשיכטע פון דער יידישער דיכטונג. לויט דער סכעמע נעמט ארום די אלטע עפאכע אן ערך 400 יאר, פון 1400 ביז ארום 1800. באראכאוו צעטיילט די דאזיקע עפאכע אויף צוויי פעריאדן: 1) די קלאסישע צייט פון דער אלטיידישער פאעזיע, ד. ה. דעם 17—16 י״ה. 2) דער אלטער דעקאדאנס, אין משך פון דעם גאנצן 18 י״ה, וואס ענדיקט זיך מיטן פולשטענדיקן אונטערגיין פון דער פאעזיע ביי די דייטשע יידן. עס שטעקט אין דערדאזיקער סכעמע א ניטדערשאצן פון דעם כתב־ידן־פעריאד פון דער אלטער ליטעראטור, בפרט פון דעם 15 י״ה, ווען ס׳האבן שוין עקזיסטירט די ביבלישע איבערזעצונגען און פאראפראזן, און א גרויסע צאל ראמאנען און לידער. די קלאסישע צייט פון דער אלטיידישער ליטעראטור מוז באשטימט צוריקגערוקט ווערן מיט א גאנצן יארהונדערט. איך שטעל זיך פאר אזא מין סכעמע:

אלטע עפאכע (פון ארום 1300—1800, 500 יאר).

ערשטער פעריאד: אנהייב און ערשטע שפראצונגען פון דער אלטיידישער ליטעראטור (ביז דער העלפט פון דעם 14 י"ה).

די קלאסישע צייט פון דער אלטיידישער דיכטונג (פון דער העלפט פון דעם 14 י"ה ביזן סוף 17 י"ה). זי נעמט ארום צוויי פעריאדן:

צווייטער פעריאד: די שפילמאן־תקופה פון דער יידישער דיכטונג (פון דער העלפט 14 י"ה ביז דער העלפט 16 י"ה).

דריטער פעריד: די תקופה פון דעם פאלקסבוך (16 און 17 י"ה).

דער אלטער דעקאדאנס:

פערטער פעריאד: אונטערגאנג פון דער אלטיידישער ליטעראטור (18 יארהונדערט).

די יידישע שפילמאן־תקופה ענדיקט זיך מיטן דרוק, מיט די ערשטע געדרוקטע יידישע פאלקסביכער, מיטן 16 י"ה. דער געדרוקטער בוך האט איבעריק געמאכט דעם פאלקסזינגער, ביכער ווערן אלץ ווייניקער געזונגען, אלץ מער געלעזן, ס'איז אוועק דער אינטערעס צו געזונגענע ביבל־פאראפראזן, און ס'איז זייער כאראקטעריסטיש פון איין זייט דער פאקט, אז די לעצטע אויסגאבע פון דעם „שמואל־בוך" פאלט שוין אויפן יאר 1612, די לעצטע אויסגאבע פון דעם „מלכים־בוך" שוין אויפן יאר 1607, פון דער אנדערער זייט דער קאלאסאלער דערפאלג פון דעם פּראזאישן „צאינה־וראינה" (ארום 159), עס איז דער דערפאלג פון דעם געלעזענעם, ניט געזונגענעם בוך.

מיטן 16 יארהונדערט גייען מיר אריבער אין דער תקופה פון דעם פאלקסבוך.

8. דער ראמאן אלס פאלקסבוך.

עס ווערט אסאך, אינטענסיוו געדרוקט און געשאפן אין די ערשטע צוויי יארהונדערטער פון דרוק פון דער יידישער ליטעראטור. עס שאפט זיך מיטאמאל א גרויסער מארק, וועלכן מען מוז אנזעטיקן. דער שווערפונקט פאלט אויפן 16 י"ה, ווו ס'ווערט אי אסאך געשאפן, אי גרויסעס געשאפן. דער 17 י"ה איז שוין יענער הויכפונקט, וואס איז גלייכצייטיק דער אנהייב פון דער

ירידה... בפרט אויף דעם געביט, וועלכן מיר באהאנדלען איצט, דעם געביט פון ראמאן און נאוועלע, האט דער 17 י"ה ווינציק וואס ווערטפולעס געגעבן. דער „מעשה-בוך", אליהו בחורס ראמאנען, „מעשה בריעה וזימרה", די וויכטיקסטע ריטעררא‏מאנען-אלץ איז געשאפן געווארן פארן 17 י"ה.

איך צווייפל בכלל, צי האט די דערפינדונג פון דרוק געבראכט צו א פארטיפונג פון דעם שטאף פון יידישן ראמאן, צי האט זי געהויבן זיין ניווא. אפשר פארקערט. מיר ווייסן גאר ווייניק וועגן דער דיכטונג פון דער פריערדיקער תקופה, האט אבער עקזיסטירט א יידישע שפילמאן-דיכטונג, האט זי געמוזט מער אקטיוו באארבעטן דעם שטאף, קירצן, צוגעבן, מישן און גלעטן עס ליגט אין כאראקטער פון דער שפילמאן-קונסט, עס איז איר גאטירלעכע באדינגונג. מיטן פאלקסבוך קומט א נייע צרה, מיט וועלכער עס מאכט אונדז באקאנט דער מינכענער כתב-יד נר. 100, און אזעלכע אין אים פארשריבענע פאלקסראמאנען און ביכער, ווי „קייסר אוקטפיאנוס", „זיבן ווייזן מייגשטר", „טיל אוילנשפיגל". מען האט דעם טעקסט איינפאך איבערגעשריבן פון דייטשע אין העברעישע אותיות, ענדערנדיק אים אויף א מינימאלן אופן, צ. ב. ווען ס'זיינען פארגעקומען שוין צו בולט קריסטלעכע שטעלן. דערפאר זיינען אזוי ווייניק אינטערעסאנט דער רוב יידישטייטשע פאלקסביכער. פאראן, געווייגטלעך, אויסנאמען: אליהו בחורס ראמאן, „מעשה בריעה וזימרה", דער מינכענער „בן המלך והנזיר". דאס לעצטע ווערק איז אבער געבליבן אין כתב-יד. אליהו בחורס ראמאנען האבן געקאנט ווערן א מוסטער פארן יידישן פאלקסבוך, מיט זייער פאלקסטימלעכער יאוויאליטעט, מיט זייער שטרעבן יידישלעכער צו מאכן דורך פארשיידענע אופנים דעם פרעמדן שטאף, מיט זייער קריטישער, האלבאיראנישער באציונג צום אייגענעם שטאף, וואס איז שוין, אין א געוויסער מאס, א מנצח זיין דעם האלבנאיוון, האלבנארישן און תמיד שונדמעסיקן פאלקסבוך. זיי זיינען עס ניט געווארן, ווארום וויפיל אליהו בחורס האבן מיר געהאט אין דער יידישער ליטעראטור? און בפרט אויפן געביט פון דעם ראמאן, ווי האבן דא געקאנט פארבלאנדזשען מענטשן מיט גרויסן וויסן, וואס האבן זיך אפגעגעבן א דין-וחשבון פון זייער ארבעט? דער פאלקסבוך איז געלעגן אין די הענט פון שרייבער פון דעם טיפ פון יצחק רויטליגגען, און דאס שוין אין בעסטן פאל. דער גאנצער דעביוט פון אליהו בחור אין אונדזער ליטעראטור איז ניט מער ווי א צופאל,—די באדייטונג פון „מעשה בריעה וזימרה" באשטייט ווידער אין דעם, אז ס'איז אן אריגינעל

ווערק, ס׳קאן זיין דער איינציקער יידיש-טייטשער אריגינעלער ראמאן פון יענער צייט, און מיט יענער קלייניגקער דאזע פון רעאלע מאטיוון, וועלכע זיינען אין אים פארמישט,—די ערשטע יידישע ראמאן-העלדן, ראמאן-ליבהאבער! דאן דער מאטיוו פון אן אומגליקלעכער ליבע אויף א יחוס-באָדן.—אויך דער דאזיקער ראמאן האט געקאנט ווערן דער אויסגאנגספונקט פאר א פרוכטבארער אנטוויקלונג אין דער ריכטונג פון א האלבערעאליסטישן ראמאן—אויך ער איז עס ניט געווארן,—דער עולם האט פון בוך געפאדערט ניט מער ווי באָבע-מעשיות, א פלאנטער פון געשעענישן, וואס פארטומלט דעם מוח און גיט גארניט דעם הארץ. אזוי האט אפגעקלונגען אין א פוסטן חלל דער סענטי-מענטאליזם פון דער קליינער און שיינער נאוועלע. און דאן מוז מען בסדר געדענקען וועגן דעם שרעקלעך-נידעריקן ניוואָ פון יענעם עולם, פאר וועלכן ס׳האט געשאפן דער יידישער מחבר,—ווייבער, מיידלעך, עמהארצישע בעלי-בתים. ניט העכער איז אויך געווען דער ניוואָ פון דעם יידישן פאלקסבוך און פון זיין פארפאסער.

9. וואס לערנט אונדז דער אלטיידישער ראמאן?

דער אלטיידישער ראמאן לערנט אונז, אז דער צויבער און די קרוין פון דער עלטערער יידישער ליטעראטור זיינען ניט ווערק, וועלכע מיר האבן איבערגענומען פון דער פרעמד, ניט אלזא די ריטערראמאנען, ניט אפילו די אליהו בחור-ראמאנען, נאר ווערק, וואס זיינען געפלאסן פון יידישן קוואל, וועלן אויך ניט אן באריגונג מיט דער מערבדיקער ליטעראטור,—דער „מעשה-בוך״, די „צאינה וראינה״. און ניט אזוי וויכטיק איז אפילו דער שטאף, די טענדענץ און די צילן פון די דערמאנטע דריי ווערק, ווי דאס, וואס מיר קענען אנרופן סטיל אין ברייטסטן זין פון ווארט,—יענער געמיט, וואס דריקט זיך אויס אין דער שפראך, אין איר אינעווייניקסטן ריטם, אין אירע ווענדונגען, אין אירע בילדער,—דאס געמיטסלעבן פון דער פארצייטיקער, שטילער יידישער שטוב.

דער אלטיידישער ראמאן לערנט אונדז אבער אויך, אז ס׳איז קיינמאל ניט געלונגען צו שאפן אגייסטיקע מויער, א כינעזישע וואנט צווישן אונדז און דער קולטור פון די ארומיקע פעלקער. אז מיט א גרויסער לייכטקייט,—

לייכטער, ווי מיר האבן ביז איצט געמיינט,—האבן מיר איבערגענומען פרעמדע ליטעראַרישע ווערק און ליטעראַרישע אינסטיטוציעס.

טיפער גענומען, האט אבער דאס ליטעראַרישע געטא יאָ עקזיסטירט. ווי האט עס געקאנט זיין אנדערש, ווען ס'האט עקזיסטירט אן עקאנאמישע, סאציאלע, און יורידישע געטא? מיר האָבן איבערגענומען פרעמדע עפּישע ווערק אין אונדזער ליטעראטור,—ווי איז אבער געווען אין דער יידישער גאס דער לעבנסקאָררעלאַט פאר די דאזיקע ווערק? א ריטערראמאן איז דאך ניט בלויז ליטעראטור, א פּראדוקט פון נייגיריקער און דאך פוסטער פאנטאזיע,—א ריטערראמאן איז דאך אויך געווען א שטיק פון דעמאלטיקן לעבן, א באשטאנדטייל פון פעאדאלע באציונגען, פון הייסן קריסטלעכן גלויבן, א ירושה פון די קרייצ-צוגן, א פּרווו—אפילו אן אַבסטראקטער און לעבנסווייטער צו קאָדיפיצירן די באציונגען צווישן מאן און פרוי. וואס פאַראַ שייכות צו אונדזער לעבן האבן געהאט די באשרייבונגען פון קאמפן און טורנירן, פון ריטערלעכער ליבע און טרייִשאפט, פון קריסטלעכער חתל-הלות? ניט האבנדיק די מינדסטע געמיינזאמע פעדים מיט אונדזער לעבן, האבן ריטערראמאנען אין יידישן מלבוש געמוזט פארלירן זייער פרישע, ענטוזיאסטישע פארב, זיי האבן געמוזט ווערן א פּראדוקט פון ווילדער פאנטאזיע, דער בבא-ראמאן האט געמוזט פארוואנדלט ווערן אין א באָבע-מעשה, א זאך, וואס איז ניט געשטויגן ניט געפלויגן. וואס איז געבליבן פון ווירנטס ראמאן, ווען מען האט דערווייטערט אלע לירישע אויסגוסן פון דעם יינגן, באגייסטערטן מחבר? אדער נאך א שארפערער ביישפּיל: ווארט אין ווארט האבן מיר איבערגענומען די זאמלונג פון דעם דייטשן לך טיל אוילענשפיגעל; אבער „טיל אוילענשפיגעל" איז דאך ניט בלויז א זאמלונג פון וויניק עסטעטישע, גראבע און וולגארע איינפאַלן. ס'איז א שטיק קולטור—און סאציאל-געשיכטע, א נקמה-ווערק פון דעם דייטשן פויער קעגן דער שטאט, קעגן די יוסטע בעלי-מלאכות און האנדווערקער. וואס האט עס פאר אונדז געקאנט זיין, אויסער א זאמלונג פון גראבע אנעקדאטן?—ביי אונדז פלעגן די אלע ווערק ווערן אפּגעריסן פון זייער ווארצל, פון זייער געפילסבאזע, פון זייער סאציאלער סביבה, ממילא פלעגן זיי אפּקלינגען אבסטראקט און פוסט, וואקסן ווי ווילדפלייש, ווי פרעמדקערפּער אין דער ליטעראטור: אפשר אן שאדן, אבער אויך אָן נוצן.

אַרייַנפֿיר צום בבא־בוך.

„בבא־בוך" פון אליהו בחור (1507).

שער־בלאט פון דער אמסטערדאמער דרוק־אויסגאבע 1661.

1. די פארשפרייטונג פונם בבא־ראמאן.

די געשיכטע פון דעם יונגן בבא, פון זיין פארברעכערישער מוטער, פון זיין נקמה און דעם גורל פון זיין ליבע צו דער שיינער דרוזיינה, איז געוען זייער פאפולער אין מיטלעלטער. זי ווערט אפט דערמאנט אין דער דעמאלטיקער ליטעראטור; באקאנט איז זי אונדז אין ניט ווייניקער ווי צען נאציאנאלע ווערסיעס, דהיינו: אין דער פראנצויזישער, ענגלישער, קימרישער, אירלענדישער, צפונדיקער, נידערלענדישער, איטאליענישער, יידישער, רוסישער און רומענישער באארבעטונגען. אין דער פראנצויזישער גרופע טיילן זיך אויס אנגלאנארמאנישע נוסחאות; אין דער איטאליענישער פראנקאיטאליענישע. אויסערדעם פארמאגן די נאציאנאלע גרופן צאלרייכע, אפט שטארק דיפערענצירטע וואריאנטן; אזוי זענען דערגאנגען פון דער פראנצויזישער גרופע, אויסער צוויי אנגלאנארמאנישע כתב־ידן, זיבן געריימטע האנטשריפטן, א פראגמענט פון אן אכטער, דאן צוויי פראזא כתב־ידן און 5 פראזאדרוקן. די כתב־ידן פון דעם בבא־ראמאן שטאמען ס׳רוב פון דעם 13 און 14 יארהונדערט. די יידישע און רוסישע רעדאקציעס זענען שפּעט אנטשטאנען, ערשט אין 16 יארהונדערט, ביידע זיינען באארבעטונגען פון אן איטאליענישן טעקסט. דער רומענישער בבא־בוך איז אן איבערזעצונג פון דעם יידישן, פארפאסט דורך א געוויסן מ. אזיעל, עס אינפארמירט וועגן אים דר. גאסטער. (דערשינען 1881, שטעלט אלזא ניט פאר קיין שום וויסנשאפטלעכן אינטערעס). ווי באקאנט, איז דער בבא בוך (באווא־קאראלעוויטש) גיך פאפולער געווארן אין רוסלאנד, זיין גרעסטע פארשפרייטונג פאלט אויפן 17 יארהונדערט. בבא איז ביים רוסישן פאלקסמענטש קאנאניזירט געווארן און אריין אין דער משפחה פון די לעגענדארע העלדן, פון די מוראמצעס, סאדיקאס, בוסלאיעוס. די

עלטסטע רעדאקציע פון דעם רוסישן בבא געפינט זיך אין פויזן, אין דער „ראטשינסקי-ביבליאטעק".—וועגן דער פאפולאריטעט און באליבטקייט פון דעם יידישן בבא-בוך זאגט עדות דער פאקט, אז זיין טיטל איז געווארן א שם-דבר, „בבא-מעשה" האט אנגעהויבן באצייכנען בכלל יעדע פאנטאסטישע, אומגלויבלעכע געשיכטע.—אינטערעסאנט איז, אז מען האט אפילו געפרווט פון בבא מאכן א היסטארישע פערזענלעכקייט, און אן ענגלישער היסטאריקער פון 17 יארהונדערט (טאמאס פולער) דערציילט ערנסט, אז בבא איז געווען אן ענגלענדער, נעמלעך א הערצאג פון סאאוטה-האמפטאן, און געלעבט האט אונדזער הערצאג אין 11 יארהונדערט.—סאיז אבער בלויז א „בבא-מעשה".

וועלכע זענען געווען די סיבות פון אזא געוואלטיקער פאפולאריטעט און באליבטקייט? זיי בארוען אויף די גרויסע מעלות פון דעם ראמאן. אלבערט שטימינג כאראקטעריזירט אייניקע פון זיי אין זיין אויסגאבע פון דעם אנגלא-נארמאנישן בבא (1899). ס'גילט אבער ניט נאר פאר דער קורצער, קאנצענטרירטער רעדאקציע פון די אנגלאנארמאנישע נוסחאות, נאר אויך פאר די אויפגעשוואלענע, פונאנדערגעוואקסענע קאנטינענטאלע רעדאקציעס, וואס זיינען ס'רוב אנטשטאנען אין די שוין שטארק ליטעראַרישע 13—15 יארהונדערטער. מען האט שוין דאן פארלאנגט פון ראמאן א גרעסערע קאמפליצירטקייט, א שפע פון עפיזאדן, קריגערישע אוואנטיורעס,—דער ראמאן איז דריי-מאל אזויפיל אויסגעוואקסן, און דאך איז פאר אים געבליבן כאראקטעריסטיש „די קלארע און דורכזיכטיקע קאמפאזיציע, כאטש ס'ענדערט זיך אפט די ארענע פון די געשייענישן; די אקציע איז שפאנענדיק און פול חליפות... דער סיפור-המעשה גייט גיך פארויס." אויך די שפראך איז איינפאך און ניט גע-קינצלט. הויפטזעכלעך האט אבער געצויגן אינם ראמאן זיין אינהאלט, וואס איז געוועבט פון מאטיוון, גאר נאהענטע צו דעם הארץ פון דעם פאלקסלעזער: דער האמלעטישער מאטיוו פון דער פארברעכערישער מוטער, וואס האט התונה טיטן מערדער פון איר מאן, דער בן-מלך, וואס ווערט פארטריבן פונם אייגענעם לאנד, פראוועט גלות, קומט צוריק און נעמט נקמה פון דעם מערדער פון זיין פאטער,—די פארליבטע פאר, וואס ווערט תמיד צעשיידט ערב דער גליקלעכער שעה, ווערט געצווונגען חתונה האבן פאר ניטגעליבטע מענטשן און דאך ווערט זי סוף ראמאן ענדלעך אין גליק פארייניקט. דאס אלץ זיינען עכטע, פאקסטימלעכע ראמאן-שטאפן, וואס זיינען נאך דערצו באַרייכערט

געוואָרן מיט א היפּשער דאָזע פאַנטאַסטישע פּרטים, ריזן, שרעקלעכע בריאות, צויבערדיקע זאַפטן, כישופדיקע גאָרטלען,

2, דער וויכּוח אַרום דעם אַנטשטיין און כאַראַקטער פונם אורבבא.

איינעם וויסנשאַפטלעכן וויכּוח אַרום דעם בבא-בוך האָט זיך געהאַנדלט וועגן פעסטשטעלן די קעגנזייטיקע באַציונג פון די דערגאַנגענע רעדאַקציעס, אויסגעפינען די פּרימיטיווסטע ווערסיע און מיט דעם געווינען אַן איבערבליק איבער דער אורגעשטאַלט פונם ראָמאַן, זיין אַנטשטיין און כאַראַקטער.

אין אַלגעמיין קאָנען די עקזיסטירנדיקע נאַציאָנאַלע רעדאַקציעס איינגעטיילט ווערן אין דריי גרויסע משפחות. די ערשטע איז די אַנגלאָנאָרמאַנישע, דאָ געהערן די אַנגלאָנאָרמאַנישע, ענגלישע, קימרישע, צפונדיקע און אירלענדישע ווערסיעס. זייער קעגנזייטיקע באַציונג איז גענוי דערוויזן דורך אַלבערט שטימינג, ס׳איז מעגלעך געווען אַפילו אַן אַנאַליז פון שורה צו שורה; דער אירלענדישער נוסח שטאַמט דירעקט פונם ענגלישן. די פּרימיטיווערע פאָרם אין דער דאָזיקער משפּחה איז די ענגלישע. שטימינג איז איבערצייגט, אַז דידאָזיקע משפּחה איז די עלטסטע, פּרימיטיווסטע—אַלזאָ די נאָענטסטע צו דער אורגעשטאַלט פונם בבא-ראָמאַן.

די צווייטע משפּחה איז די קאָנטינענטאַל פראַנצויזישע, פון וועלכער עס שטאַמט אַפּ די ניעדערלענדישע רעדאַקציע. ק. בּאָיע האַלט, אַז זי איז אין דער זעלביקער מאָס נאָענט דעם אורבבא, ווי די אַנגלאָנאָרמאַנישע, פון וועלכער זי לאָזט זיך בשום אופן ניט אַרויספירן. ווייטער האַלט באָיע, אַז די איטאַליענישע רעדאַקציעס שטאַמען פון א קאָנטינענטאַל-פראַנצויזישער ווערסיע. דער בבא-ראָמאַן איז אַלזאָ לויט באָיע געגעבן בלויז אין צוויי דירעקט פון דער אורגעשטאַלט אַרויסגעגאַנגענע משפּחות, די אַנגלאָנאָרמאַנישע און די קאָנטינענטאַל-פראַנצויזישע.

אַפּגעזען פון דער דאָזיקער אַנטשיידונג באָיעס, איז די דריטע משפּחה די איטאַליענישע, צו וועלכער ס׳געהערן נאָך די יידישע, רוסישע און רומענישע רעדאַקציעס. לעאָ יאָרדאַן וויל דערווייזן, אַז די פּרימיטיווסטע רעדאַקציע איז די איטאַליענישע, נעמלעך די אַזוי־גערופענע „ווענעציאַנישע“: זי שטאַמט דירעקט פונם אורבבא, דאַקעגן שטייט צווישן די צוויי אַנדערע

משפחות און דעם אורבבא נאך א צווישנגליד, און יאָרדאַן פרווט רעקאָנסטרואירן דעם אינהאלט פונם אורבבא, ער קומט צום אויספיר, אז דער אורבבא איז ניט געווען קיין ראמאן, ניטקוקנדיק אויף די אויסערלעכע פאָרמען פון א ריטערלעכן עפּאָס, וועלכן ער האט אנגענומען אינם 13—14 י"ה, דער בבא-בוך איז פארבליבן דאס, וואס ס'איז געווען—„און ס'קוקט פון אים ארויס יענע פיזיאנאמיע, וועלכע ס'האט ליב דאס שטילזיצנדיקע פאלק, די שטוב פון פרויען און קינדער: די שארפע איבערגאנגען פון גליק צו אומגליק און צוריק צו א בעסערן מזל, דאס פאלן פון הויך ביז נידעריק,—די פרינצעסן, וואס פארליבט זיך אין קנעכט פון איר פאטער, וואס איז אבער אין דעראמתן א פרינץ,—די אומדערהערטע גבורות פון איין יינגל קעגן טויזנטער, דער אוריה—בריוו (א בריוו, וואס הייסט דערהארגענען דעם שליח, וועלכער איז ניט חושד דעם אינהאלט פונם בריוו), די שטראף פון די רשעים און די ווידערפאראייניקונג. די דאזיקע מעשהלע איז אנטשטאנען אינם צוועלפטן יארהונדערט אין דער צייט פון די קרייצצוגן".

באָיעס בוך איז געשריבן נאך איידער ס'איז דערשינען יארדאנס ארבעט, און די פאלעמיק מיט יאָרדאַנען איז צוליב דעם קורץ און נאכטרעגלעך. ס'איז קלאר, אז באָיעס אויספירונגען שטייען אין שארפסטער סתירה צו יאָרדאנס השערות, סיי דורכדעם, וואס באָיע וויל די איטאליענישע רעדאקציע ארויספירן פון דער פראנצויזישער, סיי דורך די אויספירונגען וועגן דעם כאראקטער פונם אורבבא. באָיעס מעטאד,—דאס מוז מען אנערקענען,—איז זייער גרינטלעך. ער האט נעמלעך אויסגעפארשט אלע מיטלעלטערלעכע פראנצויזישע ראמאנען, וואס האבן וועלכן ס'איז מאטיוו ענלעך אדער געמיינזאם מיטן בבא-בוך: אזעלכע ראמאנען זיינען פאראן סך-הכל 187! דאן לייגט ער פונאנדער דעם בבא-בוך אויף זיינע באשטאנדמאטיוון, אזעלכע זיינען פאראן 31. צו יעדן מאטיוו ווערן געבראכט די נאענטסטע מאטיוון פון אנדערע ראמאנען, ס'ווערט פעסטגעשטעלט דער סטערעאטיפּ, ממילא אויך דער אָריגינעלער אויפטו פונם בבא-מחבר. עס ווערט אפגעטיילט דאס שפעטער אנטשטאנענע, פונם בבא-בוך אפהענגיקע. דאַן דאס גרונטויס פארשיידענע. דער שלוסאויספיר איז, אז דאס בבא-בוך געהערט צום אידייאישן קרייז פון דעם אלטפראנצויזישן עפּאָס. אז ס'איז ניט א פאלקסמעשהלע, נייערט א ראָמאן, א ווערק פון א יחיד. באָיע שטעלט ווייטער פעסט, אז „בעאוווע" איז אן אלטפראנצויזישער נאמען. בבאס פאטערלאנד לויטן ראמאן איז ענגלאנד,

א לאנד, וואס איז געשטאנען מיט פראנקרייך אין 12—13 י״ה אין גאר ענגע באציונגען, און אפט קלויבט אויס דער פראנצויזישער ראמאן ענגלאנד אלס פאטערלאנד פאר זיינע העלדן. דער פאטער פונם העלד איז לויט דעם ראמאן גראף פון (סאַאוטה)—האַמפטאן, א באקאנטער ענגלישער שטאם.

ווי איז אלזא אנטשטאנען דער בבא-ראמאן, אין ענגלאנד, פראנקרייך אדער איטאליען? 1911 האט שטימינג (וואס האט 1899 פובליקירט דעם אנגלא-נארמאנישן בבא) אנגעהויבן זיין גראנדיעזע אויסגאבע פונם פראנצויזישן בבא, 1920 האט ער פארענדיקט דאסדאזיקע מייסטערווערק פון דער דייטשער ראַ-מאַניסטישער וויסנשאפט. ס׳איז, אגב, נאך באַיעס קורצער נאטיץ, דאס ערשטע ווערק אויף דעם געביט, וואס אינפארמירט וועגן יידישן בבא-בוך, (לויט מ. שילערס ארטיקל). דער וויכטיקסטער חסרון פון שטימינגס אויסגאבע איז אפשר דאס, וואס זי איז צו גוט: 5 געוואלטיקע בענדער, וואו כמעט צו יעדן באנד טעקסט קומט א באנד דערקלערונגען און פירושים. מען באוואונדערט, ווי תמיד ביי שטימינגן, די גענויקייט און זיכערקייט פון זיין שפראכוויסנ-שאפטלעכן אנאליז. א סאך שוואכער איז שוין שטימינג אין גענעטישן און ליטעראטור-היסטארישן אנאליז. אין פינפטן באנד פון זיין אויסגאבע (ז.338—313) באהאנדלט שטימינג דאס פראבלעם פון דעם אנטשטיין פון דעם בבא-ראמן, און ער גלויבט, אז איצט איז ער אימשטאנד ברענגען אנטגילטיקע, דעצידירנדיקע און גענוגנדיקע ראיות פאר זיין אלטער טעאריע, ד. ה. אז דער בבא-ראמאן איז אנטשטאנען אין ענגלאנד און אז די בכורה געהערט דער אנגלאנארמאנישער משפחה, פון וועלכער ס׳זיינען ארויס די אנדערע משפחות. ס׳איז אבער נאך א גרויסע שאלה, צי האט שימינג באמת אנטגילטיק שוין אפגעשלאסן די דיסקוסיע ארום דעם אנטשטיין פון אונדזער ראמאן.

וואס איז שייך דעם כאראקטער פונם אורבבא, איז לייכט צו זען, אז יעדער פון אונדזערע פארשער גיט א גלענצנדיקע כאראקטעריסטיק פון דעם קרייז בבא-ראמאנען, וועלכע זיינען געווען דער אויסגאנגספונקט פאר זיינע שטודיען, און באמיט זיך זיי אויסשצופרייטן אויף אלע אנדערע װאריאנטן, ממילא אויך אויף דער אורגעשטאלט. מיר ווייסן ניט, ווי האט אויסגעזען דער אור-בבא, הייגט-צוטאג האבן מיר די פראנצויזישע גרופע, וועלכע שטעלט פאר א טיפישן ריטערראמאן,—דאן די איטאליענישע גרופע, וועלכע איז באמת א מין פאלקסמעשהלע, און די אנגלאנארמאנישע, וואס פארנעמט א מיטעלע שטעלונג צווישן די ביידע טיפן.

דעם יידישן פארשער מוז אין ערשטער ליניע אינטערעסירן דער איטא־ליענישער נוסח, אלס דער, פון וועלכן ס'איז ארויס דער יידישער ראמאן. דער וויכטיקסטער מקור פאר אונדז איז דא דאס ווערק פונם בארימטן איטא־ליענישן ראמאניסט פּיאָ ראַינאַ (דערשינען נאך 1872 אין באלאניא, עד־היום די איינציקע קוועלע פארן איטאליענישן בבא־בוך. דאס דאזיקע בוך האט געעפנט די דיסקוסיע ארום דעם בבא־בוך):

Pio Rajna: Ricerche intorno ai Reali di Francia.

אין דעם דאזיקן ווערק אנאליזירט פּיאָ ראַינאַ 6 איטאליענישע בבא־ווארינאנטן און פּובליקירט דעם עלטסטן טעקסט, די אזוי גערופענע „וועגעציא־נישע ווערסיע" (13 י"ה).

3. די טאסקאנא,—דער מקור פונם יידישן בבא־בוך.

דער יידישער בבא־בוך שטאמט אפ אין דירעקטער ליניע פון דער אי־טאליענישער ווערסיע. און נעמלעך ניט פונם עלטערן וועגעציאנישן נוסח, נאר פון דעם יינגערן, אזוי גערופענעם טאסקאנישן נוסח, וואס איז אנטשטא־נען ארום 1400. באלד נאכן דערפינדן פונם דרוק באווייזן זיך די ערשטע דרוקן פון דעם נוסח, און בלויז אין די יארן 1480 1500 באווייזן זיך 6 אויסגאבן פון דער טאָסקאַנאַ, איינע פון די אויסגאבן איז געווארן דער מקור פון אונדזער בבא־בוך,—א פארגלייך פונם טאָסקאַנישן נוסח מיטן וועגעציאנישן איז געגעבן אין פּיאָ ראַינאַס דערמאנטן בוך ז. 78—155.

דער טאָסקאנישער נוסח איז נעמלעך דער איינציקער איטאליענישער נוסח, וואס איז געשריבן, ווי אונדזער בבא־בוך, אין סטאנסן (אָטאַווואַ רימאַ); בעת די „וועגעטא" האט איינריימיקע טיראדן; די טאָסקאנא ציילט 22 געזאנגען מיט אָן'ערך 1400 סטאנסן; די יידישע איבערזעצונג איז ביז אויף אַ העלפט געקירצט, זי ציילט אן ערך 650 סטאנסן. ווייטערדיקע סימנים פאר דער אפשטאמונג פונם יידישן נוסח פון דעם טאָסקאנישן איז די אידענטיש־קייט פון די נעמען. דער וויכטיקסטער אפשר סימן איז אבער דער פאקט, אז אינם יידישן בבא־בוך געפינט זיך אן עפּיזאד, וואס איז פאראן בלויז אינם טאסקאנישן נוסח, דהיינו דער עפּיזאד, ווען פלעקון (Pelicon) רייסט זיך אריין אין א קלויסטער און נעמט צו ביי די אויף טויט איבערגעשראקענע

מאַנאַכן שפּייז און זאַכן פאַר דער געווינערין דרוזיינה. אויך אין אַנדערע פּרטים, אין וועלכע דער טאָסקאַנישער נוסח אונטערשיידט זיך פונעם ווענעציאַנישן, גייט מיט אים דער יידישער בבא-בוך.

4. אליהו בחור, דער מחבר פונעם יידישן בבא-בוך.

פאַר אונדז האָט דער בבא-בוך גאָר אַ באַזונדערע חשיבות, וואָרום: 1) ס'געהערט צו די ערשטע יידישע דרוקן, און אפשר איז עס דער ערשטער יידישער געדרוקטער בוך; 2) מיר קענען דעם מחבר, אליהו בחור, און פאַרמאָגן גראָד וועגן זיין לעבן אַ ריי דאָקומענטן און ידיעות,—אַ זאַך אַ זעלטענע אין דער געשיכטע פון דער אַלטיידישער ליטעראַטור; 3) ס'איז אונדז באַקאַנט דער מקור פון אליהו בחורס איבערזעצונג, ממילא קאָן אויך פעסטגעשטעלט ווערן, אין וואָס באַשטייט די אָריגינעלע שאַפונג פונעם יידישן מחבר, זיין ליטעראַריש אייגנס.

אליהו בחור בן אָשר הלוי אַשכנזי איז געבאָרן געוואָרן אין נ י י ש ט אָ ט, (אָן דער איש) ביי נירנבערג, דעם ערשטען אדר 1469 (13/2), לויט גייגער—1472, דאָך ווייזען אויס די טעמים פון בובער און לעווי (פאַר 1469) צו זיין איבערצייגנדיק און געניגנדיק. פאַראַן אויך אַ סברא, אַז אליהו בחור איז געבאָרן געוואָרן אין איטאַליע—זי שטיצט זיך אויף אַ קריטישער באַמערקונג פון ווידמאַנשטאַדטן (ביי פערלעס ז. 160), אַז א"ב איז געבאָרן אין ווענעציע אָדער פאַדואַ, וואָרום ער האָט פערזענלעך ווידמאַנשטאַדטן דערקלערט אין ווענעציע אין יאָר 1538, אַז ער איז קיינמאָל ניט געווען אין דייטשלאַנד.

(„Natus Venetiis ant Patavii, ipse enim mihi Venetiis A. M. D. XXX. VIII. dixit nunquam se in Germania fuisse").

דאָך מוז ווידמאַנשטאַדטס גבית-עדות באַרויען אויף אַ מיספאַרשטייעניש, וואָרום אַ סך אַרגומענטן ריידן דערפאַר, אַז א"ב איז געבאָרן געוואָרן אין דייטשלאַנד, צווישן זיי זיין תּלמידס סעבאַסטיאַן מינסטערס עדות. א"ב איז געווען דער יינגסטער פון 9 זין, און זיין ערשטע בילדונג האָט אים ווייזט אויס געגעבן זיין פאָטער, וואָרום אליהו בחור פאַררופט זיך אין אַ ווערק: כך קבלתי מפי א"א הר"אש ז"ל. דער צונאָמען „בחור" שטאַמט ניט פון זיין גראַמאַטיק („ספר בחור"), אפשר איז עס אַ פאַמיליענאָמען (יונג?).

אפשר א צונאמען, ווארום ער איז נאך געווען א בחור, בעת ער האט שוין געהאט א שם אלס העברעישער לערער אין אויבעראיטאליע. 1496 געפינט זיך שוין א"ב אין איטאליע, אין ווענעציע. אין איטאליע איז ער רייף געווארן, פון דאנען איז זיין רום ארויס, און ער האט ליב באקומען דידאזיקע צווייטע היים זיינע, ווענעציע, „די שטאט, פון וואנען ער איז ארויס", און וואהין ער איז צוריקגעקומען שטארבן פון איסני, דייטשלאנד.

אלס לערער פון העברעיש איז ער צוערשט טעטיג אין פאַדואַ. [3]. דא שרייבט ער אין יאר 1504 אַן אויספירלעכן פירוש צו דער פעלערהאפטער גראמאטיק פון משה קמחי (ס"המהלך) אויפן פארלאנג פון זיינע תלמידים. אין יאר 1507 פארפאסט ער אין פאַדואַ אונדזער „בבא-בוך", וועלכן ער האט געשריבן אין משך פון א יאר צייט. 1509 ווערט פאַדואַ פארנומען, און ר" אלי" פארט אריבער אין ווענעציע, און ארום 1512 טרעפן מיר אים שוין אין רוים. עטוואס שפעטער, ווארשיינלעך אין יאר 1513, באקענט זיך אליהו בחור מיט יענעם גרויסן קריסט, וואס האט געהאט אן אנטשיידנדיקן איינפלוס אויף די צווייטע העלפט פון זיין לעבן. ס'איז דער קארדינאל ע ד ז ש י ד י אָ (פעטרוס עגידיוס) ד א ו י ט ע ר ב אָ. (געבארן 1471, געשטארבן 1532). פראָ עדזשידיאָ איז נאך ניט געווען קיין קארדינאל, ווען אליהו בחור האט זיך מיט אים באקענט,—דאך שוין א הויכער קאטוילישער גייסטלעכער, א גענעראל פונם אווגוסטינער אָרדען. ער איז געווען באליבט און געשעצט פונם גרויסן פויבסט לעאָ דעם צענטן, וואס האט אים 1517 נאָמינירט אלס קארדינאל, אין יענעם אומדערהערטן שניט, מיט וועלכן ער האט 39 נייע קארדינאלן מיטאמאל נאָמינירט (איינציקע איבריקנס אויף צוליב געלעט טעמים, לעא זאל האבן דערביי פארדינט ביטווייניקער פון 500.000 גאָלדגילדן, בורקהאַרדט, ז, 102). עדזשידיאָ איז געווען אן אריגינעלע, אלזייטיק געבילדעטע און טיפע פערזענלעכקייט. זיין פּאָליטיק איז טיפּ"ש פארן הומאניזם; ער איז געווען א גלענצנדיקער און שטארק פאפולערער פריידיקער; ענערגיש און מוטיק, אין אומגליקלעכן און פאר אים פאטאלן יאר 1527 ארגאניזירט ער א פאלק סאלדאטן צו קעמפן קעגן די אנפאלער. ער איז געווען אַסקעטיש געשטימט, דאך לאכן אויס די סאטיריקער פון זיין דור זיין אסקעטישע בלאסקייט, און טיצא רופט אים „היפאָקריטאַ באַרבאַצוטוס". נאך דעם דאזיקן מאָנאַך זיינען איבערגעבליבן שיינע, טרויריק-יאושדיקע ליבעסמאדריגאלן!—ער האט געהאט א טיפן אינטערעס פאר דער יידישער קבלה, און דאס איז געווען די הויפטסיבה, וואס



Perles 7.158

אַ בריוו פון אליהו בחור צום בארימטן הומאַניסט און ביבליאָפיל יאָהאַן אַלבערט ווידמאַנ־שטאַט, געשריבן פון ווענעציע, פרייטיק 8 סיון 1543. (זע רשימה פון צייכענונגען זייט 243).

האט אים באוויגן צו שטודירן העברעיש און אראמעיש, און אליהו בחור האט פאר אים קאפירט קבלה-שריפטן (ס״ חכמת נפש, סוד רזיאל, פירוש ספר יצירה), ער האט אים אויך מיטגעהאלפן איבערצוזעצן קבלה-ווערק. וועגן די גלענצנדיקע פעיקייטן פון דעם דאזיקן הומאניסט זאל עדות זאגן דער פאקט, אז ס׳זיינען באקאנט 4 פון עדזשידיאָ פארפאסטע העברעישע ווערק. לויט עדזשידיאס אנווייזונג, ראט און אפט פילאָלאָגישער הילף (אשטייגער ביי גריכיש און לאטיין, וועלכע אליהו בחור האט ניט פארשטאנען) האט ר״ אלי׳ פארפאסט דעם רוב פון זיינע ווערק, צווישן זיי זיין בארימטע גראמאטיק-ספר-בחור, „וואס האט אים געמאכט פארן לערער פון העברעיש פון דער קריסטלעכער וועלט אין 16 יארהונדערט״. ער האט געוווינט אין עדזשידיאָס הויז, דער קארדינאל איז געווען זיין מפרנס, זיין באשיצער (יידן אין יענער צייט אין רוים!), זיין פריינד, זיין תלמיד און זיין לערער. ס׳איז ניט קיין וואונדער יענע פיעטעט, מיט וועלכער ר״ אליהו באציט זיך צו עדזשידיאָ, דערמאנענדיק אים אפט און פאררופנדיק זיך אפט אויף אים אין זיינע ווערק (איבריקנס האבן זיך ארום עדזשידיאָ מפרנס געווען אויך אנדערע געלערטע יידן, פערלעס פובליקירט אן איטאלעניש-העברעישן בריוו פון יוסף בן אברהם הגרי צו עדזשידיאָ, אין וועלכן יוסף הגרי דערציילט דעם קארדינאל אפילו פאמיליע-פרטים, און אין אן אינטימער פארקירצונג).

13 יאר איז אליהו בחור געזעסן ביים קארדינאל אין שטוב, ביז צום פאטאלן יאר 1527, דעם יאר פון איבערפאל אויף רוים. ער האט ביים פארנעמען די שטאדט פארלארן זיין האב און גוטס, דעם רוב פון זיינע ספרים און כתב-ידן, און ער האט אויך געמוזט פארלאזן זיין פריינט און באשיצער (ער איז אבער געבליבן אין קאנטאקט מיט אים ביז עדזשידיאָס טויט). צוויי יאר האט ער זיך ארומגעוואלגערט און ארומגעוואנדערט, ביז ער איז אין יאר 1529 געקומען אין ווענעציע. ער פארענדיקט דא זיין אראמעישן לעקסיקאן „מתורגמן״, שרייבט זיין גרויסן מסורה-ווערק „ספר הזכרונות״ און א פירוש פאר מסורה-אויסדרוקן „מסורת המסורת״. עס באזוכן אים און קארעספאנדירן מיט אים בארימטע געלערטע און הומאניסטן. ער איז זיך מפרנס דערפון, וואס ער איז קאָרעקטאר אין דער בארימטער דרוקעריי פון דניאל באָמבערג (באָמבערגס דרוקעריי האט עקזיסטירט פון 1549—1515, אין דעם דאָזיקן יאר איז באָמבערג געשטארבן. נאך זיין טויט זיינען זיינע טיפן אריבער קיין אנטווערפן). דער דאזיקער גרויסער, אפשר דער גרעסטער יידישער

דרוקער, איז געווען א ק ר י ס ט, געבארן אין אנטווערפען, געלעבט א געוויסע צייט אין נירנבערג, דאן געווען סוחר אין ווענעציע. באוועגט אים צום דרוקן האט א משומד, א געוויסער פראַ פעליטשע דא פראַטאָ. באָמבערג האט א געוואלטיקן פארמעגן, מי און ענערגיע אריינגעלייגט אין זיין דרוקעריי—דעם רוב פארמעגן האט ער פארלארן, צוליב זיינע אומגעהייערע הוצאות: זיין תלמוד-אויסגאַבע אליין זאל האבן געקאָסט 100.000 טאַלער!).

אין יאר 1540 האט באָמבערג איינגעשרענקט זיין פאַרלעגערארבעט, און אליהו בחור מוז אנהייבן זוכן א נייעם פארלעגער פאר זיינע ווערק. דאן באקומט ער א בריוו פון דעם פריידיקער פאַאולוס פאגיוס אין איסני, דייטשלאנד, מיט אן איינלאדונג קומען צו אים און אים בייהילפיק זיין אין דער העברעישער דרוקעריי, וועלכע פאגיוס, א קענער און ליבהאבער פון העברעיש, האט געעפנט. דער זיבציקיעריקער געלערטער פאלגט תיכף דעם רוף, ווארום ס'האנדלט זיך וועגן דער צוקונפט פון זיינע כתבים 4). צוויי יאר איז ער ביי פאגיוסן אין איסני, צוויי יאר פון שווערער, אנגעשטרענגטער ארבעט („יום ולילה לא ישבתי"). ער פובליקירט דא דעם „תשבי", „מתרגמן", און אויך א שול-בוך, דעם „שמות-דברים". 1542 פארמאכט זיך פאגיוסעס דרוקעריי (ס'קאן זיין, ער האט זי אריבערגעטראגן אין קאסטאנץ). ר' אליהו פארט צוריק קיין ווענעציע, בפרט וואס ער פילט זיך שוואך און אלט, און ער בענקט צו דער ווייב און צו דער שטאט. דא פארפאסט ער נאך אין יאר 1544 זיין יידיש-טייטשע תהלים-איבערזעצונג. ער איז געשטארבן דעם 28 יאנואר 1549 אין ווענעציע.

5. אליהו בחור,—זיין גייסטיקע פיזיאנאמיע.

אט זיינען טרוקענע דאטן פון דעם לעבן פון יענעם געלערטן, וואס שטייט ביי דער וויגעלע פון דער יידישער ליטעראטור. עס דארפן איצט אנגעצייכנט ווערן יענע שטריכן, וואס זיינען וויכטיק פאר דער פיזיאָנאָמיק פונם מענטשן, פונם דיכטער. דעם יידישן פילאָלאָג אינטערעסירן אויך די שפראכוויסנשאפט-לעכע ווערק פון אליהו בחור, דער „ספר התשבי לאליהו התשבי" (איסני, 1541), און דער אראמעישער ווערטערבוך „מתרגמן" (איסני, 1542), ווו ס'זיינען צעשפרייט יידיש-טייטשע גלאסן און אפט אינטערעסאנטע דערקלערונגען פון

ווערטער און באמערקונגען, און נאך מער דער „שמות דברים" (איסני, 1542), דאס ערשטע יידיש-טייטשע ווערטערביכל. אבער אויך פאר דער יידישער ליטעראטור האט אליהו בחור אסאך אויפגעטאן, מער, ווי ס'איז געווען באקאנט ביז דער לעצטער צייט. 1545 איז אין ווענעציע דערשינען זיין יידישע איבערזעצונג פון „תהלים". ער האט אויך געשריבן לידער. מ'איז אלנפאלס באקאנט זיינס א ליד וועגן דער שריפה אין ווענעציע, „נון וויל איך איין ווייניג זינגן מיט מיינם בויזן קול" (זע שטיינשניידער, „געשיכטסט-ליטעראטור, 109. אויך נויבויערס קאטאלאג, כ"י אקספארד נר. 1217/17). אין דעמזעלביקן אָקספארדער כתב-יד (נויבויער 1217/11) געפינט זיך נאך א ליד פון אליהו בחור, וואס הייסט „המבדיל".ביידע לידער זיינען פארשריבן אין יאר 1554, אלזא 5 יאר נאך אליהו בחורס טויט, דורך קלונימוס בן שמעון אין ווענעציע. זיין גרעסטער אויפטו איז אבער אויפן געביט פון ראמאן; 1507 האט ר" אליהו פארפאסט אין פאַדואַ דעם „בבא-בוך", און דער בבא-בוך איז ניט אליהו בחורס אייגציקער ראמאן. ער האט אויך פארפאסט א ראמאן „פּאַריש אונ" וויענאַ", געשריבן אויך אין סטאַנסן (אָטטאַווא רימאַ), געדרוקט אין ווערא‍נאַ (און ניט בערן), 1594, אין 10 חלקים, מיט בילדער. די ספקות ארום דעמדאזיקן לעצטן ראמאן באזייטיקט דער ארויסגעבער פון „מעשה קיניג ארטיש הוף", ד"ר ל. לאַנדוי („ארטוריען לעדזשענדס", XXIX). ער שרייבט, אז דר. מ. גאַסטער האט דעם ראמאן אנטדעקט אין דער ביבליאטעק פון דר. רייט אין לאנדאן און ארויסגעפועלט פאר דר. לאַנדוי די דערלויבניש פונם אייגנטימער ארויסנעמען א קאפיע פונם ווערק מיט דער אויסזיכט אים אין דער צוקונפט צו פּובליקירן, א שאד בלויז, וואס לאַנדוי ווארפט זיך מיטן גאנצן אימפעט פארריכטן דעם טעות פון שטיינשניידערן און בן-יעקב וועגן בערן אלס דרוקארט פונם ראמאן — א טעות, וועלכן שטיינשניידער האט איבריקנס פארריכט נאך 1866 אין „סעראַ-פּעום" (ז. 3), (אויך אין סק"ב, צענטראלבלאט, 1894), בעת מען האט געדארפט דעם אימפעט פארווענדן אויף א קאטעגארישער זיכערשטעלונג פון ר" אליהוס מחברשאפט. — פאראן נאך א דריטער ראמאן, בנוגע וועלכן ס'עקזיסטירן השערות, אז זיין מחבר איז אליהו בחור; דאס איז די סטאנסן-ווערסיע פונם יידישן ארטור-ראמאן, פון וועלכער ס'איז דערגאנגען בלויז איין עקזעמפליאר פון דער פראַגער אויסגאבע (צווישן 79—1652). אויך בנוגע דעמדאזיקן, דריטן אין אונדזער ליטעראטור סטאַנסן-ראמאן קאן מען האבן די גרעסטע טענות צו

דר. לאנדוי. ער האט אים ניט פארעפנטלעכט אין זיין דערמאנטער ארטור־אויסגאבע, און דאס שיינט מיר צו זיין דער גרעסטער חסרון פון זיין בוך, בפרט וואס לויט אלע סימנים שטייט די סטאַנסן־ווערסיע עסטעטיש אַסאַך העכער פון דער ריימפאָרן־ווערסיע, אפגעזען שוין פון דער טויטלעכער און זייער קינסטלעכער וואַגענזייל־עדיציע. באקענענדיק זיך מיטן בבא־בוך, מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג, אז אליהו בחור איז אזא אויסגעשפראכן־לעבע־דיקער טעמפעראמענט, אז ס'איז אונמעגלעך, ער זאל זיך ניט אויסדריקן בולט אין דער ארטור־ווערסיע, ווען זי זאל זיין זיין ווערק. בפרט איז דער פארדרוס גרויס, וואס לאנדוי האט געהאט די מעגלעכקייט באקענען זיך אויך מיטן צווייטן ראמאן פון אליהו בחור, מיט „פאריש און ווינא”. קורץ: אויב אליהו בחור איז דער מחבר פון דער ארטוס־סטאַנסנווערסיע, מוזן זיך אין דער שפראך, סטיל, קאמפאזיציע פון דער ווערסיע געפינען גענוגנדיקע און פעסטע ראיות פאר זיין מחברשאַפט.

ענדלעך איז אונדז באקאנט, אז ר״ אליהו האט פארפאסט אן איוב־איבערזעצונג, וואס איז אבער צו אונדז ניט דערגאנגען, און איז ווארשיינלעך אויך קיינמאל ניט געדרוקט געווען. אפשר האט ער אויך איבערזעצט משלי און דניאל [5]).

מיר האבן אלזא צו טון מיט א דיכטער, ניט נאר מיט א פילאלאג. אמת, ער איז קודם כל געווען פילאלאג. דא זיינען געווען פארטאן אלע זיינע מחשבות, אלע זיינע חושים. פונדאנען איז געפלאסן זיין טרייסט אין שווערע מאמענטן פון לעבן, פונדאנען האט זיך פארשפרייט איבער זיין נשמה א שלייער פון נאיווער באגייסטערונג. ער דערציילט אין שלוסווארט צום „תשבי”, ווי ער איז אריבער די אלפן, פארנדיק, שוין א בן־שבעים, צו פּאַאולוס פאגיוס: „הרים וגבעות למטר השמים, ולשלג אמר היה ארץ (דברים י״א)”—„כ'בין גע־שטאנען א פארציטערטער, כ'האב געטראכט וועגן ווערטער אין מיין געדאנק און האב זיי געשריבן אויפן טאוול פון מיין הארץ. און קומנדיק אין גאסט־הויז האב איך געעפנט מיין רייזעטאש, ארויסגענומען מיין גאטיק־בוך און פארצייכנט די ווערטער, וואס גאט האט געגעבן אין מיין הארצן”.—די גרויסע בערג, וואו ס'גליווערט דער שניי, האבן געמאכט ציטערן זיין הארץ,—און ער איז אנטלאפן אין פילאָלאָגישע ענינים.

אזוי איז ער געווען קודם־כל דער מענטש פון דער וויסנשאפט, און די באגייסטערונג צו איר האט אים ארויסגעפירט פון דער ענגער דאגמאטישער

פרומקייט, האט אים געהייסן אריבערשפרייזן די תרעומות און פארווארפן פון זיינע בני-דור-יידן גאר א וויכטיקער דאקומענט איז זיין התנצלות אין דער צווייטער הקדמה צו „מסורת המסורת” וואסווארפט אן אינטערעסאנטן ליכט אויף ר״ אליהוס פערזענליכקייט. איך ברענג זי דא, אין מיין ניט זייער געטרייער איבערזעצונג: „און צוליב דעם (ד. ה. צוליב דעם, וואס ער האט געלערנט דעם קארדינאל די הייליקע שפראך) מורמלט מען שטארק קעגן מיר, און מען האלט עס ניט פאר שיין, און מאנכע רבנים באציען זיך צו מיר פיינטלעך, און זאגן, אז ווי איז צו מיין נשמה, וואס כ׳האב געלערנט תורה צו א גוי, און זיי שטיצן זיך אויף דינים, וועלכע זיי פארשטיין גארניט... און די מעשה שטעלט זיך אזוי פאר: ...אין יאר רס״ט (1509) ...ווען איך בין געוועזן אין פאדוא, איז זי איינגענומען געווארן דורכן שונא, און ס׳איז מיר געבליבן בלויז אויסצווואנדערן, און כ׳האב פארלאזן מיין שטאט און אוועק ביז רוים, און דארט געפינט זיך א גרויסער שר, א פירשט פון גרויסן רום, קלוג ווי ידידיה, ער הייסט קארדינאל עגידיאָ. און הערנדיק וועגן אים, האב איך אים באזוכט אין זיין פאלאץ, און ווען ער האט מיך דער־זען, האט ער מיך אויסגעפרעגט, און כ׳האב אים געזאגט: מיין האר, איך בין יענער דייטשער מדקדק, כבין בקי אין אלע סודות פונם דקדוק און פסוק, וואָרום כ׳פארנעם זיך דערמיט ווייל איך לעב... און ווען דער שר האט דאס דערהערט, איז ער מיר אנטקעגן אויפגעשטאנען, און האט מיך געקושט און געזאגט: דו ביזט עס, אליהו, וואס דיין נאמען קלינגט אין אלע מדינות, און אומעטום זיינען פארשפרייט דיינע ספרים! געלויבט איז גאט, וואס האט דיך צו מיר געבראכט, און אצינדער וועסטו ביי מיר בלייבן, און וועסט מיר זיין א לערער, און איך דיר א פאָטער, און כ׳וועל אויסהאלטן דיך און דיין הויזגעזינד... און אט בין איך פולקאם מודה, אז כ׳בין געוועזן א לערער פאר פרעמדע... נאר זייט וויסן, אז ניט קוקנדיק דערויף בין איך א ייד, און כ׳פאָרכט גאט דעם באַשעפער פון הימל און ערד... און פריי בין איך פון שולד, ווארום די חכמים זיינען דאס ניט מאסר”... דא קומט א פלפול־באווייז, אז „דברי תורה לגוי אין מוסרין” באציט זיך נאר אויף מעשה בראשית, מעשה מרכבה און ספר יצירה, ניט אבער אויף די העברעיש-תלמודישע וויסנשאפט. ר׳ אלי פאררופט זיך ווייטער אויף אנדערע גרויסע יידישע חכמים, וואס האבן געלערנט מיט גויים... „ווער שמועסט שוין וועגן מיר, וואס כ׳בין א שפל ומשופל, דערצו א מטופל מיט זין און טעכטער, און כ׳האב קיין שום פארמעגן ניט, און צוויי-

מאל האט מיך דער גורל געטראפן, אין פאדוא האט ער מיין געלט גענומען... און אין יאר פ״זר (1527) איז אויף רוים געקומען די גזירה און א חורבן, ס'איז ביי מיר קיין גראשן ניט געבליבן, א צייט פון צרה, ניטא אין דער היים ניט קיין ברויט און ניט קיין האלץ, און די מאמע ליגט איבער אירע יונגע, און טעכטער דארף מען חתונה מאכן... און וואס זאל א מענטש טאן ער זאל ניט זינדיקן... און זיי וויסן, ס'איז דא א דין, אין לך דבר בפני פקוח נפש עומד... און ווייטער וויל איך אייך מודיע זיין די פיל טובות וואס זיינען דערפון ארויס, כ'שווער, אז אלע גוים, וועלכע כ'האב געקענט, וועלכע איך און אנדערע האבן געלערנט, זיינען אלע גוטע און כשרע מענטשן, און ווי זיי האבן נאר געקאנט, האבן זיי טובות געטאן יידן... און א ישועה איז אויך, וואס זיי פארשטייען איצטער אונדזער שפראך... און געלערנט האב איך זיי בלויז דקדוק לשון הקודש. און סיידוי וואלטן זיי דאך געקאנט, אפילו בלויז פון מיינע ספרים, זיך אויסלערנען דעם פשט פון די ווערטער... און נאך היינט ווענדן זיך צו מיר גוים... פארוואסזשע באשולדיקט איר מיך? נעמטזשע פון מיר אראפ אייערע באשולדיקונגען און טענות״... (די פינטלעך באטייטען, אז מ'ר האבן אין דעם ארט ארויסגעלאזן ווייניקער וויכטיקע שטעלן. — ס'איז כדאי צו באמערקן, אז אויך די קריסטלעכע הומאניסטן פון יענער צייט באקלאגן זיך, אז מען באשולדיקט זיי, וואס זיי האבן צו טאן מיט יידן (רויכלין, ווידמאנשטאט א. א.).

אט זיינען דריי עטוואס סתירותדיקע ארגומענטן, — דער ערשטער וויל סכאלאסטיש דערווייזן, אז קיין שום עבירה איז ניט באגאנגען געווארן ביים לערנען די גוים לשון-קודש. דער צווייטער אנערקענט שוין אינדירעקט די עבירה, ווארום ער פארענטפערט זי מיט דער נויט; דער דריטער רייסט זיך ווי ניט ווילנדיק ארויס. ער אטעמט שוין מיט הומאניסטישער לופט, — און דעם פערטן, דעם וויכטיקסטן, דערציילט ניט ר״ אליהו: אז זיין גאנץ לעבן איז געווען באהערשט מיט דער תאוה פון זיין עפאכע צו לערנען און זאמלען וויסן, און ס'איז געווען דער הונגער פון א תקופה, וואס האט זיך ווי אויפגעכאפט פון א שווערן שלאף, און אין א פיבערדיקער אנשטרענגונג באמיט זיך וואס גיכער קלאר ווערן אין דער ארומיקער וועלט און אירע געזעצן. דער דאזיקער אטעם פון א תקופה האט אויך אים געטראגן, דעמדאזיקן געלערטן יידן מיט א ווייב און קינדער, ווארום ער האט ניט בלויז געלערנט גוים, ער האט זיך אויך א סאך אויסגעלערנט ביי זיי, עס איז ברייטער געווארן זיין האריזאנט, ער

איז דורכגעזאַפּט געוואָרן מיט דער הומאַניסטישער איבערצייגונג, אַז וויכטיקער פאַר אַלץ איז דער וויסנשאַפטלעכער אמת, און נאָר אַלס רעזולטאַט פון אָט דער הומאַניסטישער איבערצייגונג האָט געקאָנט קומען זיין ביבּליקריטישער אויפטו: אליהו בחור איז נעמלעך דער שאַפער פון דער ערשטער וויסנשאַפט-לעכער טעאָריע וועגן דעם אַנטשטיין פון תנך.

פון דער אַנדערער זייט זיינען פאַרשטענדלעך די תרעומות פון די יידן. עדזשידיאָ ווי עדזשידיאָ, אָבער אָט האָט ער מיטגעאַרבעט מיטן פריידיקער פאַגיוס, וואָס אַנטוויקלט אַ מיסיאָנערישע טעטיקייט, און אין דעם זעלביקן יאָר 1542, ווען ער דרוקט ר"אליהוס ווערק, האָט ער אָפּגעדרוקט אַ פּאָלעמישן חבור פון אַ משומד קעגן דער יידישער רעליגיע, דעם „ספר האמנה" („ליבער פידעי"), אַפילו אין דעמזעלביקן חודש יולי, ווען ער האָט אָפּגעדרוקט דעם „שמות דברים", און ס'איז ניט וואַרשיינלעך, אַז אליהו בחור זאָל עס ניט האָבן געוווּסט. און אין דער הקדמה צום „תשבי" באַמערקט פאַגיוס, אַז אליהו איז אַ ייד, אָבער,

„sed vere non iniquus est in fidem nostram, nec malique sentiens de Christo"

— וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז נאָך ר"אליהוס טויט האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ער איז קורץ פאַרן טויט אַריבער מיט נאָך 30 יידן צום קריסטנטום, — וואָס עס לייקנט אָפּ וואָלף מיט דער באַמערקונג, אַז אליהו בחור איז דאָך ניט אינגאַנצן פרעמד געווען דעם קריסטנטום (וואָלף, ביבל. העבר. באַנד 1 ז. 161). דאָך איז ר"אליהו געווען אַן איבערצייגטער ייד, מערניט ער האָט ביי זיינע הומאַניסטישע פריינט און תלמידים געצירשנט די פרייע, טאָלעראַנטע באַציונג צום ענין רעליגיע.

צו קבלה האָט זיך אליהו בחור באַצויגן מיט גרויס יראת-הכבוד, ער באַטאָנט אָבער אין עטלעכע ערטער זיין ניטקאָמפּעטענץ אין קבלה פראַגן און ער באַדויערט, וואָס ער האָט דידאָזיקע סודותדיקע וויסנשאַפט ניט געלערנט; — ער האָט אָבער געהאַט גלייכצייטיק אַן אויסרעכנונג, אַן משיח וועט קומען נאָך פאַר 1560... (גייגער, 62).

ער איז אַלזאָ געווען פילאָלאָג, קודם-כל פילאָלאָג. זיינע יידישע שריפטן האָט ער מן הסתם פאַרפאַסט צוליב פרנסה-טעמים, לויט דער באַשטעלונג פון דעם פאַרלעגער. אַזוי דערציילט קאָרנעליאָ אַדלקינד, שאַפער אין באָמבערגס דרוקעריי און פאַרלעגער פון דער תהלים-איבערזעצונג: „בין איך גאַנגען צו

ר״ אליה בחור און״ הון מיך מיט אים פר טראגין, ער זול מיר איטליכי ספרים טוייטשן״. און דאך, צי איז דער פרנסה-טעם געוועז דער איינציקער, וואס האט אים געבראכט צו זיין דיכטערישער ארבעט, וואס האט אים באוויגן א יאר צייט צו ארבעטן איבער דעם בבא-בוך, וואס האט אים געהייסן באקלאגן די שריפה אין ווענעציע? מ. שילער גלויבט, אז דריי מאטיוון האבן געבראכט ר״ אליהו צו דער בבא-איבערזעצונג: 1) מאראליזירנדיקע טענדענץ.—שילער נעמט אן פאר גוט געלט די טענדענץ פון יידישן ראמאניסט צו מאסקירן מיט מוסר-סטראפן זיין ריין-וועלטלעכן אויפטו. 2) דער פרנסה-טעם. 3) די שטרעבונג צו פארטרייבן די מעלאנכאליע, וועלכע ס׳ברענגט די בסדרדיקע וויסנשאפטלעכע ארבעט.

דעם וויכטיקסטן טעם דארף מען זוכן אין דער פאעטישער נשמה פון אונדזער געלערטן, אין זיין ייגנטלעכן טעמפעראמענט, וואס שפארט ארויס אין א לעבעדיקער שפראך אפילו פון די ריין פילאלאגישע ווערק און פון די הקדמות. ביים אפשליסן דעם אות גימל אינם „תשבי״ צעזינגט ער זיך פלוצלינג:

„נשלמה אות גימל

גילובט זיי גוט בון הימל״.

איניקע קליינע שירים פון זיינע הקדמות זיינען זייער פאעטיש, פול הארציקן געפיל. אזוי די שירה צום סוף פון „מתרגמן״: (וואו ער בעט גאט, ער זאל שטארבן גלייכצייטיק מיט דער פרוי):

אנא אלי לי ולאשתי

החסד גם האמת מן

שהיא לא תהיה אלמנה

ואני לא אהיה אלמן.

יחד נמות ובגן עדנות

תוך תיבה אישן עד לזמן

יבא הקץ ואזי בקיץ

ולחיי עד יחד נזדמן.

דער דאזיקער פילאלאג איז געוועזן גלייכצייטיק א באדייטנדיקער דיכטער.

6. כאראקטעריסטיק פון דעם יידישן בבא-בוך.

1) פון דעם יידישן בבא-בוך איז צו אונדז דערגאנגען איין כתב-יד,

וואס געפינט זיך איצט באזיץ פון פראפעסאר פּ אָ ר ג ע ס אין לייפציג, דאן נאמירן די ביבליאגראפן פאלגנדיקע דרוקאויסגאבן: א) די ערשטע אויסגאבע איז דערשינען צווישן 1508—1540, (ווענעציע? איסני?) ב) פראג 1660, ג) אמסטערדאם 1661, ד) פראנקפורט 1691, ה) ווילמערסדארף 1724, ו) פראג 1767, ז) פראנקפורט-אדער 1796 א. א. וו.

דער כתב-יד פארגעס האלט 62 בלאט צו 10 סטראפן, און שטימט דורכויס מיט דעם אמסטערדאמער דרוק, ס'פעלט די הקדמה, דאן איין בלאט נאך ז, 16 און 22. איינצעלנע סטראפן זיינען אויף זייט 39ב און 41א ארויסגעלאזן, זייט 39ב זיינען איבערגעשטעלט 7 סטראפן. אויף זייט 61א זיינען צוגעגעבן דריי סטראפן, וואס רעזיומירן דעם אינהאלט. עס פעלן ליידער, אין פארגלייך מיט אמסטערדאם, די לעצטע 16 סטראפן.

דער בבא-בוך איז אלזא דערגאנגען בלויז אין איין נוסח. די אונטערשיידן צווישן די פארשיידענע אויסגאבן זיינען דער עיקר שפראכלעכע, זעלטן קליינע און ניטוויכטיקע השמטות און הוספות. די שפּעטערדיקע אויסגאבן האבן מער מאָדערניזירט די שפראך און דעם אויסלייג. אין רעזולטאט איז אפט דער ריים צושטערט געווארן, ווען דאס ארכאַישע ענדווארט איז פארביטן געווארן דורך א מער פארשטענדלעכן מאדערנעם אויסדרוק. דער פארגעס-כתב-יד און אמסטערדאם האבן טאקע דורכויס „ריינע“ריימען, בעת פראג 1767 האט שוין א היפשע צאל צושטערטע ריימען. דאן האט נאך דער פארגעס-כתב-יד איטאליענישע ענדונגען פון די נעמען, אשטייגער סיניבאלדאָ, ריצארדאָ.

2) פּ ע ך האט ארויסגערוקט די השערה, און ש ט י מ י נ ג אונטערשטיצט זי, אז די איטאליענישע נוסחאות זיינען א באארבעטונג פון זכרון, און ניט פון א שריפטלעכער פארלאגע פון די פראנצויזישע ווערסיעס. די איטאלענישע פארפאסער האבן ווייזט אויס געהערט דעם בבא-עפּאָס פון וואנדערנדיקע פראנצויזישע פאלקסזינגער, און דערנאך פון זכרון באארבערט דעם שטאף. דאס האט געבראכט צו א גרויסער זעלבסשטענדיקייט אין דער באארבעטונג פון דעם פראנצויזישן עפּאָס, קודם-כל צו זיין קירצונג, דאן צו דער פארשמעלצונג מיט שטאפן פון אנדערע, די איטאליענישע באארבעטער שוין באקאנטע, פראנצויזישע עפּאסן, הויפּטזעכלעך פון דער אזוי גער. פלאָוואנט-זאגע.

די כאראקטעריסטישע שטריכן פונם גייסט פון דעם איטאליענישן נוסח גייען ממילא אריבער אויך אין דעם יידישן בבא-בוך. קודם-כל דארף מען נעמען אין אכט, אז דער יידישער בבא שטאמט פון שפּעטע ווארואנטן, וואס האבן

שוין פארלארן דעם פייערלעכן עפּישן טאָן פון די פראנצויזישע נוסחאות פונם 13 י"ה. די איטאליענישע ווארינאַנטן שטעלן שוין פאָר דעם איבערגאנג פון דעם ריטערלעכן עפּאס צום לעבעדיקן, מער פּראזאישן, מער רעאליסטישן און עטוואס הומאריסטישן פאלקסבוך. דער יידישער בבא-בוך איז גאר שפּעט אנטשטאנען, אין 16 יארהונדערט, אין א צייט, ווען וועלכע ס'איז עפּיש-רי־טערלעכע פייערלעכקייט איז געווען אן אַנאַכראָניזם, ער איז אלזא לויט זיין באשטימונג און אויספירונג א ריינער פאלקסבוך.

ווייטער כאראקטעריזירט די פראנצויזישע ווערסיעס זייער שטארק רע־ליגיעזע באפארבונג, וואס איז נאטירלעך, ווע' מען דערמאנט זיך, אז דער בבא-עפּאס איז אנטשטאנען אין דער צייט פון די קרייצצוגן, פון א גרויסער רעליגיעזער באגייסטערונג, און די קרייצצוגן שפּיגלען זיך בולט אָפּ אין אלע פראנצויזישע נוסחאות. אבער אויך די פּרטים פון דעם פראנצויזישן בבא־ראמאן זיינען שטארק קלעריקאל, אזוי, אז ס'איז אנטשטאנען די השערה, אז די נוסחאות פון דעם 13 י"ה זיינען פארפאסט פון גייסטלעכע, ס'קאן זיין בכדי ארויסצורייסן דעם עפּאס פון די הענט פון די וועלטלעכע זשאנגלערן, (בכלל האבן די גייסטלעכע געשפּילט א גרויסע, אפשר די גרעסטע ראליע ביים אנטשטיין פון פראנצויזישן ריטערלעכן עפּאס). אין די איטאליענישע ווערסיעס איז דער רעליגיעזער מאמענט אפּגעשוואכט ביז א מינימום. אפילו נסים-מאמענטן, וואס וואלטן פארשטארקט די פאנטאסטיק פון דער אקציע, ווערן רעאליסטיש אויסגעלייגט, אזוי צ. ב. אין דער פראנצויזישער רעדאקציע איז בבא אין דמשק ביים סולטאן געבונדן, און מיט א געטלעכן נס פאלן אראָפּ זיינע שטריק, בעת דער איטאליענער לאזט בבא אומגעבונדן און וויל ניט האבן צו טאָן מיט נסים.

3) שטעלן מיר זיך איצט בלויז אויפן באדן פון דעם יידישן בבא-בוך, זעען מיר, וואס פאר א שווערע אויפגאבע איז געשטאנען פארן יידישן מחבר. ער האט געהאט פאר זיך—אפילו אין דער וועלטלעכער איטאליענישער א ריין קריסטלעכן עפּאס, וועלכן ער האט געדארפט איבערגעבן דער יידישער, אזוי שטרענג רעליגיעזער גאס. אמת, ער האט שוין געהאט פאר זיך א מין טראדיציע, ווארום, ווי געזאגט, איז דער בבא-בוך ניט דער ערשטער יידישער ראמאן:—די קריסטלעכע באפארבונג פון דעם בבא-בוך איז, אמת, ניט אן אידעאלאגישע, ווי א שטייגער, אין א „פּארסיפאל", נאר א ריין-פאקטישע, די נאטירלעכע פארב פון אן עפּאס, וואס איז

אויסגעוואקסן אין א קריסטלעכער סביבה, פון דעם יידישן בבא-בוך דערוויסן מיר זיך פון צוויי וועלטן, די יידן, וועלכע עס רעפרעזענטירט דער סולטאן פון בבל און זיינע מקורבים, און אלע אנדערע, וועלכע זיינען קריסטן. אויף דעם זאגט בולט עדות בלויז איין עפיזאד, נעמלעך דער, אז בבאס פארברע-כערישע מוטער ווערט פארטריבן אין א קלויסטער, כון וואס ס'איז קלאר, אז בבא און אלע זיינע מקורבים זיינען קריסטן. גלייכצייטיק געפינען מיר אין דעם אמסטערדאמער דרוק, אז בבאס פרוי דרוזיינה מאכט אויפמערקזאם איר פאטער, א אירע ביידע זין זיינען ניט געיידישט! (אין דער אויסגאבע פראג 1767 האב איך דעם פרט ניט געפונען). דער לעצטער פרט שטימט ניט מיט דער גאנצער טאקטיק פון דעם יידישן מחבר—א טאקטיק, וואס איז כאראקטע-ריסטיש און טראדיציאנעל פאר אלע אלטיידישע איבערזעצונגען. אליהו בחור האט נעמלעך געשטרעבט די גאנצע רעליגיע-פראגע פארזעצן אין א נייטראלע פלאך, בכיוון איגנארירן די קאנקרעטע רעליגיע פון בבא און זיינע פריינט, און באגנוגענען זיך דערמיט, וואס ער גלויבט אין גאט, בעת דער סולטאן צ. ב. איז א הייד. קורץ: ניט פאריידישן דעם העלד, אבער אויך ניט אָנטייטן דירעקט זיין קריסטנטום.

4) שוין דעמאלט האבן אבער עקזיסטירט טראדיציאנעלע איבערליי-טונגספארמולן, וואס האבן געהאט פאר א ציל לייכטער צו מאכן די שטילשווייג-דיקע (און אפט תרעומתדיקע) פשרה פון דער יידישער פרומער סביבה מיטן קריסטלעכן „קורצווייליקן" ראמאן. די דאזיקע איבערלייטונגספארמולן דריקן זיך אויס אין דעם פרוכן שער-בלאט, אין די רעליגיעזע אנהייב און שלוס-סטראפן, דארט ווו דער ראמאן ווארפט זיך צום מייסטן אין די אויגן.

5) אין דער קאנסטרוקציע האבן מיר אייניקע יידישיזירנדיקע פרווון פון אליהו בחור: באלד פון אנהייב ווערט דאס אלט ווערן פון דעם הערצאג גווידאָן און דאס זוכן פון א יינג מיידל, וואס זאל אים ווארעמען, דערציילט און צוגעגעבן לויט מלכים א"א 1—3. דאן קומען אין עטלעכע ערטער—מער פון אנהייב,—מוסר-סטראפן: (אשטייגער: „דרום ליבן הערן איר זאָלט שויאן. וואַז אום גליק קומט פון דען ביזן ווייבן..." אדער: „דרום ליבן הערן געדענקט דראַן. וויא איינש הערצוגן זון קאַם צו זולכר מאסן..." (לויט פראָג). שפעטער באגנוגנט זיך דער מחבר מיט קורצע באלערנדיקע זאצן. אזוי זאגט גראף אוגלין פארן טויט: „עש איז פריילך וואר. די אלטי שפריך ווערטר טון ניט פעלין. עש איז קיין דינג זא קליין גשפונין. עש קומט אונטר דער זונין."

(דאס דאזיקע שפּריכוואָרט איז אגב פאראן אויך אין דעם יידישן אַרטוּס־ראמאן און אין „שמואל־בוך" מ. ע.)

6) ניט אין דעם ליגט אָבער דער שווערפּונקט פון דער ארבעט, וועלכע ר' אליהו האט דורכגעמאכט, בכדי צו מאכן דעם בבא־בוך פאר א יידישן פאָלקסראמאן. ער ליגט אין סטיל, אין דער אויסלייגונג, אין די יידיש־פאָלקס־טימלעכע ווענדונגען, פארגלייכן און בילדער, וואס באגלייטן די מעשים פון די העלדן. ווען בבא ווערט דרוזייַנהס חתן, גיט מען זיי אַ מזל טוב. דער גראף אוגלין מאכט אויפמערקזאם דעם מלך ארמינײן, אז ער האט געמאכט א שלעכטן „חיתון", אויף וואס דער מלך ענטפערט מיט א מאמר ח"זל: „אונזרי ווייזן הבן אויך גזאגט. מען זאל נור אויף איין קרן זעהן. וואז העלפט דער יחוס פון פאטר אונ" מוטר. ווען ער זעלברט איז קיין מענש קיין גוטר".—דער קנעכט דערציילט דרוזיינהן „פון דר אלף ביז אן דר תיו". בבא דערוויסט זיך, אז ער איז געקומען צום חופּהטאג פון דרוזיינה און מאַקאַברונען, און זאגט: „צו ברוכים יושבים וויל איך קומן". דער צווייטער לייב האט פלעקונען צעריסן „קנה אונ' ווּשט". עס קומען פאררופונגען אויף שלמה המלך, אויף שמשון הגבור.—דרוזיינה זאגט צום פאסטוך וואס מאכט איר א שענדלעכן פארשלאג: ימח שמך וזכרך. א. א. וו.

7) גייען מיר איבער צו דער ריין—עסטעטישער אפּשאצונג פונם בבא־בוך, דארף מען קודם כל דערמאנען, אז ער איז דערשינען מיט א מעלאָדיע, מיט א ניגון, וועגן וועלכן אליהו בחור שרייבט:

אבר דר ניגון דר דא דרויף ווערט גין
דען קון איך ניט געבן צו פר שטין,
דען איינר קענט מוזיגה אודר כולפה (סאָלפּעדזשיאָ)
זאָ וויל איך אים וואול הבן גיהולפן.
אבר איך זינג עש מיט איין וועלשן גיזאַנג
קון ער דרויף מאכן איין בעשירן זא הב ער דנק.

מען דארף אלזא כסדר געדענקען אז דער ראמאן איז באשטימט געווען צום זינגען, צום רעציטירן, גיכער, ווי צום לעזן. און שוין בורקהארדס אין זיין רענעסאנס־בוך, רעדנדיק וועגן פולטשי און באַיאַרדאָ (15 י"ה) מאכט אויפ־מערקזאם, אז דער צוהערער האט גאנץ אנדערע פאדערונגען, ווי דער לעזער, און אז א טיפערע כאראקטער־שילדערונג קאן בלויז אפּשוואכן דעם איינדרוק פון דער רעציטאציע, דער רעציטאציע כאראקטער פון דעם בבא־בוך האט אלזא

א שיכות צו דער געשטאלטן־שילדערונג, און נאך מער צו דער קאנסטרוקציע פון הומאר אינם בוך.

8) פון אונדזער היינטיקן שטאנדפונקט און געשמאק מוז אלזא דערווי־דערליך און שטארק פרימיטיוו אויסקומען די געשטאלטן־שילדערונג אינם בבא־בוך. טיפּן־כאראקטערן אין היינטיקן זין זייַנען אין בבא בוך אינגאנצן ניטא. די געשטאלטן זייַנען הילצערנע מאנעקענען, וואס דינען דער פונאנדערוויקלונג פון דער אינטריגע, און די אינטריגע איז אין תּוך א ריטערטורניר, צו וועלכן מען דארף האבן צוויי צדדים, ניט מער און ניט ווייניקער: דער צוהערער איז דער צושויער פון דעמדאזיקן טורניר, מיט סימפּאטיעס פאר איין צד. דער־דאזיקער צד איז דער פּאזיטיווער, דער פרומער, ממילא דער צד שכּנגד— די מחנה פון די „בויזוויכטן". אבער אין תּוך זייַנען ביידע צדדים פונם זעל־ביקן גייסטיקן און עטישן לייַם געקנאטן. מיר האבן אלזא דעם פּאזיטיוון, אונדז סימפּאטישן צד פון בבא, דרוזיינה זייַן געליבטע, און זייַערע פרייַנט,— דער צד שכנגד איז אלץ, וואס שטעלט זיך זיי אנטקעגן. א „בויזוויכט" איז אלזא מאקאברון, וואס איז אין תּוך ניט ערגער און ניט איידעלער פון בבא, און סוף בוך איז אונדז דער מחבר מבטיח, אז אויך פון מאקאברונען האט בבא באוויזן צו מאכן א תּל. דאקעגן איז אינם פּאזיטיוון לאגער דער האלבמענטש, האלבהונט פּלעקין. דער הויפּטהעלד בבא איז שוין ווייט ניט מיט פּיעטעט געשילדערט: דער „פרומער" בבא איז בטבע א פרעסער, און טעריץ איז אים חושד, אז ער שטאמט פון פוילן (שוין מיט יארהונדערטער צוריק האבן וועלשע אויס פּוילישע יידן געהאט א שם אלס פרעסער). ער איז אויך געגווג אכזר־יותדיק, אבער געטריי דעם גלויבן און זייַן געליבטער. דער ליבעמאמענט איז געשילדערט אין גרעלע, שארף־פיזישע פארבן, אן קיין שום גייסטיקער אדער ראמאנטישער פארטיפונג, ממילא איז אויך די העלדין דרוזיינה ווייניק אינ־טערעסאנט. איר איינציקער, אינטריגעוויטיקער שטריך איז די טריישאפט צו בבא. אלע העלדן ענדערן זיך כּמעט ניט אין פארלויף פון ראמאן, זיי דערשייַנען באלד מיט פארטיקע אייגנשאפטן, וואס זייַנען אבער א אינטריגע־עלעמענט גיכער ווי כאראקטערשטריכן.

9) אויף אזא מין אויפן איז דער זין און אינהאלט פון דעם בבא־בוך בלויז זייַן ספּור־המעשה, זייַן אקציע, זייַן אינטריגע. מיר באקומען דאן דרייַ באשטאנד־טיילן פונם ספּור־המעשה, אינם בבא בוך. דאס זייַנען: זייַן אינטריגע אין ענגן זין פון ווארט, די שילדערונג פון קאמפן און דער עלעמענט פון קאמיזם

10) די איגטריגע פון בבא-בוך איז פאנטאסטיש, פאלקסטימלעך פאנטאסטיש, און דא פאסט, גיכער ווי צום קריסטלעכן בבא-בוך, די שיינע כאראקטעריסטיק יארדאנס: „ס'איז א פאלקסמעשהלע, און ס'קוקט פון אים ארויס יענע פיזיאנאמיע, וועלכע סהאט ליב דאס שטילזיצנדיקע פאלק, די שטוב פון פרויען און קינדער". ווי אין מעשהלע פארליבט זיך דרוזיינה אין דעם קנעכט פון איר פאטער, וואס איז אבער א בן-מלך.—בבא קומט צופארן אין א שטאט —ס'איז גראד די שטאט פון זיין קאנקורענט מאקאברון, און ער קומט גראד צום טאג פון דרוזיינהס חתונה מיט מאקאברונען.—נאכן לייבן-אנפאל קומט דרוזיינה צום ים, און באלד זעט זי א שיף,—ס'איז גראד א שיף פון איר פאטער, דעם מלך ארמיניין.—בבא קומט צום גאסטהויז, און פארשטייט זיך, ער טרעפט דארט טעריק'ן, דעם זון פון זיין געטרייען פריינט און אנהענגער סיניבאלד א. א. וו.

ס'איז אבער אן אייראפעיש מעשהלע, און ס'פעלט איר די פאטאליסטישע פאנטאסטיק פון דער אריענטאלישער מעשהלע, וואו דאס געשייענע איז לכתחילה געגעבן און די טאט באשטימט ניט דעם גאנג פון דער אקציע,—זי אנטדעקט אים בלויז און דערפילט. די בבא-פאנטאסטיק איז אבער געבויט מיט א שיין פון סיבתדיקער קייטלונג, און מיט א שיין פון רעאליסטיק. ס'איז אויך כאראקטעריסטיש פארן רעאליזם פון די איטאליענישע ווערסיעס, אז זיי האבן ניט געקאנט פארדייען די סימבאלישקייט פון דער געשטאלט פונם פילגער-בעטלער אין די עלטערע נוסחאות פון דעם פראנצויזישן בבא-ראמאן, ווו דער פילגער באווייזט זיך צו בבא, בכדי אים צו ווארענען און אפווענדען פון דער רייזע צום סולטאן. נאכגייענדיק די איטאליענישע ווערסיעס, איז דערדאזיקער סימבאלישער משולח אין יידישן בבא-בוך מגולגל געווארן אין א ציגינישן בעטלער און גנב, וואס האט שוין גארניט צו טאן מיט געטלעכע מיסיעס. ער גנבט ביי בבא זיין רינג און זיין פערד, און אויף דער פראגע, וואס האט ער מיט זיי געטאן, ענטפערט ער ציגיניש: „דאס פערד האב איך אין שפילן דובילירט, מיט דען פינגערל הב איך איין ווייב קופילירט".

עס שיינט צו זיין אן אייגנטום פון יידישן בבא די ענדערונג פון דער אקציע אין ענגן זין, אז בבא קומט צופארן אין טאג פון דער חתונה פון מאקאברונען און דרוזיינהן, בעת אין אלע אנדערע נוסחאות קומט בבא א לאנגע צייט נאך זייער חתונה,—אין משך פון דער צייט איז דרוזיינה געבליבן ניטבארירט פון מאקאברונען אדאנק א צויבערגירטל. צוואס האט

אליהו בחור אויסגעגליכן דעמדאזיקן קנייטש פון דער אינטריגע? ס'קאן זיין צוליב קאנסטרוקציע־טעמים, בכדי צו פאראיינפאכן דעם גאנג פון דער אקציע. ווי כ'גלויב אבער, אויך און קודם־כל, בכדי אויסצומיידן עטוואס דראסטישע פרטים. אזא מין טענדענץ איז דא אין יידישן בבא־בוך אויך אינם פאל, ווו בבא ווערט דערקענט פון סיניבאלדס פרוי לויט זיינע מוטערסימנים. אין אלע אנדערע נוסחאות ווערט פאר בבא געמאכט א וואנע, און סיניבאלדס פרוי איז אנוועזנד בשעתן באדן זיך (זי איז געוועזן בבאס זויגערין). אגב, ס'איז געוועזן א מנהג אין מיטלעלטער, אז אפילו יינגע מיידלעך פלעגן באדינען ריטער בשעתן באדן זיך. פארגל. העלענע יאַקאָביוס, „די ערציהונג דעס עדלפרוילײנס אים אלטן פראנקרייך", 1908, האללע). אין יידישן בבא־בוך גיט איבער סיניבאלדס פרוי איר זון טעריץ די סימנים פון בבאס קערפער, און ער זעט עס נאך בעת דעם באדן.

ניט אומעטום איז אבער געלונגען דעם יידישן מחבר, — און אפשר האט ער עס אויך ניט געוואלט, — אויסגלעטן די עראטיש־דראסטישע סצענעס און פרטים. אזוי איז צווישן אנדערע פארבליבן א סצענע, ווו א פאסטוך מאכט דרויזיינהן א שענדלעכן פארשלאג, און אויף איר אויפגערעגטן און שארפן אפזאג ענטפערט ער געלאסן: „איין מאַן מאגש מוטן. איין פרוי מאַג עש פר זאגן." פארגלייך אויך די סטראפע, וואס דערציילט ווי בבא און דרוזיינה פייערן זייער ליבע. אין אלגעמיין איז אבער דער בבא־בוך געבליבן פארשוינט פון עראטישן ניבול־פה.

11) די קאמפן־שילדערונגען פארנעמען אפילו אין שפעטע איטאליענישע נוסחאות א גרויסן פלאץ, און ס'דארף אנגעוויזן ווערן, אז אפילו אין 15 און 16 י"ה האט מען אלערליי פרטים פון טורנירן און קאמפן־שילדערונגען אויפגענומען אין דער קריסטלעכער וועלט מיט א געוואלטיקן אינטערעס, וואס איז געוועזן ניט נאר דער עסטעטישער אינטערעס פאר דעם אינטריגעפלאָנטער, נאר אויך א רעאלער אינטערעס פאר זאכן, וואס זיינען נאך דאן געוועזן זייער אקטועל און טאגטעגלעך. אנדערש אין דער יידישער גאס, ווו מען האט ניט געקעמפט און ניט געשטאכן. דא איז אליהו בחורס אויפטו באשטאנען אינם קירצן ביז א מינימום און אפט שטרייכן גאנצע סצענעס און עפיזאדן, ספעציעל אין דער צווייטער העלפט פונם בבא־בוך. אבער אויך די ערנסטקייט און פייערלעכקייט בשעת דער שילדערונג פון קאמפן ווערט אפט פון דעם יידישן מחבר ארונטערגעריסן דורך קאמישע אינטערמעצאָס. אזוי צ. ב. בא

שרייבנדיק דעם שוידערלעכן קאמף פון פלעקינען מיט די לייבן, ווערט דערציילט, אז דער ערשטער לייב האט זיך פאר פחד באַדאָסט.

12) דא קומען מיר צו די קאמיזם-עלעמענטן פונם בבא-בוך. ס'איז א פאלקסבוך, מען האט גדארפט ציען דעם לעזער, און וואס ציט מער, ווי געלעכטער? דער מחבר האט אבער געהאט א קנאפן אייגענעם אוצר פון הומאר, איז אים געבליבן גיין אויפן אויסגעטראטענעם וועג פון שווערן, הילצערנעם און גראבן פאלקס-קאמיזם. זיין מעכאניזם זיינען גראבע ווערטער, וואס ווערן ארייגעשטעלט פלוצלינג, אפט אפילו אין פייערלעכע מאמענטן,— און דערמאנט מען זיך, אז דעם בבא-בוך פלעגט מען זינגענדיק רעציטירן,— פלעגן זיי דא מוזן, אין קראפט פון קאנטראסט, גאר שטארק קאמיש ווירקן. אזוי צ. ב. ביי דער באלאגערונג פון סאן-סימאן דורך דאַדאָנען, ווייזט מען „אים הרויז די פייגן, דען הינטרן טעטן זיא אויף דעקין, דערנאך מוזטן זיא שטיל שווייגן“,—ארומריידנדיק דעם „תשבי“ באמערקט מ. ווייגרייך („שטאפלען“ ז. 82) עטוואס נאיוו: „ביים ווארט „אחור“ (ז. 7) איז פארצייכנט: „און דער המון (והמון העם) רופט דאס תחת“ ר“ אלי ווייסט שוין פון ספעציעלע אויסדרוקן פון פאלק!“—ר“ אלי האט עס ניט נאר געוווסט, נאר אויך שטארק געברויכט אין זיין בבא-בוך.—בבא דערציילט די שיפסלייט וועגן זיין מוטער: „זי איז קרג אונ' בויזן, איך בין געוועזן איין ביזר יונגר. איך הב איר גשיסן אין די שויסן“,—דרוזיינה קושט בבא, דאן שרייבט דער מחבר „בבא שטונד אויף אונ' טוט זיין באקין ווישן. עש וואר אים אז העט אים איין גאנז אן גפיזן“.—בבא זעצט אויף דעם קראנץ אויף דרוזיינהס קאפ: „ער זעצט אירע אויף אונ' אים קאפ“ זי זיך קרצט“. בבא „דר שטיף דז פערד אז איין וונץ“;

קאמיזם-מאמענטן פון העכערן שוווג זיינען אין בבא-בוך כמעט ווי ניט פאראן:

13) אליהו בחור האט אבער ביים המון געגומען ניט נאר זיינע גראבע גראטעסקע אויסדרוקן. דער בבא-בוך איז א פאלקסבוך אין א גרויסער מאס אויך צוליב זיין לעבעדיקן, פאלקסטימלעכן סטיל, וועלכער רייסט אדורך סיי די ראַמען און מכשולים פון דעם פערז און ריים, סיי די סוגעסטיע פון דער איבערזעצונג. מיר האבן שוין ביי פונקט 6 אנגעוויזן אייניקע ספעציפיש-יידישע אויסדרוקן, וועלכע קומען פאר אין בוך. דער ראמאן איז אבער פול אויך אנדערע, ניט ווייניקער פאלקסטימלעכע אויסדרוקן און פארגלייכן, אזוי

ווערט געזאגט, אז „אונטער פיל הינט וואר דער האז טוט". אברייאן דרייט זיך „אז איין מאפף". בבא זאגט: „וויל איך בהאלטן מיין לעבן. דא מוז איך מיינע פערשן גוטי ווארט געבן". דער מלך זאגט צו דרוזיינה: „נאך בבא קרעט קיין האן". דרוזיינה הענגט אן בבא „אז איין קלעק", א. א. וו.

14) פון דעם ביז איצט געזאגטן איז קלאר, ווי ווייניק ערנסט דער מחבר האט זיך באצויגן סיי צו זיינע העלדן, סיי צו די געשייענישן, וועלכע ער האט באשריבן. נאך לאנגע, ערנסטע און פייערלעכע סטראפן שפרינגט פלוצלינג ארויס זיין לאכעדיקער פנים אין איין קורצן זאץ, אין איין קאמישן פארגלייך, אין איין גראטעסקן אויסדרוק.

אין דערדאזיקער אייגנארטיקער מימיק איז פאראן אסאך איטאליענישע ירושה. אסאך מעלות פון דעם יידישן בבא-בוך דארף מען פארשרייבן צום גונסטן פון דעם איטאליענישן מקור. וועט דאך פארבלייבן אליהו בחורס פארדינסט די דורכויס זעלבשטענדיקע, אקטיווע און אפשר אויך דורכגעטראכטע באציונג צו זיין שטאף.

15) שפראכלעכע באטראכטונגען גייען ניט אריין אין די ראמען פון אונדזער ארבעט. דא דארף בלויז פארצייכנט ווערן, אז אינם בבא-בוך איז אריין א היפשע צאל העברעישע אויסדרוקן און ווערטער, און ניטווייניקער איטאליעניש. דאס האט געווירקט דער מקור. אין אלגעמיין, האט דוכט זיך אויפן סטיל און שפראך פון דעם בבא-בוך גינסטיק געווירקט דער אומשטאנד, וואס די איבערזעצונג איז געמאכט געווארן פון אזא ווייטער שפראך, ווי איטאליעניש, בעת אונדזערע איבערזעצונגען פון דייטש קאנגען זיך קיינמאל ניט באפרייען פון דער סוגעסטיע פון דערדאזיקער, זיי אזוי נאענטער שפראך.

7. ליטעראטור צום בבא-ראמאן.

I. צו דער געשיכטע פון דעם ראמאן.

א) Pio Rajna, Richerche intorno ai Reali di Francia. 1872. Bologna.

דער וויכטיקסטער מקור פארן יידישן פארשער. גלייכצייטיק דאס ערשטע ווערק אויפן געביט פון דער בבא-פארשונג. אנאליז און טיילווייז פובליקירונג פון די איטאליענישע וואריאנטן. אויף זייט 78–155 פארגלייך פון דער טאסקאנא מיט דער ווענעטא.

ב) A. Wesselowsky, Matériaux et recherches pour servir à l'histoire du roman et de la nouvelle. 1888. Petersburg.

וועגן רוסישן בבא. אויף ז. 313—314 שטעלט וועסעלאווסקי פעסט, אז דער רוסישער בבא שטאמט פון דער ווענעטא.

ג) Albert Stimming. Das gegenseitige Verhältnis der französischen gereimten Versionen der Sage von BH. 18?5. Halle. Toblerband.

א פארגלייך צווישן די אנגלאנארמאנישע און קאנטינענטאל-פראנצויזישע ווערסיעס.

ד) Albert Stimming. Der Anglonormannische Boeve de Haumtone. 1899. Bibliotheca Normannica, Bd. VII. Halle.

פובליקאציע פונם אנגלאנארמאנישן נוסח און פארגלייך מיט די ענג פארבונדענע ענגלישע, צפונדיקע און קימרישע ווערסיעס, שוואך און צוגעאיילט זיינען די אלגעמיינע אויספירונגען וועגן דער אנטשטייונג פון ראמאן און קעגנזייטיקע באציונג פון די נוסחאות.

ה) Rudolf Zenker. Boeve-Amlethus. 1905. Berlin—Leipzig („Literar-historische Forschungen").

לויט צענקערן דארף די בבא-זאגע אין איר קערן זיין אידענטיש מיט דער האמלעט-זאגע, אזוי ווי ס'גיט זי איבער דער דענישער היסטאריקער סאקסא גראמאטיקוס (ארום 1200). ביידע זאגן זאלן האבן געפלאסן פון איין קוואל. ס'איז אבער ניט ריכטיק, די ענלעכקייט איז פון זייער אן אלגעמיינעם כאראקטער. זייער גוט באמערקט יארדאן (אין אן אנדער צוזאמענהאנג): „אפט איז דאס, וואס שיינט צו זיין א פאראלעלע, בלויז א סטערעאטיפ".

ו) Leo Jordan. Über Boeve de Haunstone. 1908 Halle Beihefte zur Zeitschrift für Romanische Philologie Bd. XIV.

זייער אן אינטערעסאנטע ארבעט. דער אויסגאנגספונקט איז די איטאליענישע רעדאקציע, אלס די פרימיטיוווסטע און אממייסטן נאענטע צום אורבבא. יידישער פארשער וועט דא געפינען דעם אינהאלט פון דער ווענעטא, פארגלייכן מיט דעם פראנצויזישן בבא, און א פרווו רעקאנסטרוירן דעם אורבבא, אין שארפסטער סתירה צו דער פאלגנדיקער ארבעט.

ז) Christian Boje über den altfranzösischen Roman von Boev de Hamtone 1909. Beihefte ,א. א. וו, Bd. XIX. Halle.

די ערשטע ראמאניסטישע ארבעט, וואס דערמאנט אויך דעם יידישן בבא. זייער א גרינטלעכע ארבעט. אלס אויסגאנגספונקט דינט, ווי געזאגט, דער פראנצויזישער בבא.

ח) Hermann Paetz. Über das gegenseitige Verhältnis der Venezianischen, Frankoitalienischen und der Französischen gereimten Fassungen des BH. Halle 1913. Beihefte .א. א. וו Bd. 50.

די רעזולטאטן פון פעצס ארבעט זיינען (דורכקאנטראלירט) אריין אין שטימינגס גרויסער פובליקאציע.

ט) י) יא) יב) יג) Albert Stimming. Der Festländische Bueve de Hantone. Gesellschaft für Romanische Philologie Halle, Verlag Max Niemeyer; Bd. 25—1911, Bd. 30—1912, Bd. 34—1914, Bd. 41—1918, Bd. 42—1920.

אלבערט שטימינגס גראנדיעזע פובליקאציע פון דעם קאנטינענטאל—פראנצויזישן בבא. פאר דעם יידישן פארשער שטעלט פאר אן אינטערעס בלויז דער לעצטער באנד (1920).

II. ליטעראטור וועגן אליהו בחור.

יד) (באראבאוו ביבליאטעק, 183). שלמה בובער, תולדות אליהו התשבי, ליפסיא, 1855. (און דייטש, 1856, לייפציג). בובער איז שוין היינט אין אייניקע פרטים פארעלטערט. ער האט אבער די מעלה, וואס ער אפערירט מיט מאטעריאלן פון ערשטער האנט, ס'רוב מיט יענעם מאטעריאל, וועלכן ס'גיבן די הקדמות צו ר" אליהוס ווערק. ס'איז אמאל ווייניק, דערפאר אבער זיכער.

טו) J. Perles, Beiträge zur Geschichte der hebr. und aramäischen Studien. Münchhen, 1884.

ביי פערלעסן זיינען צעווארפן אסאך ידיעות וועגן אליהו בחור, צווישן זיי אן אינטערעסאנטער בריוו צו ווידמאנשטאטן. אויך וועגן עדושידיאָ קאן מען מאנכעס געפינען—אין דעם צוויי בריוו צו עדושידיאָ, העברעיש פון ווידמאנשטאטן, און איטאליעניש-העברעיש פון יוסף הגרי.

טז) ד. כהנא—תולדות אליהו בחור. השחר, שנת י"ב, (1884)—מיר ניטבאקאנט.

יז) G. Levi—Elia Levita und seine Leistungen als Grammatiker, 1888, Breslau.

לעווים בוך גיט די זיכערסטע ידיעות וועגן ר״ אליהוס לעבן. מער קיין מעלות האט דאס ביכל דוכט זיך ניט.

יח) Z. Bacher, – Elia Levitas wissenschaftliche Leistungen in „Ztschr. der deutschen Morgenländischen Gesellschaft", Bd. 43. 206 ff.

די וויכטיקסטע אפשאצונג פון דער וויסנשאפטלעכער באדייטונג פון אליהו בחורס ווערק.

יט) L. Geiger. Das Studium der hebr. Sprache in Deutschland, 1870, Breslau.

גייגער גיט פיל מאטעריאל וועגן די קריסטלעכע תלמידים פון אליהו בחור, באזונדערס וועגן פאאולוס פאגיוס און סעבאסטיאן מינסטער.

כ) מ. וויינרייך, „שטאפלען", בערלין, 1923. ז. 72—86 א. א. — א פראכטפולע באהאנדלונג פון יענע שריפטן פון אליהו בחור, וואס האבן א באדייטונג פאר דער יידישער פילאלאגיע.

כא) גייגערס ארטיקל אין דער „אלגעמיינער דייטשער ביבליאגראפיע" (באראכאוו, 186). ברענגט ניט קיין נייעס לגבי זיין בוך.

כב) וועגן דער ביבלקריטישער טעאריע פון א״ב פאראן א נאטיץ ביי ח. שויסן, (ביבלישע געזאנגען), מיטן גרייז וועגן דעם צונאמען „בחור". — זע אויך מ. סולוביציק און ז. רובאשוב, תולדות בקורת המקרא, בערלין, 1924.

כג) וועגן עדזשידיא-פער לעס, און בורקהארדט, „קולטור דער רענעסאנס", דייטשע צוועלפטע אויפלאגע, 1919 (רעדאגירט פון ל. גייגער).

כד) וועגן „פאריש און' וויענא" און דעם ארטורראמאן אין שטאנסן:

Dr. L. Landau, „Arthurian Legends", 1912, Verlag Ed. Avenarius, Leipzig, (3995—630), 498 ,ז. באד, קאט, סופט; אויך „Teutonia" Bd. 21.

כה) וועגן קלאגליד צו דער שריפה אין ווענעציע: שטיינשניידער, „געשיכטסליטעראטור דער יודן" (באראכאוו, 256) נר. 109, דאן נייבויערס קאטאלאג, כ״י אקספארד 1217/17.

כו) וועגן דער תהלים-איבערזעצונג:

W. Staerk und A. Leitzmann, „Die Jüdisch-deutschen Bibelübersetzungen", 1923, Frankfurt a. Main, 148—155 .ז דאן מ. גרינבוימס כרעסטאמאטיע.

כז) אלעזר שולמאן, שפת יהודית—אשכנזית וספרותה, ריגא, תרע"ג.

כח) אויסצוגן פון בבא-בוך מיט באראכאווס אנמערקונגען אין באָסינס אנטאלאגיע, „פירהונדערט יאר יידישע פאעזיע".

כט) M. Schüler, „Das Bovo-Buch", zeitschrift für Hebr. Bibliographie, 1917.

טאבעלע

צו דעם אנטשטיין פון דעם יידישן „בבא-בוך".

(דער אויסגאנגספונקט פאר דערדאזיקער טאבעלע איז שטימינגס טעאריע, אז צום נאענטסטן צו דער אורגעשטאלט פון דעם בבא-ראמאן שטייט די אנגלא-נארמאנישע גרופע, פון וועלכער עס שטאמט אף די קאנטינענטאל-פראנצויזישע).

אורבבא (העלפט 12 יארה.)

|

אנגלאנארמאנישער בבא-בוך (סוף 12 י"ה)

|

קאנטינענטאל-פראנצויזישער בבא (אנהייב 13 י"ה)

|

עלטערער איטאליענישער נוסח (ווענעטא", סוף 13 י"ה)

|

יינגערער איטאליענישער נוסח (טאסקאנא, ארום 1400)

|

ערשטע דרוקן פון דער טאסקאנא (פון 1480)

|

אליהו בחורס יידישער בבא-בוך (1507)

|

רומענישער בבא-בוך (1881).

בבא־בוך.

אינהאלט און אויסצוגן.

בבא בוך ב

גאט דער זאל אונז אייביג לובן · אונ׳ זייני וואונדר זאל אן קונדן · ווען ער איז
גיאכפרט אונ׳ דער הובן · אין ורואי לייטן זונגן · ער איז גיוועלטיג
אונטן אונ׳ אובן · זיין לוב איז ניט צו גרונדן · קיין אענש דער עז קאן פֿולענדן ·
ווען עש האט נוך דרום נאך ענדן ·

זיין הייליגר נאמן זאל איך שטערקן · דש איר ניט זאלט אידליגן · צו פֿול
ענדן דש דוזיג ווערקן · איין וועלש בוך צו טייטש צו ברענגן · אונ׳ דש
איך זאל ור איך אערקן · אונ׳ ניט פֿעלן אן קיינר לייא דינגן · אונ׳ דש דיא
לייט זאלן איינר ניט לאכן · נון הערט אויף עש וויל זיך אאכן :

מן שפריכט ויא אין לאמפרטן · ווס גיוועסן ור לאנגן צייטן · איין הערציג
פֿון הוכר ארטן · זיין ז לייכן וואר ניט אין ווייטן · הערציג גווידון היס אאן
דען נארטן · איין שטארקר דעגן אין אלן שטרייטן · אונ׳ איט גרושר אידן טרוג
ער דיא קרונה · אין איינר שטאט דיא היס אנטונה :

דא אינן הט ער זיין צייט ור טריבן · אונ׳ וואר נון איין אן פֿון זעכציג יארן · דש
בוך האט אונש אזו גישריבן · ויא דער הערצוג זא הוך גיבורן · אל זיין
טאג און וויב וואר גיבליבן · אונ׳ איט ורויאן גיוועזן פֿר וואר · אונ׳ דא ער
קאם צון זיין עלטר · ווען אן אין שון בידעקט זא וואר אים אין קעלטר :

אל דש ווערא אין ניט קלעקן · ער טעט אז וואלט ער דר פֿרירן · זיא
שפראכן צו אים זייני וויזי ריקן · גינעדיגר הער פֿולגט אונזרם הערן ·
טיקט צו זוכן אין אלין איקן · אירגנט נאך איינר יונגי ווארזי דירן · דיא איך אל
ווערמן אונ׳ אויך זאל פֿלעגן · דאז אים ווער ער לענגר אוין גילעגן :

דיש הערציג טוכטר פֿון בורגנייה · דיא וואר אין צו דער אי גיגעבן · איר
גלייכן וואר ניט ביז קען באבילוניה · זיא גפֿיל אים וואל אונ׳ וואר אים
א ב 2 1 עבן

„בבאָ־בוך" פון אליהו בחור. (1507).

אמסטערדאמער אויסגאבע 1661, זייט 2.

די אויסצוגן ווערן געבראַכט לויט די אויסגאַבן: אמסטערדאַם 1661, אַרויסגעבער אברהם בן מרדכי הכהן, געדרוקט ביי אורי פייבש בן אהרן הלוי, און לויט אַן אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען הונדערט יאָר שפּעטער, פּראָג 1767, געדרוקט „אין דער קאַצישן דרוקעריי", ביי ישראל בן בער ייטלש. די אַמסטערדאַמער אויסגאַבע האָט אויך מאָדערניזירט דעם אויסלייג און ווערטערוויַיז אויך די שפּראַך, דערצו פאַרמאָגט זי אַ היפּש ביסל דרוק־פעלערן, דאָך איז זי אַן אַ פאַרגלייך קאָרעקטער פון דער פּראָגער אויסגאַבע, וואָס האָט אַרויסגעוואָרפן אַ מענגע ניט נאָר איטאַליענישע, נאָר אויך העברעישע ווערטער און אויסדרוקן פון דעם אָריגינאַל. די עלטסטע פאָרם פון דעם בבא־בוך שיינט דאָך געבן דער כּתב־יד פּאַרמאַ, וועגן וועלכן כ'קאָן ליידער ניט געבן קיין ברייטערע אינפאָרמאַציעס. די אַמסטערדאַמער אויסגאַבע איז בכלל זייער עלעגאַנט, גוטער פּאַפּיר, שיינע שריפט און אַ צייכנונג אויף דער ערשטער זייט, וואָס שטעלט פאָר, ווי הערצאָג דאָדאָן טויטעט בבאס פאָטער. עלעגאַנט זיינען בכלל אַלע אויסגאַבן פון אברהם בן מרדכי הכהן, אַזוי צ. ב. זיין פּראַכטפולע אויסגאַבע פון „יוסיפון" אין יידיש. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַמסטערדאַמער אויסגאַבע איז, אַז זי גיט צום סוף אַ דערקלערונג פון די איטאַליענישע ווערטער, ווייזט אויס פאַרפאַסט נאָך פון אליהו בחור. די פּראָגער אויסגאַבע פאַרמאָגט ניט די דאָזיקע דערקלערונג, עס פעלט אויך אין איר די שלוס־סטראָפע פון אליהו בחור, ווו ער דערקלערט, אַז ער איז דער מחבר פון דעם ראָמאַן. אַנשטאָט דעם קומט אַ סטראָפע וועגן דער פרומקייט פון בבא און דרוזיינה. דער שער איז אין ביידע סטראָפן אידענטיש, בלויז אַנשטאָט דעם איטאַליענישן „גראַטציאַ" פון דער אַמסטערדאַמער אויסגאַבע קומט אין דער פּראָגער „גינאַט". די אַמסטערדאַמער אויסגאַבע ציילט 40 בלאַט קוואַרט, די פּראָגער 38.

(אַן אויסצוג פון דעם אָנהייב פון בבא־בוך ברענגט באַסין־באָראָכאָווס אַנטאָלאָגיע, I. באַנד, אויך לויט דער אַמסטערדאַמער אויסגאַבע 1661).

שער־בלאַט: (אַמסטערדאַם)

בבא־בוך

דאש קלוג האפטיג פור נופטליך אונ' פור שטאנדליכי

גשיכטניסי בבא. איין גאַטש פורכטיג פוירשט אונ' גראבא. איין

לערונג אונטר ווייזונג דרויש צו מערקן. ווי א דער אלמעכטיג

גאָט דען ור שטוסנן ארמן מענשן טוט דער קוויקן. דרום האבן מיר עש אין דרוק גישטעלט. צו לערן דש מן זיך זאל ניט פור זיכרן אויף גוט נאך אויף געלט. נייארט אויף הילף גאט. פריא אונ׳ שפּוט. אז דא איז אין דען מעשה צו פור שטין. וויא עש בבא הוט טון גין. דורך גראטציא גאטש איז ער ווידר קומן צו זיינם קיניג רייך. איין פורשטליך וועזן ווינש איך אייך. דיא דא נעמן אין אכט. גאטש גינוד טאג אונ׳ נאכט. ער ווערט אויף זיא גיסן איין גליק זעליג לעבן מיט מאכט. אמן:

פארוואָרט: (אמסטערדאם)

גאט דען זאל מן איביג לובן
אונ׳ זיינ׳ י וואונדר זאל מן קונדן
ווען ער איז גיאכפרט אונ׳ דער הובן
אין ורומי לייטן מונדן.
ער איז גיוועלטיג אונטן אונ׳ אובן
זיין לוב איז ניט צו גרונדן
קיין מענש דער עז קאן פולענדן
ווען עש האט נוך דרום נאך ענדן.

זיין הייליגר נאמן זאל מיך שטערקן
דש מיר ניט זאל מיסלינגן
צו פולענדן דש דאזיג ווערקן
איין וועלש בוך צו טייטש צו ברינגן
אונ׳ דש איך זאל ור מיך מערקן
אונ׳ ניט פעלן אן קיינר לייא דינגן
אונ׳ דש די לייט זאלן מיינר ניט לאכן
נון הערט אויף עש וויל זיך מאכן:

אנהייב (אמסטערדאם):

מן שפריכט וויא אין לאמפרטן
וואש[6]) ג׳זעשן ור לאנגן צייטן
איין הערציג פון הוכר ארטן
זיין גלייכן וואר ניט אין וייטן.

הערציג גווידון היש מאן דען צארטן
איין שטארקר דעגן[7]) אין אלן שטרייטן
אונ׳ מיט גרושר אירן טרוג ער דיא קרונה
אין איינר שטאט דיא היש אנטונה:

דא איגן הט ער זיין צייט ור טריבן
אונ׳ וואר נון איין מן פון זעכציג יארן
איין בוך האט אונש אזו גישריבן
ווי דער הערצוג זא הוך גיבורן
אל זיין טאג און[8]) וויב וואר גיבליבן
אונ׳ מיט ורויאן גיוועזן פר וואורן
אונ׳ דא ער קאם אין זיין עלטר
ווען מן איין שון בידעקט זא וואר אין קעלטר:

אל דש וועדמן [טוט[9]) אין ניט קלעקן
ער טעט אז וואלט ער דר פרירן
זיא שפראכן צו אים זייני וויזי ריקן
גינעדיגר הער פולגט אונזרם הערן
שיקט צו זוכן אין אליין איקן
אירגנט נאך איינר יונגי ווארמי דירן[10])
דיא אייך זול וועדמן אונ׳ אויך זאל פפלעגן
וואול אים ווער ער לענגר אליין גילעגן:

דיש הערציג טוכטר פון בורגנייה
דיא וואר אין צו דער אי[11]) גיגעבן
איר גלייכן וואר ניט ביז קען באבילונייה
זי גפיל אים וואל אונ׳ וואר אים עבן
זי וואר גיהיישן דיא שין ברנדונייה
בייא אים הט זיא איין קעשטליך לעבן
וואש זי בגערט וואר איר גיאכט
זי האט גוטי טעג אונ׳ ביזי נאכט:

זיא ווערמט אין מיט גוטן מורן
איך קאן אייך ניט מין גיזאגן
דעם שימפפא בראך אויש דער קארן[12])

דיא שׂוֹן בּרנדוניַיה דיא וואר טראגין
אוּנ׳ גיוואן איין זון פון גאטש גינודן
קיין שינער קינד זאך מן ניא מיט אויגן
דעם זיין גיבּערד[13]) זא וואל אן צאמן
ער היש בּבא מיט זיינם נאמן!

גווידון גיט איבּער זיין געליבּטן יינגל דעם בּורגגראף סיניבּאלד, ער זאל אים דערציִען אין זיין שלאס סאַן־סימאָן (שנשימון). סיני־בּאלדס פרוי האט געזויגט דעם יינגל, און ער וואקסט אויס שטארק און העל־דיש. אבּער זיין מוטער בּראַנדונייה האט אים פיינט צוליבּ איר פאטער. די שיינע בּראנדונייה טראכט, ווי פטור צו ווערן פון איר אלטן מאן. צו דעם צוועק שיקט זי איר גיטרייען הויפּטמאן ריצַרט אין „פרנצה״, צום הערצוג דודון פון מגענצה (וואס איז א דם־שונא גווידונען, ווארום דער לעצטער האט דערהארגעט זיין פאטער), מיטן פארשלאג, ער זאל אריבּערקומען קין „לאמפּארטן״ און דערהארגענען אין וואלד איר מאן. זי וועט שוין זען, ער זאל ניט האבּן דערבּיי קיין סאך ארבּעט. דאן וועט זי אים איבּערגעבּן די שטאט און חתונה האבּן פאר אים. דאָדאָן גייט דערויף איין. דאן מאכט זיך בּראנדונייה קראנק, און בּעט דעם מאן רייטן אין וואלד און בּרענגען איר ווילדפּרעט; זי זעט אים אויך איינשמועסן, ער זאל ניט מיטנעמען וואפן און א גרעסערע צאל קנעכט. גווידון איז גארניט חושד. אין וואלד בּאפאלט אים דאָדאָן און דער־הארגעט אים. ער קומט אריין מיט זיינע לייט אין שטאט:

אוּנ׳ דא דאש דאזיג נון וואר גישעהן
הניין אין דיא שטאט קאמן זיא צו רעגן.
דודון דודון הובּן זיא אן צו ייעהן[14])
אוּנ׳ הובּן אן צו מורדן אוּנ׳ צו בּרענן
אזו בּלד אז אין בּרנדונייה וואר דער זעהן
פון וויטן וואר זיא אין וואל קענן
אוּנ׳ גאר בּיהענד ליף זיא אים אנקיגן
אוּנ זיא פּורט אין היים ער מושט זיך צו איר ליגן:

דרום ליבּן הערן איר זאלט שויאן
וואש אונגליק קומט פון דען בּיזן ווייבּן
ווי זי מאכט אירן מאן צו שטיקן הויאן
דש זי אירי בּיבּרייא[15]) וואלט טרייבּן
אלי אונגליק קומט פון דען בּיזן וורויאן

זעכט[16]) וואס שלמה המלך טוט שרייבן
וויא ער זוכט איין ורויא איין רייני
אונ׳ זיין טאג פאנד ער קיין י: (אמסטערדאם)

אין שטאט איז געווארן א גרויסער יאמער, מען וויל זיך אנטקעגנ־שטעלן דראַנען, אבער ברנדונייה רעדט איבער די אומצופרידענע, זי זאגט זיי צו, אז זיי וועלן ניט דארפן צאָלן קיין שטייערן, און אז דראַן וועט זיי שענקען ווייגגערטנער און פעלדער. בבא האט זיך דערוויל באהאלטן פאר שרעק. דער פארזארגטער געטרייער סיניבאלד זוכט אים אומעטום ארום, ער געפינט אים ענדלעך אין שטאל. ער דערציילט דעם יינגל וועגן דעם מארד פון זיין פאטער. דאן זאמלט ער אלע די, וואס זיינען געבליבן טריי גווידונען, און פארט אפ מיט זיי און מיט בבא אין זיין שלאס סאנסימאן. דער פאררע־טער ריצארד פארט מיט זיי מיט, ער שיידט זיך אפ פון זיי אונטער אן אויס־רייד, פארט צו דראַנען און גיט אים אלץ איבער. דאן קומט ער צוריק, אבער טעריץ, סיניבאלדס זון, האט באמערקט ריצרדס פארראט, און דערהרגעט אים. דראַן יאגט נאך די אנטרונענע. איגמיטן וועג פאלט בבא אראפ פון פערד, און ווערט געפאנגען פון דראנס לייט, וועלכע ב גגען אים אין אנטונה. סיניבאלדס גרופע פארשליסט זיך אין שלאס סאנסי ן, ווו ס׳באלא־גערט זיי דריי יאר דראנס ברודער, אלבוריגן פון פראנק ך. צום סוף פון דעם דריטן יאר איז אויך דראַן געקומען צו ד־ר באל. ערונג. ער זעט בייגאכט א חלום, אז בבא איז איבער אים געריטן, און אפגעשניטן פון אים א דריטחלק. אלבוריגן גיט אים א דריטחלק. אלבוריגן גיט אים אן עצה, ער זאל הייסן ברגדונייהן דערהארגענען שטילערהייט דעם יינגל.

...גון טראכטט בראַגדונייה איינן זין
דש זיא דר ביז חולה מוז שלאגן
וויא זיא אירן זון וואלט ריכטן הין
דש עש ניט זאלט קומן אן דען טאגן[17])
אונ׳ דא זיא גון דען פונד הט גיפונדן
דא שיקט זי גוך בבא צו דער זעלביגן שטונדן

בבא דער קאם צו איר גיגאנגן
אונ׳ זאגט ליבה מוטר וואש איז אייער ביגערן
זיא זאגט איך הון גיהט נאך דיר פר לאנגן
קום לוש אונז גין שפצירן
מיט איינר האנט וואש זיא אין ואנגן
אונ׳ פורט אין דורך איין קאמיר אודר וירן

אונ׳ אין דער לעצט האט זיא אין ור שפערט
דער ארם יונג שריא אונ׳ קערט:

זיא וואלט נון גנץ שפילן דש גיווישן
דאש מן אין ניט זאלט שרייאן הורן
די קאמר דר בור וואש זיא צו שליסין
אונ׳ פור איטליכר טור הינג זיא צוואו שטירין
בבא ביגונד דער שימפפא צו פור דריסן
ער גידאכט ווען וויל דאש אויף הערן
אוי וויא האט מיך מיין מוטר דא ור געשן
נון וואל איך בין איר זון איך וואלט גערן עשן:

ער הוב אן צו שרייאן אונ׳ שריא גאר לויט
דרייא טאג אונ׳ דרייא נאכט גאר עבן
נון פארכטט זיך בראנדונייה דיא ביזי הויט
מן וואר הורן דש גשרייא דר נעבן
אונ׳ גידאכט איך וויל אים איין קרויט
אין איין עשן גאר היימליך געבן
אזו בלד אז ער עש עשט זא דר שטערט ער
מה ריוח[18]) דש איך אין אזו לנג מרטער:

איין גיבראטן הינליין זיא אים צוברייט
אונ׳ דש קרויט ליש זיא אים דריין רייבן
אונ׳ דאר נאך רופט זיא איר מייד
גר איין אלטש קאמר ווייבן
זיא שפראך איך האן בייא מיינם אייד
בבא מיין זון מיין ליבן לייבן
דש ליב מיין קינד דש חפץ גרושן
דא נידן אליין גלוסן:

דען גאנצן טאג איז ער דא נידן גיזעשן
ברענג אים דש הינליין אונ׳ הייש זיך לאבן
און גיפערד הון איך אין ור געשן
הייש אין מירז ניט פור איבל האבן
דש קאמר ווייב נאם דש עשן

אונ׳ ולוקש[19]) ברוכט זיא עש היגאב דעם קנאבן
זיא שפארט אויף די קאמר אונ׳ וואנד אין זיצן
דש ער וואר אונמעכטיג אונ׳ קונט קוים גיצן:[20])

ער קאם צו איר צו קריכן אן דען ווענדן
דיא זיל וואר אים קוים אין דער נאזן גיבליבן
ער ויל אויף דאש הינליין מיטביידן הענדן
צום מויל וואלט ער עש שיקן
דיא מייד ויל אים דרונטר גר ביהענדן
ווען פון זיינש פאטרש וועגן וואר זיא אים ליבן
אונ׳ שפראך ליבר זון הער מיר צו גר עבן.
אונ׳ עס קיין ביסן בייא דיין לעבן:

דיין מוטר וויל אונגליק שטיפטן
דיין לעבן וועדט דיר פון איר גינומן
דש הינליין הוט זיא דיר טון פור גיפטן
איסטו עש עש ווערט דיר איבל ביקומן
נון האט אונז גיזאגט דיא גישריפטן[21])
וויא איין הינטליין וואר גיקומן
מיט איר אין דיא קאמר היניין גילופן
אלזו אז דיא קאמר וואר גיוועזן אופן:

דיא פרויא דיא ווייגט קיגן דען קנאבן
אונ׳ שפראך צו אים אין זעלבר מושן
ווילשט ו מיר דז דאזיג ניט גלאבן
זא וויל איך דיך עז דא זעהן לאשן
איין בישן טעט זיא פון הינליין שאבן
דען הינטליין טעט זיא עז דאר שטושן
אונ׳ אי[22]) עש דען בישן דא אין שלוקט
דא גישוואל עש אונ׳ איז דער שטוקט:

אזו בלד בבא דאש האט גיזעהן
דא הוב ער זיך אן צו שלאגן אונ׳ צו ראפפן[23])
או וויא ליידר וויא זאל מיר גישעהן
איך וואלט מיך גערן זעלבשט פור קויפן

קום איך הינויש מן ווערט מיך זעהן
דוך הוב ער אן גר זער צו לויפן
אונ׳ ולוקש דורך דיא שטאט לויף ער הין וועק
מיטן דורך דען קוט אונ׳ דורך דען דרעק:[24])

* * *

אונ׳ לויף איין ווינציג פור זיך באז
אונ׳ קאם ביז צו דעם מער אונ׳ רואט ווידר
פור גרושן הונגר אש ער דאש גראז
דער שלאגן ווארן אים אַל זייני גלידר
אונ׳ דא ער נון איין וויל דא גיזעשן וואש
דא ליגט ער זיך שלאפן נידר
אונ׳ בייא דעם מער בליב ער דא ליגן
אונ׳ שליף דיא גנץ נכט מן דורפט אין גיט וויגן:

אן דען זעלביגן אורט דא ער לאג
דאש וואר ניט ווייט פון שקייבוניאה
ער שליף וואול דרייא שטונד אויף דען טאג
דא קאם צו פארן איין היפשי גליאה[25])
עש איז וואר וואש איך אויך זאג
זיא קאם צו פארן פון באַרבריאה
איינר זאך הירויש און גיפערדן[26])
אונ׳ זאך אין דורט ליגן אויף דער ערדן:

צו דען קויף לייטן הוב ער אן צו זאגן
איך זיך דורט ניט ווייט פון היגן
דא ליגט איין מאן טוט דר שלאגן
דען מיך טריגן אל מיין זינן
איינער זאגט מיר וועלן אין היניין טראגן
אירר פיר אין דאש קליין שיפלן שפרונגן
אונ׳ פורטן אין אין דיא גליאה דען ארמן יונגן: (אמסטערדאַם)

די שיפסלייט האבן ליב באקומען דעם ייִנגל. זיי קריגן זיך, ווער עס זאָל אים געהערן, בבא שלאָגט זיי פאר, זיי זאָלן אים אין דעם נעקסטן פּאָרט פאַרקויפן אַלס שקלאַוו, און דאס געלט צעטיילן צווישן זיך. זיי ברייען דאַרויף איין, די שיפסלאַט פירען אויס דעם ייִנגל, ווער איז ער און פון

וואנען ער שטאמט, ער וויל זיי אבער ניט זאגן דעם אמת. ער דערציילט זיי, אז זיינע עלטערן זיינען געווען בעטלער. א שטורעמווינט ברענגט דאס שיף אין פלאנדערן, אין א שטאט, וואס הייסט אַרמוניאה, ווו ס׳קיניגט דער מלך אַרמניין. דער מלך אַרמניין קויפט אפ דעם יינגל ביי די שיפסלייט און גיט אים אפ דעם מרשלק אין שטאל אלס פערדיינגל. בבא איז דארט געווען צוויי יאר, אלע האבן אים ליב באקומען.

(פ ר א ג):

ער וואר פעט אונ׳ שוין אויף גבלאזן
זיינ י האר ווארן גלייך גאלד גשלאגן
אויף זיינ י באקן ברענט ער אז צווייא רוזן
אונ׳ הוט איין שין פאר שווערצי אויגן
ווען ער איריין רייט אין וואמש[27]) אונ׳ הוזן
הוט דיא גנצי שטאט דער פון צו זאגן
נון האט דער קיניג הוך גבארן
איין היפשי טאכטר פון אכצעהן יאהרן:

קיין היפשר געשטאלט אונ׳ שענרן לייבן
נאך פרויא נאך מאן גוואונין
זיא הוט צווייא אויגן וויא דיא שייבן
איר גזיכט אז איין קרפונקיל ברענין
איר שונהייט איז ניט צו שרייבן
זי וואר גהייסן די שיני דרוזיינה
איין מאל זאך זיא דורט פון ווייטן
בבא איבר דען פלאץ רייטן:

זיא זאך וויא ער זאס אזו וואול צו פערד
מיט זיין שפארן טעט ער הויאן
איינר אילן הוך שפרינגט ער פון דר ערד
די גנצי שטאט וואר אים נאך שויאן
דא אים זאך דיא יונג פרויא ווערד
שפראך זיא צו אירן יונג פרויאן
איך מוז פון פענסטר הראב פלאצן
ביי מיין לעבן איך זאך קיין היפשר ריגאצן![28])

דר נאך ביגינט זיא זיך זעלברט צו גדענקן
אַך גאט וויא איז דאש דער שענשטי קנאַבן
וואז געלט אונ׳ גוט וואלט איך דרום שענקן
דש איך איין זאלכן מאן זאלט האבן
זיין שונהייט האט מיך גאנץ טון קרענקין
ווער ער בייא מיר ער מוזט מיך לאבן
זאל איך אים ניט באַלד ווידר זעהן
זא וויש איך ניט וויא מיר ווערט גשעהן:

דרוזיינה אָרדנט איין אַ מאלצייט און בעט אויס ביי איר פאָטער די דערלויבניש, בבא זאל באדינען צום טיש.

וויא בלד דרוזייגה נאך אים (נאך בבא. מ. ע.) שיקט
דא קאם דר דעגין אויז דר קארין
וויא גאר ליפליך זיא אים אן בליקט
זיא זאך אים היגטן אונ׳ פארן
זיא דוכט זיא וואר גנץ דר קוויקט
דר נאך לוישפרט[29]) זיא אין זייני אורן
דו גשטאלט דוא שטערן העליר
פרוויר[30]) מיר אויף מייגם טעליר:

דז זאל זיין, בבא ביגונד צו זאגן
מן זעצט זיך אן דען טישן
ז א קעשטליך בגונד מען אויף צו טראגן
גזאטן אונ׳ גבראטן חינר אונ פישן
דרוזייגה ליס פון בבא ניט איר אויגן
דען גנצן טיש אַס זי קיין ביסן
איר לוסט קאם איר אי לענגר אי בעסטר
זי העט גערן גהאט איין אנדר י מוגעסטר:[31])

איר לושט וואר זיך אזו זער שטערקן
דז אלי די דא ווארן אין דר שטובן
דיא ביגונטן עש וואול צו מערקין
די לייט צו אנגדר אן האבן
אַי וואז זיינן דאז פר ווערקן

מיט איין פר לאפנין רוטן בובן
נון וואלט זיא איר לושט ביסן בעסר
אונטר דען טיש לאזט זיא פלין איר מעסר:

בבא דער וואר בהענדן
די יונג פרויאן היס ער רוקן
אונ׳ ליגט זיך אויף אלי ביידי הענדן
דש ער דש מעסר וואלט אויף צוקן
דרוזיינה וואר אך בהענדן
אונטר דען טיש זיא זיך טוט בוקן
אונ׳ שפראן איי דש דוא מושט דר בלענדן
קאנשטו ערשט דש מעסר ניכט פינדן:

אונטר דען טיש זיא אים קוסט
גלייך אז העט זיא נאך דען מעסר גגריפן
איין אנדר י זאך זיא הריין מישט
איי וויא איז דש מעסר זא איבל גשליפן
בבא שטונד אויף אונ׳ טוט זיין באקן ווישן
עש וואר אים אז העט אים איין גנז אן גפיפן
ער שלוג זייב י אויגן אונטר
אונ׳ וואר פיל רוטר אז איין ברענדיגר צונטר;[32]) (פראג)

א זון פון א מעכטיקן קיניג, מאקאברון, קומט צופארן מיט טויזנט פערד, ער באמיט זיך וועגן דער האנט פון דרוזיינהן. ארמיניאן נעמט אים אויף מיט אסאך כבוד. ער מאכט לכבוד אים א טורניר, און מאקאברון בלייבט אין אלע קאמפן א זיגער. בבא דערזעט עס, ער לויפט האסטיק זוכן א שילט און א שפיז, ווארום ער וויל אויך אנטיילנעמען אין די קאמפן. ער נעמט צו ביי א יינג א שילט, א שפיז קאן ער אבער ניט געפינען, אנשטאט דעם געפינט ער אין שטאל א קרומע שטאנג, ער רייט געשווינט ארויס אויפן טור-ניר און איז מנצח מאקאברונען. מאקאברונס משרתים ווילן זיך נוקם זיין, אבער דרוזיינהע גיט א צייכן, און דער טורניר איז פארענדיקט. אומעטום באַ-וואונדערט מען בבאס גבורה, בבא אבער קומט צוריק און לייגט זיך מיד שלאפן אויפן גראז. דרוזיינה לויפט בשתיקה אראפ צו אים, זי וועקט אים, דערציילט פון איר ליבע, קלאגט זיך אויף זיין גלייכגילטיקייט, בעת זי איז אזוי שיין און א סאך מענטשן גלוסטן צו איר. זי דעקט אויף אירע ברוסטן, אבער דער צניעותדיקער בבא שעמט זיך און וויל ניט קוקן: „ער מוכט זיא

ור שאנדן ניט אן זעהן. אה ווי ווינציג ווער עש אלי בחורים גישעהן!" אויף איר אויפפאדערונג מוז ער איר ארויפזעצן זיין קראנץ אויפן שטערן, און זי קושט אים. דרוזיינה פרעגט אים, וואס איז זיין שטאם, ווער זיינען זיינע עלטערן, אבער בבא דערציילט דיזעלביקע מעשה, אז זיינע עלטערן, זייגען בעטלער, וואס פארן ארום פון הקדש צו הקדש. דרוזיינה וויל עס אבער ניט גלויבן. בשעת זייער געשפרעך איז אבער געשען א גרויס אומגליק: דער סול־טאן מיט זיין זון לוציפער מיט אן ארמיי פון צען טויזנט מענטשן באלאגערט פלוצלינג די שטאט פון ארמיניאנען, ער פאדערט דרוזיינה פאר זיין זון לו־ציפער, אויב ניט דראט ער זי נעמען מיט געוואלט. עס אנטוויקלט זיך א קאמף, ווו מאקאברון שטייט העלדיש אויף ארמיניאַנס זייט. אין קאמף נעמט לוציפער אין געפאנגענשאפט מאקאברונען און דעם מלך ארמיניאַן. דער טומל דערגייט ענדלעך צו בבא און צו דרוזיינה. בבא געזעגנט זיך מיט דרוזיינה, ער לויפט ארויס, דערוויסט זיך די סיבה פון דעם טומל, קערט צוריק אין דעם שטאל, דערציילט דרוזיינהן די ביטערע ידיעה, און מוז איר ענדלעך דערציילן דעם אמת וועגן זיין אפשטאמונג. דרוזיינה גיט אים איר פארשטארבענעם ברודערס פאנצער, העלפט אים זיך אנטאן, שענקט אים א שווערט פומעלה און א פערד רונדעלה, ביידע מיט וואונדערבארע סגולות. זיי געזעגנען זיך, נעמען זיך ארום און קושן זיך. דאס באמערקט דעם מלכס פעטער, גראף אוגלין. אוגלין הויבט אן מוסרן דרוזיינהן, אבער בבא פארטראגט עס ניט און דערלאנגט אים מיט דער פויסט. דער גראף פאלט און לאזט ארויס פון האנט דעם מלכס פאָן. מיט וועלכער בבא לויפט ארויס אין שלאכט. בבא קערט אום די לויפנדיקע חיילות פון דעם מלך ארמיניאַן. די שלאכט פלאקערט ווידער אויף. בבא ווייזט גרויסע גבורות, דערהארגעט לוציפערן, פארטרייבט דעם סולטאנס חייל, בא־פרייט די געפאנגענע ארמיניאַן און מאקאברון, קוים מיט צרות ראטעוועט זיך דער סולטאן אויף זיין שיף. דרוזיינה דערציילט איר פאטער, ווער בבא איז, און דער גוטער מלך ארמיניאַן גיט זיין הסכמה צו דעם שידוך. מען גיט אפ דעם פאר מזל טוב.

דער איינציקער, וואס פארגינט ניט דעם שידוך, איז דער גראף אוגלין, וועלכן בבא האט אקאָרשט צומזיקט. ער גייט צום מלך און פרעגט אים, ווי האט ער געקאנט געבן זיין טאכטער „איין פר לאפנין בובן אויז אלין לאנדן", אויף וואס דער מלך ענטפערט אז „אונזרי גזאגט הבן אויך וויזן, מען זאל נור אויף איין קרן זעהן, וואז העלפט דער יחוס פון פאטר אונ׳ מוטר. ווען ער זעלברט איז קיין מענש קיין גוטר". דאן באשליסט דער גראף דערהארגענען בבא, ער קומט אריין ביינאכט מיט צוואנציק באוואפנטע משרתים אין בבאס קאמער; בבא ליגט פארזונקען אין טיפן שלאף. דאך פאלט אן א פחד אויף זיינע לייט, און זיי האבן מורא אנפאלן אויף בבא. איינער פון אוגלינס מענטשן שלאגט פאר אן אנדערן פלאן: ער וועט זיך געמלעך פארשטעלן פארן מלך ארמיניאַן, זיך

ארייגלייגן אין בעט, און מען וועט צו אים רופן בבא. דער מכלומערשטער מלך וועט באפוילן בבא גלייך אפפארן מיט א בריוו צום סולטאן. ס׳וועט אבער זיין א אוריה־בריוו: אין בריוו וועט שטיין, אז דער שליח האט דערהארגעט דעם סולטאנס זון, און איצט קאן דער סולטאן פון אים נקמה נעמען. דער פלאן געפעלט אלעמען, און ווערט געשיקט אויסגעפירט. בבא איז גארניט חושד און פארט צום סולטאן, אפילו דרוזיינה דערציילט ער גארניט פון זיין רייזע, ווארום אזוי האט באפוילן דער מכלומרשטער קיניג. אויך זיין פערד רונדעלה האט ער געמוזט איבערלאזן.

אונט גישווינד ריט ער דא הין דער דעגן פיין
מן זאך ניא רייטן קיין גישווינדרן
פור מצב י שטאט דא ער ניט קאם איין
ער ליש זיך קיינר לייא ניט הינדרן
פייל לענגר מוש אונש אלן וואל זיין
אזו זאגט מן אין דען מערן קינדרן[33])
דא איז ווערליך וואר בייא מיינן איידן[34])
דער רייט בין ער קאם אויף איין גרושי היידן:

דיא זון די מאכט אין זער דרויף שוויצן
דש ער פור גרושר היץ וואר שיר גישטורבן
אונ׳ פור גרוש דורשט קונט ער קוים גיצן
אונ׳ ער פור הונגר וואר ער שיר ור דורבן
דא ואנד ער דורט איין טייטשן בעטלר זיצן
מיט איינם גרושן קורבן
דער טראנק גוטן ויין אויש זיינר ולעשן
אונ׳ אש קעז אונ׳ ברוט אויש זיינר טאשן:

בבא גיזעגנט אים דש עשן, אונ׳ בוט אים הייל
גאר ורייניטליך דאנקט ער דען קנאבן
דא ורעגט אין בבא אוב ער העט גישט פייל[35])
דא ער זיך דא מיט קונט לובן
דער בעטלר שפראך איך מיט דיר טייל
אזו גוט אז איך עש זולט האבן
בבא דער זעצט צו אים אויף דיא ערד
אונ׳ בייא דעם צאם הילט ער דש פפערד:

ער אֲש איין שטוק ברוט אונ׳ מוכט ניט מֵיין
אזו זער וואר דער שימל דינן
אֵם קעז האט ער שיר ניט אויש גיבּרוכן דיא צֵין
ער קונט אים נישט אן גיווינן
ער ליש עש אלש איבר פלש דר גֵין
אזו לאנג אז איין טרופפן וואר דא אינן
דער בעטלר גודוכט העשטו דען טרופפן אלז וואלן
זא מושטו מיר דען וויין נוך טייער בּיצאלן;

נון האט ער איין וולעשל גימאכט אויש גלאז
דש היננ איין אים אן דער זייטן דער לינקן
דא אינן גוטר שלוף-טרנק וואש
דא גאב ער אים אויש צו טרינקן
אונ׳ אזו באַלד אַז ער האט גיטרונקן דאש
דא וואר ער פור שלוף הין זינקן
דא וואש זיך דער בעטלר ניט לאנג זוימן
אונ׳ נאם אים זיין רינג פון דעם דוימן:

דער נוך ער אים א יבּךְ דען בייטל קאם
דען ריש ער אים אב פון דער זייטן
אונ׳ דר נאך ער אים זיין גוט שווערט נאם
דא ער פפלעגט מיט צו שטרייטן
דער נאך נאם ער דש פפערד בייא דעם צאם
אונ׳ הוב אן ולוקש דר פון צו רייטן
אונ׳ ליז איין דא ליגן אויף זיינם רוקן
בייא דעם קורבר[36] מיט דען שטוקן: (אמסטערדאם)

24 שעה איז בבא אפגעשלאפן איין שווערן שלאף, און דאן ערשט דערזען דעם אומגליק, וואס האט אים געטראפן. ווי עס איז דערשלעפט ער זיך איבער בראבאנט און בורגונדיען אין בבל, צום סולטאן, און דערלאנגט אים דעם אוריה-בריוו. דער סולטאן פאלט אריין אין שרעקלעכן צארן און הייסט אים הענגען. מען פירט בבא צו דער תליה, צו זיין גליק באמערקט אים די טאכטער פון דעם סולטאן, מארגאריטה, און איז זיך משתדל פאר דעם סולטאן, מען זאל אים דערוויל ניט טויטן, ווארום זי וועט זיך באמיען, ער זאל אננעמען זייער גלויבן. זי נעמט בבא אראפּ פון דער תליה און פארט מיט אים

צום סולטאן. בבא ערקלערט אבער, אז ער וועט ניט פארלאזן זיין גלויבן. מארגאריטה בעט אויס, מען זאל אים דערוויילּ ארייַנוואַרפן אין תפיסה, ביז ער וועט בעסער ווערן. דער סולטאן האט מרגריטהן געגעבן צוועלף חודשים צייט איבערצייגן דעם עקשנותדיקן בבא. דאך ווערן צונישט אלע באמיִונגען פון דער מיידל, וואס איז פארליבט אין בבא. אין כעס שווערט זי, אז זי וועט אויפהערן אים ברענגען עסן. דאך הייסט זי שפעטער אירע קנעכט אים שפייזן. בבא געפינט אין גרוב א ראסטיק שווערט. נאך צוועלף חדשים שיקט דער סולטאן 20 קנעכט, בכדי אים צו טויטן. ניין לאזן זיך צו אים אראפ, און ווערן פון אים דערהארגעט. דאן די אנדערע ניין. בבא טוט זיך איבער ווי א הייד, ער הייסט די איבעריקע צוויי אים ארויפציען, דערהארגעט אויך זיי, און אנטלויפט געשווינט. עס יאגן אים נאך דעם סולטאנס לייט מיט א געוויסן אבררייאן אין דער שפיץ. בבא דערהארגעט אבררייאנען, קומט צום ים, כאפט זיך ארויף אויף א שיף און פארט אפ.

דרוזיינה דערוויסט זיך פון אוגלינס א קנעכט וועגן זיין פאררעט, און דעם שפיצל, וואס מען האט אפגעטאן איר געליבטן. דער מלך ארמיניאן הייסט פערטלען אוגלינען, און זיינע לייט אויפהענגען. פאר זיין טויט זאגט אוגלין: „עס איז ווייליך וואר. די אלטן שפריך ווארטר זעלטן פעלן. עס ווערט בימר איין דינג זא קליין גישפונען. עס קומט צום הינטרשטן אן די זונן" (זייער א באליבט שפריכווארט אין דער עלטערער יידישער ליטעראטור. פאראן אין דעם ארטור־ראמאן, אויך אין דעם שמואל־בוך, נעמלעך, ווען בת־שבע איז מודיע דודן, אז זי איז שוואנגער—סטראפע 1184, אויגסבורג,—1544: „די אלטן שפריך ווערטר די וועלן אלי ניכט. עס אישט ואל מער גישעהן אלז מיר איצונד גישיכט. עז וואר ניא קיינש אלזוא קליין גישפונן. עש קאם צום ליצטן אופן באר אן דיא זונן"). נאך א געוויסער צייט זאגט ארמיניאן זיין טאכטער, אז ס'האט ניט קיין זין, זי זאל פארזיצן, „נאך בבא קרעט קיין האן", ער וויל זי אפגעבן מאקאברונען. דרוזיינה בעט אפוווארטן מיט דער חתונה א יאר צייט, און דער מלך גייט דערויף איין. אין טאג פון דרוזיינהס חתונה מיט מאקאב־רונהן קומט בבאס שיף צו א שטאט, און בבא דערוויסט זיך פון א פישער, אז ס'איז מאקאברונס שטאט, און אז ער איז געקומען צום חופה־טאג. דער פישער דערציילט אים אויך, אז דרוזיינה האט א גאנץ יאר געוווארט, און אז זי האט חתונה גאנץ אומגערן. בבא גייט אוועק אין די שטאט, און באגעגנט אויפן וועג דעם בעטלער, וואס האט אים אמאל באגאנוועט. בבא נעמט צו ביי דעם גנב זיין שווערט פומעלה, ער לאזט אפ דעם בעטלער, נאכדעם ווי ער גיט אוועק זיין שלאף־געטראנק און א פלעשל מיט א פולווער, וואס פארבט אפ דעם פנים, ביז ניט צו דערקענען. בבא טוט זיך איבער אין דעם בעטלערס בגדים, באכארבט זיין פנים, און קומט אזוי פארענדערט אין שטאט אריין. ער קומט אין מאקאברונס פאלאץ, לאזט זיך נאך א געוויסער צייט דערקענען

דרוזיינהן, און דערקלערט איר דעם פּלאַן, ווי צו אנטלויפן. ער גיט איר איבער דעם שלאָף־געטראנק, זי זאָל עס געבן צו טרינקען מאקאברונען ביינאכט, וועלכער וועט באלד איינשלאָפן, און דאַן זאָל זי גלייך צו אים ארונטערקומען, און זיי וועלן ביידע אנטלויפן. דער פּלאַן געלינגט, מאקאברון טרינקט אויס די גאנצע פלאַש און פאלט גלייך פון די פיס, די פארליבטע פּאר זעצט זיך אויף רונדעלה און אנטלויפט. זיי רייטן די גאנצע נאכט און רוען זיך אָפּ ערשט בייטאג ביי א קוואַל. דא פייערן זיי זייער ליבע,

אונ׳ אָסן וואז זיא האטן בייא דעם קוואַל
אונ׳ וואַרן זיך גאנץ ווידר דער קוויקן
דר נוך הוב זיך דיא ורייד ערשט אן
בבא דר טעט וואז ער האט צו שיקן
דרוזיינה שריא אַז איין דיב אים שטל
אָך דורפט ער זיא אין קאַפּא ניט פיקן
ווען זיא וואר אים צו מאָל ניט אויז וויכן
וואז זיא דאראן גיוואן דאז זאָלשט דו אן די צין שטרייכן: (אַמסטערדאַם)

מאַקאַברון שיקט ארויס נאכיאגן די אַנטרונענע אַ משוגהדיק באשעפעניש, דעם האלבמענטש, האַלבהונט פּלעקון (אין דער פּראגער אויסגאבע־פלעקין), א פלינקע בריאה מיט משוגהדיקער קראפט און גבורה. פלעקון דעריאגט זיי, עס אנטוויקלט זיך א שווערער קאמף צווישן בבא און פלעקונען, דרוזיינה מישט זיך אבער אריין און דערמאנט פלעקונען די טובות, וואס זי האט אים געטאן, ווי זי האט ניט דערלאזט, מאַקאַברון זאָל אים הענגען. פלעקון לאזט זיך איבעררייִדן און שליסט א פריינדשאפטסבונד מיט די פארליבטע. פון איצט אן ווערט ער זייער שומר און באשיצער. זיי וואנדערן ווייטער און קומען אָן אין דעם שלאָס פון גראף אורייאן, א שונא פון מאַקאַברונען, וועמענס ווייב איז א נאָענטע קרובה פון דרוזיינה. זיי ווערן פריינטלעך אויפגענומען, און לעבן א געוויסע צייט בשלום אין אורייאנס שלאָס. מאַקאַברון דערוויסט זיך אבער, ווו זיי געפינען זיך, און באלאגערט חדשים־לאנג דעם שלאָס, פאדערנדיק פון אים ארויצוגעבן בבא און דרוזיינה. אין איין שלאכט נעמט ער געפאנגען דעם גראף אורייאן, און ער מאכט אָפּ מיט דעם גראף, אז ער וועט אים ארויסלאזן, מיט דעם באדינג, אז ער וועט דערהארגענען בבא און פלעקון, און אים ארויסגעבן דרוזיינה. פלעקון דערוויסט זיך אבער וועגן דעם פלאַן פון דעם גראף און מאכט אים צונישט. פלעקון דערהארגעט דעם גראף אורייאן, און אנטלויפט מיט בבא און דרוזיינה דורך אן אונטערערדישן גאנג מיטן פערד רונדעלה. זיי רייטן אָפּ אַ פערציק מייל. דערווייל באקומט די שוואנגערע דרוזיינה די געבורט־ווייען. פלעקון בויט אויס אַ

שאָלאָש פון צווייגן, און דארט געווינט דרוזיינה צוויי ייִנגלעך. פלעקון לויפט דאָן אוועק ב״ענגען עסן, ער לויפט דורך דעם וואלד און קומט אין אַ קלויִסטער. ער צווינגט די אויף טויט איבערגעשראָקענע מאָנאָכן אים צו געבן אַלץ, וואָס ער פאַדערט:

... פלעקון הוב אן דר פון צו גין
דורך דען וואלד וואר ער ולוקש שרייטן
דא זאך ער דורט פון פערן שטין
איין היפש קלושטר גאר פון ווייטן
ער גידוכט דא וויל איך מיך ניט מין זוימן
יענש קלושטר וויל איך גאנץ אויש רוימן:

ולוקש ליף ער היגאן ביז אן דש הויז
אונ׳ קלופפט אן מיט איינם שטעקן
איין קליין מינכליין[37]) זאך צום וענשטר הנויש
אונ׳ פיל גלייך הינטר זיך פור שרעקן
אונ׳ מיט איינם אנגשט אונ׳ גרויז
לוף עז פון דעם וענשטר היך ווצק
אונ׳ זאגט דעם אפט מיט שרייאן אונ׳ מיט וויינן
עז שטיט איינר פור דער טיר דער גיט אויף פיר ביינן:

ער קלופפט אן און וויל יוא הריין
קיין שייצליכר[38]) מאן הון איך ניא גיזעהן
דער אפט דער שפראך ווער מאג עז גיזיין
צו דען אנדרן מינכן הוב ער אן צו יעהן
גיט זאגט ולוקש אונ לאשט׳ אין ניט איין
עז ליפן דא הין לעכט אירר צעהן
אן דש וענשטר אונ׳ זאכן אין קלופפן
אונ׳ פון אנגשט לאגן אויף אין דיא טרופפן:[39])

* * * * *

...פלעקון שפראך איך וויל אייכש מאכן זויאר
אונ׳ מיט אלי פיר פיס קלעטרט ער איבר דיא מויאר:

אונ׳ שפרונג הינאב גלייך וויא איין בוק
דיא מניכן אל פור אים הין וועק ולוהן

צו דעם אפט לופן זיא איבר שטיין אונ איבר שטוק
מיט איינם גרושם גישרייא איין הובן
דער אפט היש לייטן[40]) דיא שטורם גלוק
אונ׳ אזו בלד אז זיא הבן אן גיצוגן
דו קאמן דיא מינכן אל גיגאנגן
מיט גרושן קניטלין[41])׳ אונ מיט שטאנגן:[39])

* * * * *

דר נוך גינג ער אין איין קעמרליין דאר
דא פאנד ער פיל הינר אין איין שטיינן
ער שפראך דיא הינר וויל איך נעמן גאר
דיא פאפן[42]) מוזן וואל שטיל שוויינן
דר נוך ואנד ער איין קישטן רייז אונ׳ ואר
אונ׳ צימקי אונ׳ וויינפרליך׳ אונ וייגן
אונ׳ וואורץ ער איין גאנץ זעקלן בול ער בילט
דר נאך אין קוך דא היניין ער טרולט:
דא נאם ער איין גרושן האבן מיט שמאלץ
אונ׳ איין זאק מיט ברוט אן גידרונגן
אונ׳ דר נאך נאם ער איין זעקלן מיט זאלץ
אונ׳ אויז דען קוימן פיל דירר צונגן
אונ׳ איין ועסלן מיט גיזוטן וויין אלטש
דיא רייף ווארן אים שיר אב גישפרונגן
ער שפראך דרויז וועלן מיר מאכן ווין זויפן
דש גירעט ליגט ער אויף איין הויפן: (אמסטערדאם)

איין טאג, ווען בבא גייט ארויס צום ים זוכן א שיף, וואס זאל זיי אוועקפירן קיין לאמפארטן, זיינען געקומען צוויי לייבן. זיי האבן גארניט געטאן דרוזיינה מיט די קינדער, „דען קיין ליב טוט ניקש קיין בלוט דש אידלן״, זיי זיינען אבער באפאלן דעם אומגליקלעכן פלעקון. פלעקונען געלינגט דערהארגענען איין לייב, דער אנדערער האט אים אבער צעריסן און אוועקגעלאפן. דרוזיינה האט מורא בלייבן אויף דעם-זעלביקן ארט, אויך איז זי זיכער, אז די לייבן האבן איר מאן בבא צעריסן. זיווארט א טאג, בבא קומט אבער ניט צוריק. דאן איז זי אוועק דורכן וואלד צום ים, ווו ס׳איז גראד געשטאנען א שיף מיטן פאן פון איר פאטער. די שיף ברענגט זי מיט אירע קינדער צו איר פאטער, דעם מלך ארמיניאן, וואס נעמט זי אויף מיט

גרויס פרייד, זי דערציילט אים איר טרויעריקן שיקזאל, און ווייזט אים, אז אירע קינדער זיינען נאך ניט געיידישט!

דר נוך זאגט זיא אים אל דינג גאנץ אונ גאר
אונ׳ וואש אונגליג זיא הט געליטן
אויף דש פפערד זיא אויך גיזעסן וואר
הינטר אירם פאטר קאם זיא גיריטן
אונ׳ דר נוך ברוכט מן איר דיא קינדר דאר
זיא שפראך זיא זיין נוך ניט בישניטן
דער קיניג שפראך דוא דארפשט ניט זארגן
איין היפשי ברית מילה וויל איך מאכן מורגן!

דער אנדר טאג קאם דר נוך
דא ליש ער דיא יונגן יודשן טראגן
אבער דענוך ורוגט ער דרוזיינה דוך
ווִיא זאלן זיא היישן זאלשטו מיר זאגן
זיא שפראך אי דער זעלביג בבא פון מיר צוך
דא זאגט ער מיר אל טעגלייכי טאגן
איינש וויל איך היישן גיווידון נוך מיין פאטיר
אונ׳ איינש סיניבאלד נוך מיין קוואטר: (אמסטערדאם)

בבא איז צוריקגעקומען, האט דערזען דאס בלוט און די שפורן פון די שרעקלעכע קאמפן, און איז זיכער, אז די לייבן האבן צעריסן זיין פרוי און די קינדער. ער וואנדערט אין דער וועלט און קומט אין א גאסטהויז, וווּ ער טרעפט טעריצן, דעם זון פון זיין טרייען דערציער סיניבאלד, וועלכער ווערבירט סאלדאטן פאר זיין פאטער, וואס פירט נאך אלץ קאמפן מיט דאדאנען. טעריץ דערקענט ניט בבא און שלאגט אים פאר פארדינגען זיך צו אים אלס זעלנער, אויף וואס בבא גייט איין. בבא גיט זיך אויס אלס א געוויסער אויגושטין. זיי קומען אין שנשימון קעמפן קעגן אנטונה, בבא דערהארגעט דאדאנס ברודער, אלבוריגן. דאדאנען פארוונדעט ער שווער. ער קומט צוריק מיט טעריצן אין סאנסימאן. ביים טיש דערקענט סיניבאלדס פרויא בבא. און סיניבאלד און טעריץ איבערצייגן זיך אין דער ריכטיקייט פון איר השערה. בעת טעריץ זעט אין באד אויף בבאס לייב יענע מוטערסימנים, וועלכע ס׳האט אים איבערגעגעבן זיין מוטער, בבאס אמאליקע זויגערין. אזוי ארום איז בבא דערקענט געווארן אין גרויס שמחה. בבא באשליסט קומען אין אנטונה איבערגעטאן אלס רופא און מיטנעמען טעריצן אלס זיין קנעכט. ווידער העלפט דא דעם בעטלערס פולווער, מיט וועלכן זיי שמירן זיך אויס.

זיי קומען קיין אנטונה, און טעריץ שמועסט זיך דורך מיט די חשובסטע לייט אין דער שטאט און דערציילט זיי פון בבאס צוריקקומען. בבא ווערט פון ברנדונייה איינגעלאדן צו היילן איר פארווונדעטן מאן. בבא קומט, הייסט אלעמען ארויסגיין, דאן דערהארגעט ער דאָזנען, דעם מערדער פון זיין פאטער. די שטאט ווערט איינגענומען פון סיניבאלדס חייל. בבא קען זיך ניט אנטשליסן דערהארגענען זיין מוטער. ער גיט עס איבער דער אנטשיידונג פון סיניבאלד און טעריץ. ברנדוניה ווערט פארשלאסן אויף איר גאנץ לעבן אין א קלויסטער.

בבא באקומט א בריוו פון דער שיינער מארגריטה, דעם סולטאנס טאכטער, וואס שרייבט אים, אז איר פאטער איז געשטארבן, און איצט וויל דער מלך פון מאָרן־לאַנד, פאַשמוניש, מיט געוואלט זי נעמען פאר א ווייב. זי בעט אלזא זיין הילף, ווי זי האט אים אמאל געהאלפן, און „ווען ער פאַשמוניש קענט פר טרייבן. וויל זי זיין געריין זיין ערליך ווייבן". בבא מאכט א תל פון פאַשמונישנס חיל און דערהארגעט אים. מארגריטה באשליסט אנצונעמען בבאס גלויבן, און די חתונה ווערט באשטימט אין פיר וואכן ארום. דערווייל דערוויסט זיך דערפון דרוזיינה, וואס געפינט זיך נאך אלץ ביי איר פאטער ארמיניאן. זי שמירט אויס זיך און די קינדער מיטן פולווער, און פארשטעלט אלס בעטלער, קומען זיי אין בבל, דרוזיינה שפילט און זינגט מיט די קינדער א ליד פון בבא און דרוזיינה. אזוי לאזט זי זיך דערקענען איר מאן אין פריידן. מרגריטה האט חתונה מיט טעריצן. בבא קערט זיך אום מיט זיין ווייב און קינדער אין זיין לאנד, קיין אנטונה.

שלוס־סטראָפן לויט אמסטערדאם:

ער וואר איין קיניג גרוש אויז דער מוש
ער וואר איין קיניג גיוואלטיג איבר דריי קיניגרייכן
זיין צווין זין וואָרן נון בייד גרוש
אונ׳ וואָרן צווין דעגין טוגנטליכן
אונ׳ איטליכס גאב ער זיינש לאַנט איין שטוס
אין דער וועלט וואר ניט איר גלייכן
זיא הטן פיל לאנט אונטר אירן הענדן
דא מיט האט דש בוך איין ענד:

דאָך וויל איך נענן ואר
ווער דאש בוך האט גימאכט אונ׳ גישריבן
אליהו בחור נענט ער זיך צו ואר
איין גאנץ יאר האט ער דאר איבר פור טריבן

אונ׳ האט עש גימאכט דש זעלביג יאר
דש מן צילט צווייא הונדרט אונ׳ זעכציג זיבן
ער האט עש אויש איין ניסן
אונ׳ הוב עש אן איין איר
גאט זאל אונש געבן רוא פור אלן בויזן טיר
אונ׳ זאל אונש דר ליזן אויש אונזרן פיין
אונ׳ זאל אוגש דיא גינוד געבן
דש מיר אל מושן זוכה זיין
משיח צייט צו דער לעבן
דער זאל אונש פירן קען ירושלם הינייז עבן
אודר ערגאנץ אין איין דערפליין דר געבן
אונ׳ זאל אונש דש בית המקדש ווידר בויאן
אמן וכן יהי רצון אמן טרויאן:

שלוס-סטראפן לויט פראג:

דאז זעלביג לנד וואר אויך זיין
פיל רייכטום פאנד ער דרינן
ער צאך זעלברט דריין
זיא הטן אין געריין איגן
פון אלי זייטן ב זיצט ער אליין
קיין קיניג קאן אים ניקש אב גיווינן
ער וואר איין רייכר קיניג פיין
דרייא קיניגרייך וואר ער זיך פר דינגן
זייני צווייא זין גאב ער איין גוטש לנד איין
פיל געלד אונ גאלד זאמלין זי איין:

פבא אונ דרוזיינה וואר[ן] זער פרום
זי דינין גאט מיט גנצין הערצין
זיא בעטן צו גאט דארום
דער זיא הוט גהאלפן אויז אירי שמערצן
דרום זאל קיין מענש פר צאגין אונ׳ זיין גראד אונ ניט קרום
אונ׳ זיין גווישן ניט פר זעצין
נון האט דש בוך איין ענד

גאט זאל אונש בלד משיח זענד'
אונ' אליהו הנבי דר נעבן
דש מיר זאלן דער ווערבן דש איביגי לעבן
אמן וכן יהי רצון:

אין דער אמסטערדאמער אויסגאבע קומט נאך צום סוף א ליסטע פון אייניקע איטאליענישע ווערטער, וועלכע קומען פאר אין דעם ראמאן, לויטן אלף-בית צוזאמענגעשטעלט און דערקלערט,—ווי כ'מיין דורך דעם מחבר, אליהו בחור, גופא. די ליסטע נעמט ניט ארום אלע איטאליענישע ווערטער אין דעם ראמאן.

„נון וויל איך שרייבן דיא וועלשן ווערטר דיא דא שטינן אין מענכם אורטר אונ' וויל זיא אין טייטש בישיידן. מיט ליב אונ מיט פריידן:

אנקר	איין שיף אייזן דאש מן איינש מער ווערפט אן איינם זייל:
אלמונן	וואש מן גיבט דען ארמן לייטן צדקה:
באבילוניא	דיז שטאט בבל היישט אזו:
בונאה[43]	ווען דאש מיר קיין ווינט ניט האט:
באשט[44]	איין זאטל מיט שטרוא גימאכט:
בארון	איין הער אין דאש קיניגש הוב:
ברייזליך[45]	פלייש גיבראטן אויף איין רושטיר:
גראציא	גרוש גינאד אונ דאנק האבט:
טימון[46]	די דייקסל הינטן אן איינם שיף:
טולפאן[47]	דש דיא טירקן אום קאפף טונן:
טאווייערן[48]	איין שלעכט ווערטש הויז:
טארה די מארי	מורן לאנד היישט אזו:
טריזאה דפערליין[49]	איינר לייא אויז דער אפטיק:
יושטיצייה	גירעכטיקייט:—מאדונה איין קעשטלייכי פרויא:
מונעשטר	איין פאר גיריכט:
מאטראץ	איין בעט אויש וואל גימאכט:
מריניער	שיף לייט היישן אזו:
פורט[50]	דא דיא שיף זיין אן גיבונדן:
פטרון	דער הויז הער:
פיגרין	איין בעטלר:

פאצענצייה[51]	מיט ליידונג:
פוטנה[52]	איין זונה:
פאטיר גושטר[53]	דא דיא גוים דראן בעטן:
פר המן	ער איז אז המן:
פארטונה	איין גיווי[54] אים מער:
פאר	גינויטר ווייך:
פעשטה[55]	איין פריליך וו עזן:
קונטענט	איך בין וואול צו פרידן:
קומפאנין	גוט גיזעל:
ריגאץ[56]	איין רענר;
ראמור	איין גישריי אונ בילבול:
שטורן	דעק גימאכט אויז באשט אונ שטרוא:

תם ונשלם שבח לאל בורא עולם:

דער יידיש-טייטשער ארטור-ראמאן.

1. וועגן דעם ארטור־ציקל.

די זאגע פון דעם קיניג ארטור איז לויט איר אפשטאמונג קעלטיש, זי איז אנטשטאנען אין דער עפאכע פון דעם קאמף פון די בריטן מיט די אַנגלאָסאַקסן, וואס האבן אויף זיי געדרענגט פון דעם מיטן 5 יארהונדערט. איר העלד איז געווען ארטור, ס'קאן זיין א היסטארישע פערזענלעכקייט, וואס זאל האבן געלעבט ארום 500. א ברייטישע כראניק, פארפאסט ארום 796 אין וועלס, דערציילט, אז ער האט באזיגט די סאַקסן אין צוועלף שלאכטן. אויפן גרונד פון דער כראניק און זיין אייגענער פאנטאזיע האט גאָטפריד פון מאָנמאוט פארפאסט ארום 1136 א לעגענדארע געשיכטע פון ברייטישע מלכים, וואס האט דערציילט הויפטזעכלעך פון די גבורות פון די ברייטישע קעלטן און פון ארטורן, וואס פיגורירט שוין דא אלס מלך. 1155 איז די דאזיקע לאטיי־נישע כראָניק איבערזעצט געווארן פון וואַסן אין פראנצויזיש, אין ריימען, וואָס האט צוגעגעבן אייניקע לעגענדן לויט מינדלעכע ברעטאנישע ווארינאנטן, אזוי צ. ב. האט וואָס צוגעגעבן דעם מאטיוו פון „טאַבולאַ ראָטונדאַ", פון דעם קיילעכדיקן טיש, ארום וועלכן קיניג ארטור זאמלט זיינע מער חשובע ריטער. דער גרויסער באַארבעטער פון די ארטורלעגענדן איז אבער דער פראנצויזן קרעטיען דע טרואַ, וואס האט אין די יארן 1160—70, נאך זיין טריסטאַן פאר־פאסט 5 ראמאנען פון דעם ארטור־ציקל. אין זיינע ראמאנען איז דער נאציא־נאלער מאָטיוו פון דעם קאמף פון די קעלטן מיט ארטורן בראש קעגן די אַנגלאָסאַקסן שוין פארשוואונדען, און ארטור הערט שוין אויף צו שפילן אן אקטיווע ראליע. ער און זיין פרוי גינעווראַ, זיין „קיילעכדיקער טיש" און זיין הויף זיינען בלויז א פארבינדנדיקער צענטער, און די גבורות און נסים און אלערליי וואונדערבארע געשייענישן קומען פאר מיט זיינע ריטער, די בארימטע גאַווין, ערעק, קליזשעס, לאַנסעלאט, איוויין, פּארסיפאַל. יעדער ראמאן איז

געווידמעט איין העלד און מעשים און העלדנטאטן. קרעטיענס דייטשער באארבעטער איז געווארן הארטמאן פון אאוע (צווייטע העלפט פון 12 יאר־הונדערט. ארום 1210 האט ער נאך געלעבט). הארטמאן האט באארבעט דעם „ערעק" (באלד נאך 1190) און „איוויין" (פאר 1203). דעם פארסיפאל־ראמאן באארבעט דער בארימטער וואלפראם פון עשענבאך (אנהייב 13 יארהונדערט. די פאראייניקונג פון דער. גראל־זאגע מיט דער ארטור־זאגע איז שוין פאראן אין קרעטיענס פערסעוואל־ראמאן).

אונדזער „מעשה קיניג ארטיש הוף" שטאמט אפ פון דעם מיטלהויכדייטשן „וויגאלוא, דער ריטער מיט דעם ראדע". דער פארפאסער איזווירנט פון גראווענבערג. ער האט דעם „וויגאלוא" פארפאסט אן ערך 6 יאר נאך הארטמאנס איוויין, און באלד נאכן דערשיינען פון די ערשטע 5 ביכער פון וואלפראמס „פארסיפאל", אלזא ארום 1210—1205. ווירנט איז געווען א פרענקישער ריטער (גראווענבערג איז נאך עד־היום פאראן אין פראנקען, עס ליגט צווישן נירנבערג און ביירויט). ער ווערט דערמאנט אלס עדות אין א דאקומענט פון יאר 1217. אין יאר 1228 האט ער אנטיילגענומען אין דעם קרייצצוג, אין דער כראניק פון רודאלף פון עמס, ארום 1240, ווערט ער שוין דערמאנט אלס טויטער. זיין „וויגאלוא", ווי ער אליין דערציילט, האט ער פארפאסט פון א מינדלעכער דערציילונג פון א נושא־כלים, וואס האט אים — ניט געגוי — איבערגעגעבן דעם אינהאלט פון „בעל עגקאנני" פון רענאלד דע באזשעו. ווירנט האט זיין ווערק פארפאסט אונטער דעם שטארקן איינפלוס פון הארטמאנס „איוויין", צו וועלכן ער איז גאר גאענט מיט דער שפראך, מיטן טאן, און אפט אויך לויט די סיטואציעס; אבער ס'זיינען קאנטיק אויך שפורן פון „פארסיפאל", און דער מחבר אליין באוונדערט דעם גרויסן עשענבאך. די מעטריק פון דעם „וויגאלוא" איז קאפירט לויט „איוויין", דאקעגן איז א זעלבשטענדיקע אייגנטימלעכקייט פון ווירנטס ראמאן די דריי ריימען, מיט וועלכע ס'ענדיקט זיך יעדע סטראפע.

ווירנטס ראמאן ווערט 1472 באארבעט אין א פראזאישן פאלקסבוך און ווערט דערנאך פילמאל געדרוקט.

2. די האמבורגער כתב־ידן פון דעם יידישן ארטור־ראמאן.

פון דעם יידישן ארטור־ראמאן זיינען צו אונדז דערגאנגען צוויי כתב־ידן

און א ריי געדרוקטע אויסגאבן. ביידע כתב־ידן געפינען זיך אין דער האמ־בורגער מלוכה־און אוניווערסיטעט־ביבליאטעק. דאס זיינען:

A) כתב־יד האמבורג נר. 289 (שטיינשניידער 288), 64 בלאט, אן ערך 22 שורות אויף א זייט, געשריבן דורכויס דורך איין האנט. ס'פעלט סיי דער טיטל, סיי דער אנהייב, (ארום 600 שורות פעלן), סיי דער סוף. דער כתב־יד הייבט זיך נעמלעך אן ביים געשפרעך פון דעם פרעמדן מלך מיט גאַביינען, ווען דער מלך שלאגט פאר חתונה צו האבן מיט זיין טאכטער (דאס וועט זיין ווידוווילטס מוטער). דער כתב־יד ווערט אפגעבראכן ביים אויסהיילן פון ווידווילטס וווּנד נאך דער לעצטער שלאכט מיט דער מכשפה. דער גאנצער כתב־יד איז געשריבן אין ריימפאָרן, איין שורה פון דער אנדערער איז אפגעטיילט מיט פונקטן, וועלכע פעלן אמאל אויס. קיין שום צעטיילונג אויף סטראפן. דער וואסערצייכן פון דעם פאפיר ווייזט אויף דעם 16 י"ה, אויך די שריפט כאראקטעריזירט דעם אנהייב 16 יארהונדערט. די שפראך פון אונדזער כתב־יד איז בלתי־ספק אסאך עלטער, זי ווייזט אויף שפראכלעכע סימנים פון דעם 15 יארהונדערט, אפשר נאך דעם 14.

B) האנדשריפטלעכער זאמלבאנד האמבורג נר. 255 (שטיינשניידער 327). בלאט 88—111, אלזא 24 בלאט (ניט 11 א טעות ביי דר. לאנדוי), קליינע שריפט פון דעם סוף 16 י"ה,—דער דאזיקער כתב־יד איז אלזא יינגער פון (A). דער פראגמענט הייבט זיך אן מיט דער זעלביקער שורה, ווי דער פריערדיקער כתב־יד, ער ווערט אפגעבראכן ביים סוף פון ווידווילטס אוואנטיורע מיט דער מיידל, וועמען מען האט אוועקגעריבט אירע מתנות פון דעם שיינקייטס־קאנקורס.

ביידע כתב־ידן שטימען אין אלגעמיין, מיר האבן דא צו טאן מיט קאָ־פיעס פון דעמזעלביקן אריגינאל, נאר דער קאפיסט פון (B) איז געווען אסאך זעלבשטענדיקער, ער האט אפט געענדערט די ארכאישע פארמען פון דעם אריגינאל אין מער מאדערנע און אויך מער זיי צוגעפאסט צו זיין דיא־לעקט. בלויז די ריימען האט ער אפגעהיט געטרייער פון (A)[57]). דאס, וואס ביידע כתב־ידן הייבן זיך אן מיט דערזעלביקער שורה, קאן דינען אלס באַ־ווייז, אז זיי האבן באנוצט דעם זעלביקן אריגינאל—מאנוסקריפט, וואס איז װאַרשיינלעך געווען באשעדיקט. פון דער אנדערער זייט האבן מיר סימנים, אז דער אריגינאל, פון וועלכן ס'זיינען אראפּגענומען געווארן די קאפיעס (A—B), איז אויך געווען בלויז א קאפיע פון נאך אן עלטערן טעקסט, אזוי

צ. ב. טרעפן מיר אין ב י י ד ע כתב־ידן אזויגערופענע „ג י ט ר י י נ ע״ ריימען, וועלכע זיינען אנטשטאנען דורך דעם, וואס שוין אין דעם אריגינאל זיינען ארכאַישע פארמען פארביטן געווארן דורך מער מאָדערנע, און ס׳איז צוליבדעם צושטערט געווארן דער גראַם.

איך וועל נאך צוגעבן, אז מ׳ייר שיינט, אז דער אריגינאל איז געווען איינגעטיילט אין געזאנגען. דאס איז געווען ניטאזויפיל אן איינטיילונג לויטן אינהאלט, ווי א נאטירלעכע פויזע פארן זינגער, בכדי זיך אפרוען א ווײַלע. אין ביידע כתב־ידן צייכנט זיך אויס דער אנהייב פון א נייעם „געזאנג״ מיט א נייער שורה, דאן מיט גרויס געצייכנטע אותיות פון דעם ערשטן ווארט. אין דעם כתב־יד (B), וועלכער איז אסאך קירצער, האבן מיר דריי אזעלכע פויזעס, נעמלעך אויף בלאט 93א, ווו דער נייער געזאנג הויבט זיך אן מיט די ווערטער: „ו ו ע ל ט איר נוא שטיל גידאגן. דא וויל איך אייך פור באַש זאגן. דיא וויל ריטר גיוויין ווייב דיא איין זון גיוואן. ער וואר דער אַלר היפש מאן.״ (אין כתב־יד (A) בלאט 5ב דערדאזיקער געזאנג גייט ביז בלאט 96א (A–9א). דער ווייטערדיקער געזאנג הויבט זיך אן מיט די ווערטער: „ו ו ע ל ט איר נוא שטיל גידאגן. פון דיזם שטול וויל איך אייך וואונדר זאגן (וועגן דעד פישופדיקן שטול, ווו ס׳זעצט זיך אריין ווידווילט). דער ווייטערדיקער געזאנג הויבט זיך אן אויף בלאט 104א מיט די ווערטער: „איך וויל נימן היא וורטן. אונ׳ רייט נים צו שפילן מיט דען קרטן...״ (די מיידל לאכט אויס ווידווילטן, וואס וויל מיטפארן און אויסלייזן די פארצויבערטע מלוכה). ס׳איז כאראקטעריסטיש, אז די דריטע פויזע פעלט שוין לחלוטין אין דעם כתב־יד (A), אין וועלכן ס׳איז בכלל מערניט פאראן קיין פויזעס (אחוץ אלזא די דערמאנטע צוויי). אויך אין דעם פרט שיינט (B) געטרייער נאכגיין דעם אריגינאל. [58]

3. די דרוקאויסגאבן פון דעם יידישן ארטור־ראמאן.

מיר האבן ידיעות וועגן פאלגנדיקע געדרוקטע אויסגאבן פון דעם ארטור־ראמאן:

C) אויסגאבע פראַג, אָן א יאר, אָבער צווישן 79–1652, 80 בלאט 4^0, אין ס ט אַ נ ס ן, (אטטאַווא רימאַ), די שפראך ווייזט אויף דעם 16 יארהונ־

דערט, איך ברענג דא א פּראָבע לויט דער פאקסימיליע פון דר. ל, לאנדוי, פון דער זייט 11 א:

צו דר אוסטרן דו הער קאם.
ווארד מן אויף דר היידן ווייטן,
אויף שלאגן פיל גולד אונ זילבר קראם,
אַך פיל גאר קכין דרויף צו ברייטן,
איטלכר קינג דר צו קאָם.
קאָם ניט מיט ווינצגר אַז מיט פופציק טויזנט צו רייטן,
אונ' קינג ארטש איטלכן אנטקיגן גריטן,
אונ' איטלכן אנטפנגן נוך הובליכן זיטן:

אַלי טאג בוויז מן איין אנדרה קונשט.
איין טאג אויף אנדר צו שטכן.
דר עז גיוואן העט גרושן גונשט.
מן דרפט קיין ניט שפוטן נוך לכין.
ריטר וויא דוא ווילשט שפראַך עז איז אום איין זונשט.
איך מוז מיך אַך אַרפור מכן.
ער ריט מיט ריטר גאווין שטאכן.
ער שטאַך ריטר גאווין פון פערד אין קורצליכן זכן:

דר נוך אנדרי שטרקר ריטר מין.
וועלטן עז ניט גלוזן און גרוכן.
ער מוסט מיט זי אַך שטכן גין.
וועז ער שון דען העכשטן ריטר הוט פון פערד אראָב גשטוכן.
ער גדוכט זיך אייך אונ' נוך זו פיל אגדרן מין.
וויל איך ניט אנדרשט קוכן.
וויל אייך ניט אַז ריטר גאווין ערן.
וויל אייך שטוסן איר זולט די גייגן אויף קערן:

ער שטוך פיר פינף פון פערד אַראב.
דז זיא איין ווייל ליגן בליבן.
מן גאב מיט ריטר וויא דוא ווילשט זער דער גאב,
פיל מיט אים גטריבן.
ער קריגט גשענקט איין גרושה האב,

עֶר טעט קיין געלט ניט לִיבן,
דען אנדרן טאג ווארד מן נוך דאן רינגל רענן.
עֶר ווארד עז אַך צון בּעשטן קענן:
דען דריטן טאג ריטן זי איין גנז דען קאָפּא אב רייסן,
דִיי גנז הונג אונ׳ הֶעט דז לעבן.
ריטר וויא דוא ווילשט וואר זיך ולייסן,
אונ׳ רעמט דר נוך גאר עבן.
עֶר טעט איר אין ערשטן דען קאָפּא אבּרייסן,
עֶטליכֿי הונדרט טרעפן דר נעבן,
עֶר הוט זעלכֿי עֶר איין גנומן,
נִיט מִיגליך איין מענש זו פיל זול בּקומן:
דען פירדן טאג הילט מן פכט שול אויף,
דו ווארד פיל וואונדר גשעהן.
עֶר שלוג אירן פילן אויף די קעפּף אנויף,
וועלט קיינר מִיט אין צו ועכטין גנעהן,
עֶר הוב קיגן איטליכן אויף,
עֶר וואר גאר קיינן פר שמעהן,
עז זיי אין טעסקן, רֵפּיר, דולכן, לנגי שטנגן,
אין אַלִי וועגן איז עֶר זעכר פרייא גיגנגן:

D) אין אמסטערדאם איז דערשינען א געדרוקטע אויסגאבע פון „מעשה קיניג ארטיש הוף״ נאך פארן יאר 1680, ווארום זי איז דערמאנט אין דעם ביבליאגראפישן ווערק פון שבתי בס „שפתי ישנים״, וואס איז דערשינען 1680. קיין שום עקזעמפליאר פון דעם דרוק איז ניט באקאנט, אבער ס׳זענען פאראן ראיות, אז דידאזיקע אויסגאבע האט וואַגענזייל איבערגעדרוקט אין יאר 1699 אין זיין Belehrung der Jüdisch-Teutschen Red-und Schreibart קעניגסבערג, איבערגעדרוקט אויך אין דער צווייטער אויפלאגע פון וואַגענזיילס ווערק, פראנקפורט, 1715. שבתי בס דערמאנט ניט, ווער איז דער מחבר אדער ארויסגעבער פון דעם בוך. ביי וואַגענזיילן שטעלט ער זיך אבער פאר צום סוף פון זיין הקדמה אלס י ו ז ל ו ו י צ נ ה ו י ז ן.

E) 1683 איז אין אמסטערדאם דערשינען „א שין מעשה פון קיניג ארטיש הוף אונ׳ ריטר ווידווילט״, 53 בלאט, 8^0. מיט א קורצער הקדמה. צום סוף: „ע״י הפועל יוסף בן לא״א אלכסנדר שליטא״ס מק״ק וויצן הויזן״.

שפראך, דיאלעקט און ארטאָגראפיע זיינען אינגאנצן אנדערע ווי (C). כאראַק־טעריסטיש פאר דער דאזיקער אויסגאבע איז, אז בעת זי איז דורכויס געשריבן אין ריים־פאָרן, זיינען אין איין ארט, נעמלעך, ווען דער מלך שלאגט פאר געבּיינען חתונה צו האבן מיט זיין טאכטער, אריינגעשטעלט 32 סטאנסן, וועלכע שטימען געַנוי מיט דער סטאַנסן אויסגאַבע (C). אויך דאס שער־בלעטל איז ווי אין (C).

F) ווי דערמאנט, האט טאגענזייל אין יאר 1699 איבערגעדרוקט א פולן טעקסט פון אונדזער ראמאן, געשריבן דורכויס אין געפארטע ריימען, אפילו אָן די 23 סטאַנסן, וועלכע זיינען אריינגעפלאכטן געווארן אין (E), און וואס זיינען ביי וואַגענזייל̄ן אויסגעמיטן געווארן, לויט דעם, וואס מיר האבן פריער געזאגט, דארף F־D. אפגעזונדערט ווערן פון דעם סטאנסן־עפּיזאד, שטימט (F) געַנוי מיט (E), בלויז דער טיטל און די הקדמה זיינען אנדערע.

G) אין האַנוי איז דערשינען אן אויסגאבע 1707, 52 בלאט, 8^{0}. ס׳איז אן איבערדרוק פון (E), מיט א קליינעם שינוי אויף דער לעצטער זייט. דער האנויער דרוקער האט ווייזט אויס איבערגעדרוקט אן עקזעמפּליאר, ווו דאָס לעצטע זייטל איז געווען באשעדיקט. ער האט אלזא צוגעארבעט אליין, און זייער אומגעלומפערט, די פעלנדיקע שורות.

H) ווילמסדאָרף 1715, 52 בלאט. 8. ס׳איז אין אלגעמיין א איבערדרוק פון (E), אלזא מיט די 23 אַריינגעשטעלטע סטאנסן. דער דרוקער האט אבער פון (F) גענומען דעם טיטל און די הקדמה.

J) בן־יעקב נאטירט אן אויסגאבע פירט 1771, 8.

K) 1789 איז אין פראנקפורט־אָדער דערשינען א פּראָזא־מעשה „היסטאריע אדער מאראַלישע ערצעהלונג”, 9 בלאט, וואס האט אייניקע עלעמענטן לויט אונדזער ראמאן. איבריקנס א נישטיקע שמאטע, וואס האט א קנאפּע שיכות צו אונדזער ראמאן. לאנדוי האט זי אינגאנצן איבערגעדרוקט (אין א לאטיינישער טראנסקריפּציע).

4. אליהו בחור אלס היפּאטעטישער מחבר פון דער סטאנסן־ווערסיע.

סוף־כל־סוף האבן מיר אלזא צו טאן מיט צוויי ווערסיעס פון דעם יידישן ארטורראמאן: די סטאנסן־ווערסיע (C), פון וועלכער ס׳אין

איבערגעדרוקט געווארן אן אויסצוג (23 סטאנסן) אין E, G, H. דאן די ריימ־פארן־ווערסיע, צו וועלכער ס׳געהערן אלע געדרוקטע אויסגאבן פונם ארטור־ראמאן, אחוץ (C).

פון וואנען האט זיך גענומען און פון וועמען שטאמט די סטאנסן־ווערסיע? מ. שילער האט געהאלטן, אז די סטאנסן־ווערסיע איז אנטשטאנען אין דער צווייטער העלפט פון 17 יארהונדערט, ווארום ערשט דאן ווערן סטאנסן באַנוצט אין דער דייטשער ליטעראטור. לאנדוי ווייזט אן מיט רעכט, אז אין דער יידישער ליטעראטור האט אליהו בחור אריינגעפירט דעם סטאנסן־ראמאן שוין אנהייב 16 יארהונדערט. און היות ווי אליהו בחור איז בכלל דער איינ־ציקער אונדז באקאנטער יידיש־טייטשער מחבר, וואס האט באנוצט די סטאנסן־פארם, שטעלט אויף לאנדוי די השערה, אז דער מחבר פון דער סטאנסן־ווער־סיע פון דעם ארטורראמאן איז אליהו בחור. דא, אין דער פראגע פון דער סטאנסן־אויסגאַבע, קאן מען האבן די גרעסטע טענות צו דר. לאנדוי. פון דער פראגער אויסגאבע איז נעמלעך צו אונדז דערגאנגען בלויז איין עקזעמפליאר, וואס געפינט זיך אין אָקספאָרד, אין דער באָדלעיאַנאַ. לאנדוי האט דעמדאזיקן עקזעמפליאר באנוצט און אפגעדרוקט פון אים א פאקסימילע פון א זייטל. פארוואס האט לאנדוי אזוי קארג באשריבן דעמדאזיקן אינטערעסאנטן ארטור־נוסח? ער גיט אונדז בלויז איבער, אז זיין אינהאלט דעקט זיך מיט דעם אינהאלט פון דער ריימפאָרן־ווערסיע, ער איז בלויז דאטאליזירטער, אויספיר־לעכער פון דער אנדערער ווערסיע.—גראד די סטאנסן־ווערסיע האט מען באַ־דארפט איגנאנצן איבערדרוקן, בכדי צו באקומען א פולן בילד פון דער אנטוויקלונג פון דעם יידישן ארטור־ראמאן. עס וואלט געווען אפילו אסאך וויכטיקער דעם סטאנסן־ראמאן דרוקן פאראלעל מיטן האמבורגער טעקסט, ווי מיט דער וואגענזייל־ווערסיע—און אזוי ועט מוזן גיין די קינפטיקע וויסנ־שאפטלעכע אויסגאבע פון אונדזער ראמאן.—די צווייטע טענה איז די, אז דר. לאנדוי האט געמעגט ניט אפשטעלן זיך בלויז ביי דער השערה. צי וואלט דען א סטיליסטישער אנאליז ניט געקאנט ברענגען גענוג זיכערע ראיות, אז דער מחבר פון דעם בבא־בוך איז גלייכצייטיק דער מחבר פון דער סטאנסן־ווערסיע? באקענענדיק זיך מיט דעם בבא־בוך, מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג, אז אליהו בחור איז אזא אויסגעשפראכן לעבעדיקער טעמפעראמענט, אז ס׳איז, אוממעגלעך, ער זאל זיך ניט אויסדריקן בולט אין דער סטאנסן־ווערסיע, ווען זי זאל זיין זיין ווערק. בפרט איז דער פארדרוס

גרויס, אז דר. לאנדוי האט געהאט די מעגלעכקייט זיך באקענען אויך מיט דעם צווייטן ראמאן פון אליהו בחור, אויך אין סטאנסן, מיט „פאריש און וויענא”, א ראמאן, וועלכער איז אונדז לחלוטים ניט צוגעגלעדט. קורץ: אויב אליהו בחור איז דער מחבר פון דער סטאנסן-ווערסיע פון דעם ארטור-ראמאן, דאן מוזן זיך אין סטיל, אין דער שפראך, אין דער קאמפאזיציע פון דער ווערסיע געפינען גענוגנדיקע ראיות פאר זיין מחברשאפט.

דאס פעלן פון דער סטאנסן-ווערסיע שיינט מיר צו זיין דער גרעסטער חסרון פון לאנדויס אויסגאבע.

5. יוזל וויצנהויזן, דער ארויסגעבער פון דער ריימפארן ווערסיע.

מיר גייען איבער צו דער ריימפארן-ווערסיע. היות, ווי ביז דער צווייטער העלפט פון דעם 17 יארהונדערט זיינען אונדז ניט באקאנט קיין דרוקאויסגאבן פון דערדאזיקער ווערסיע דארף מען אננעמען, אז יוזל (יוסף) בן אלכסנדר וויצנהויזן געהערט דער פארדינסט צו זיין איר ערשטער ארויסגעבער. ער איז געבארן אין וויצנהויזן, העסען. מיר ווייסן ווייניק וועגן אים, אזויפיל, אז ער איז געווען זעצער אין אמסטערדאם אין די יארן 1644–1680, אין דער דרוקעריי פון יוסף עטיאש. 1679 האט ער פארעפנטלעכט א תנך-איבערזעצונג (צווייטע אויפלאגע 1687),—ער איז דורכדעם געווארן א ניטקאָ-רעקטער קאנקורענט פון יקותיאל בליץ, קארעקטער ביי אורי פיבוש (Phoebus) בן אהרן הלוי, וואס האט נאך פריער איבערזעצט דעם תנך און אנגעהויבן אים דרוקן,ס׳—איז געווען דער ערשטער פרווו צו געבן דעם גאנצן תנך אויף יידיש, און דערצו אין א געטרייער איבערזעצונג, אויסגעמיטן דעם דרש, וואס האט אזוי שטארק דאן געבליט אויף דער יידישער גאס. צו דערדאזיקער גראנדיעזער אויסגאבע האבן זיך בליץ און פיבוש באווארנט מיט זייער פיל הסכמות און הזהרות, צווישן זיי פון ועד ארבע ארצות אין יאר 1672, פון די ספרדישע און אשכנזישע אויטאריטעטן אין אמסטערדאם אין יאר 1675, וואס האבן פארבאטן אן ענלעכע אויסגאבע אין משך פון 10 יאר. אויך האט בליץ באקומען א פריווילעגיע פון דעם פוילישן מלך יאן סאָביעסקי אין יאר 1677, וואס האט באשטעטיקט זיינע רעכט אין פוילן אין משך פון 20 יאר. פון דעם אלעמען איז אבער וויצנהויזן ניט נתפעל געווארן, בפרט, וואס זיין פארלע-

נער עטיאש האט אויסגענוצט זיין גאנצן איינפלוס און האט באקומען פאר זיין אויסגאבע פון דעם תנך ניט נאר א פריווילעגיע פון דער האלענדישער רע-ירונג, נאר אויך הסכמות פון דעמזעלביקן „ועד ארבע ארצות", און אפילו פון -בנים, וואס זיינען געחתמעט אויף בליצס איבערזעצונג. ס'איז אנטשטאנען ז סקאנדאליעזע פאלעמיק, וועלכע דריקט זיך אפ אין די הקדמות פון די איבערזעצער און די פארלעגער—בפרט איז חוצפהדיק און ניטקארעקט וויצנ-וויזנס הקדמה (זע ביי שולמאנען, דאן שטערק-לייטצמאן, ז. 161 וו,). אפגעזען -ערפון, איז וויצנהויזנס איבערזעצונג באמת בעסער פון בליצס, זי האט בכלל געהאט מער מזל, און זוכה געווען אפילו אריינגענומען צו ווערן אין די אנפעסיאנעלע „ביבליא פענטאפלא" (Biblia Pentapl-), ווו זי איז אפגע-רוקט נעבן דער קאטוילישער, רעפארמירטער, לוטרישער און האלענדישער יבל-איבערזעצונגען אלס די „יידישע איבערזעצונג" וואנדסבעק, 1711).

די וואגענזייל-אויסגאבע (F) פון דעם ארטור-ראמאן האט דעם שער:

א י י ן ש י ן מ ע ש ה

פון קיניג ארטיש הוף

וויא ער זיך אין זיינם קיניגרייך האט טון פירן. אונ' וואז ער האט
גיהאט פר מאנירן. אונ' פון דעם ברימטן ריטר
ווידווילט דעם שטרייטבארן העלד. גאר
שין אין ריים גישטעלט. ווען איר
ווערט דרינן לייאן. ווערט
זיך אייער הערץ
ארפרייאן:

דאן קומט פאלגנדיקע הקדמה וויצנהויזנס:

יך האב בייא אל מיין טאגן. פיל פון קיניג ארטיש הוף הערן זאגן:
ז וויא מן זאגט איין אלט שפריך ווארט הער.
ש גיט היגן צו אז ווען עש קיניג ארטיש הוף ווער:[59])
אך האב איך אויז גיריינט גאר מעניך לנט. אונ' האב מיין טאג ני א קריגן
[אין מיין הנט:
ין בוך דז איך עש העט גילעזן. אדר וואו עש ווער גיוועזן:
ז איך האב איינש גיפונדן גישריבן אויז. אין מיינש פאטרש הויז:
א האב איך מיך ניט לאנג טאן זיימן. אונ האב דיז בוך גישטעלט אין ריימן:

איז עש גלייך ניט גיזעצט גאר וואול. זא איז עש מיין ערשט מאָל:
איר מעכט עש לייאן אודר זינגן וויא איר וועלט. עז קאָשט אייך אַלז איין
[געלט:

דאך האט עש אן זיך דיא טוגנט. דז דיא צארטי יונגט:
אַל צייט גערן לושטיג איז. אונ׳ וואו זיא זינגנדיג לייאן גידענקן זיא גיוויש:
אונ׳ ביהאלטן עש איין לאגגי צייט אין אכט. דרום אַך האב איך עש אַלזו
[גימאכט:

דען עש רעט גאר שין אונ ציכטיג. מן קאָן אַך דרויז לערנן ריכטיג:
רידן אונ׳ שפרעכין צו אַלן צייטן. בייא הערן אונ פירשטן אונ אידל לייטן:
עש היישט קיניג אַרטיש הוף אדר ריטר (ווידווילט). עז דאך איין געלט
[גייארט גילט:

וויא דיזר ריטר ווידווילט האט טון שטרייטן אונ שטורמן,
מיט מענכים שטארקן ריזן אונ׳ ליגד וואורמן:
אונ׳ וואז ער פור אייגר איז גיוועזן. ווערט איר שון אין דעם בוך לעזין:
דרום קומט גישווינד צו לויפן. דיז שין מעשה צו קויפן:
דען עש זיין גיט פיל ווארדן גידרוקט. דרום ווערדן זיא באלד פר צוקט:
עש איז דראן שיני אותיות אונ׳ גוטי טיגט אונ׳ פפייאַר. איך גיב זיא אך
[ניט טייאר:

דרום קומט ביהענד צו גין. אונ׳ קויפט גישווינד דען איך האב ניט פיל מין:
דז איר זאלט זוכה זיין. צו קומן אין ארץ ישראל אביין:
באלד אין אונזרן טאגן. דרויף וועלן מיר אמן זאגן:
צו ערין אַלין מאנן יונגן מיידליך אונ ווייבר,
גישטעלט דורך אייערן דינשט וויליגן יוזלן וויצן הויזן דען שרייבר:

עס איז נאך א גרויסע פראגע, צי געהערט די גאנצע הקדמה צו וויצנהויזענען, צי האט ער ניט איבערגעארבעט די הקדמה פון דעם אריגינאל וועלכן ער האט איבערגעדרוקט. ער שרייבט, אז ער האט געפונען „איינש גשריבן אויז״, און ס׳לייגט זיך אויפן שכל, אז ער האט פאר זיין אויסגאבע באנוצט א יידישן כתב־יד פון דעם ארטור־ראמאן, וואס האט ווייזט אויס ביז דער צווייטער העלפט פון דעם 17 י״ה אויף דער יידישער גאס קורסירט בלויז אין כתב־יד. ווען אבער וויצנהויזן שרייבט אין זיין הקדמה, אז ער האט „דיז בוך גישטעלט איןריימען״, איז אדער ער חזרט איבער מעכאניש א זאץ פון זיין כתב־יד, אדער ער זאגט א ליגן, מן־הסתם בכדי חשובער צו מאכן זיין אייגענעם אויפטו; ווארום זיין כתב־יד איז געווען א קאפיע, ווי

די האמבורגער כתב־ידן, מיט וועלכע דער וויצנהויזן־טעקסט שטימט אין אלגעמיין אזוי ווייט, אז ס'איז מעגלעך א פארגלייך פון שורה צו שורה. דער טעקסט, וועלכן וויצנהויזן האט רעדאגירט, איז אלזא לכתחילה געווען אין ריימפארן, מערניט זיין כתב־יד איז געווען ניט א פראגמענט, ווי די האמבורגער כתב־ידן, נאר א קאמפלעטער נוסח. וויצנהויזנס אויפטו איז אלזא געווען ווייניק זעלבשטענדיק, ער איז באשטאנען אין אייניקע שפראכלעכע און סטיליסטישע ענדערונגען, אפשר אויך אין צוגעבן פון אייניקע עפיזאדן (אזוי צ. ב. דעם עפיזאד מיט דעם ריז, וועמען מען האט צוגעגאנבעט זיין מאגישע שווערט מיט אויסגעשניצטע 7 פלאנעטן און 12 הימלישע צייכן,—דער־דאזיקער עפיזאד, ווי דר. לאנדוי ווייזט נאך, איז פאראן אין דעם „סימפליציסימוס”). קאמיש ווירקט דער פראקטישער מאטיוו פון אונדזער ארויסגעבער: יוזל וויצנהויזן זאגט צו זיינע נאיווע לעזער, אז דורך זיין ראמאן וועלן זיי זיך אויסלערנען ריכטיק ריידן ביי „הערן אונ פירשטן און איידללייט”, וואס ווייזט אפריארי אויף די קינסטלעכע, ניטיידישלעכע שפראך פון זיינע אויסגאבן, פון וועלכע ער האט דערווייטערט אפילו די געציילטע העברעישע ווערטער, וועלכע קומען פאר אין דעם האמבורגער נוסח.

ווייטער איז קלאר, אז וויצנהויזן האט געהאט פאר זיך אן עקזעמפליאר פון דער סטאנסן־ווערסיע (C), ווארום ער האט פון איר איבערגעדרוקט 23 סטאנסן אין זיין אויסגאבע (E). אפשר האט ער די סטאנסן איבערגעדרוקט בכדי צו שאפן אן אילוזיע פון א נייער, פארבעסערטער און פארמערטער אויסגאבע פון (D), צוליב דעם האט ער אפשר אויך איבערגעדרוקט דעם שער־בלאט פון (C). נעמט מען אין אכט, אז 1679 האט וויצנהויזן ארויסגעגעבן זיין תנך־איבערזעצונג, קאן מען אויך געפינען א מאטיוו פארוואס ער האט (D), וואס איז ארום דער צייט דערשינען, ארויסגעגעבן אנאנים: ס'זאל ניט פארשאטן דער רעפוטאציע פון א פרומען תנך־איבערזעצער, און אויך דער ביבליאגראף שבתי בס האט געמוזט מאכן א שווייג, ווארום ער איז געווען זיין קאלעגע און געארבעט דאן מיט וויצנהויזען אין דערזעלביקער דרוקעריי.

6. גענעטישע טאבעלע צו דעם ייִדישן ארטור־ראמאן.

אלס רעזולטאט פון זיינע גענעטישע פארשונגען ברענגט דר. לאנדוי די פאלגנדיקע גענעטישע טאבעלע:



7. אינהאלט פון דעם יידישן ארטור-ראמאן.

ביים קיניג ארטיש איז געווען א מנהג, אז מען האט ניט געטארט ניט עסן, ניט טריגקען, ביז מען האט דעם טאג ניט באקומען צו הערן וועלכע ס'איז נייס. איין מאל איז געקומען א טאג, ווען קיין שום נייס איז ניט פארגעקומען, און מען האט געמוזט זיך לייגן שלאפן הונגעריג. צום גליק האט

זיך צומארגנס באוויזן אן אומבאקאנטער ריטער פאר די טויערן, ער האט דערזען די קיניגין שטיין אויפן דאך אין איר גילדענער קרוין, און ער האט זי געבעטן נעמען ביי אים אלס מתנה א וואונדערשיינעם גארטל. די קיניגין פרעגט אן איר מאן, דעם מלך ארטיש. אלע יועצים ראטן דעם מלך דערלויבן דער קיניגין צונעמען די מתנה, אחוץ איין ריטער גאביין, וועלכער האלט, אז א מלך פאסט געבן, אבער ניט נעמען. דער פרעמדער ריטער באקומט אלזא אן אפזאג, ער פילט זיך באליידיקט און רופט ארויס אויף א קאמף דעם ריטער גאביין. אין דעם קאמף ווערט גאביין באזיגט, און מוז מיטפארן אלס געפאנגענער מיט דעם פרעמדן ריטער. ס'לאזט זיך אבער אויס אז ס'איז א געוואלטיקער מלך, וואס האט געהערט פון גאביינס רום און וויל אים אלס מאן פאר זיין איינציקער טאכטער. צו דעם צוועק איז ער טאקע געקומען צו דעם ארטור-הויף. גאביין באגעגנט זיך מיט דעם מלכס טאכטער און איר שיינקייט מאכט אויף אים א געוואלטיקן איינדרוק. ער האט מיט איר חתונה, און זי ווערט פון אים שוואנגער. עס איז אריבער מער ווי א האלב יאר, און גאביינען הויבט אן ציען צום ארטורהויף, ער דערציילט זיין יונגער פרוי וועגן זיין באשלוס פארן אויף א קורצער צייט צו ארטורן. זי בעט אים אבער ניט פארן, בפרט, וואס זי טראגט א קינד פון אים. זי פרעגט אים, ווי וועט דאס קינד הייסן? ער ענטפערט צוטראגן: „ווי דו ווילסט". צומארגנס איז גאביין אפגעפארן, לאנגע יארן זוכט ער ארום דעם הויף פון מלך ארטור, און ערשט נאך 10 יאר געלינגט אים קומען צו ארטורן—ער ווערט אויפן הויף אויפגענומען מיט אסאך פרייד. נאך א געוויסער צייט פרווט ער צוריקגעפינען זיין פרוי, ער קאן אבער ניט געפינען דעם וועג צו איר מלוכה און מוז צוריקקערן אויף דעם ארטיש-הויף.

גאביינס פרוי האט געבארן א ייִנגל, און זי האט אים א נאמען געגעבן לויט דער באמערקונג, וואס האט זיך ארויסגעריסן ביי זיין פאטער „ווידוווילט"; ווען דער ייִנגל איז אויסגעוואקסן, האט ער פיל געהערט פון זיין פאטערס מוט און העלדנטאטן, און ער באשליסט אים אויפצוזוכן. ער איז שוין דאן 13 יאר אלט. די מוטער וויל אים ניט אפלאזן, אבער ס'מישט זיך אריין דער זיידע, דער אלטער מלך, און דער ייִנגל פארט ארויס אין דער וועלט. ער באקומט פון זיין מוטער דעם שוין דערמאנטן צויבערגארטל, וואס האט צוויי אייגנשאפטן: ער גיט צו דעם אייגנטימער דעם כוח פון 12 מענטשן, און ער ברענגט דעם אייגנטימער צו יעדן ארט, צו וועלכן ער וויל קומען, אין משך



א זייטל (23 ב) פון דעם האַמבורגער ארטור
כתב־יד (נר. 289). (שטיינשניידער 288).

(A). זע ז. 124, פון דער דריטער שורה פון אונטן.

פון 4 וואכן. (אויך גאביין וואלט פון זיין פרוי דעמדאזיקן ווונדערגארטל באקומען, ווען ער וואלט ניט אפגעפארן שטילערהייט.

ווידווילט קומט אן אויפן הויף פון קיניג ארטיש. פארן שלאס שטייט א שטול פון מירמלשטיין, אין וועלכן ווידווילט זעצט זיך. דאס ווערט אויפגענומען מיט גרויס וווּנדער אויף דעם הויף, ווארום דער שטול דערלאזט אויף זיך זיצן בלויז אזעלכע מענטשן, וואס זייגען נאך ניט באגאנגען קיין שום זינד. מען נעמט אויף דעם יינגל מיט א סאך ליבע, און דער מלך ארטור באשטימט אלס דערציער פאר אים דעם ריטער גאביין, דער יינגל האט אבער ניט דערציילט גאביינען, אז ער איז זיין פאטער.

איין טאג איז געקומען א יונגפרוי מיט א קליינעם קארליק בעטן שוץ ביי דעם מלך ארטור. זי איז דער שליח פון דער קיניגין פון אונגערלאנד. דער מלך אליין איז פארניכטעט געווארן, זיין מלכות שטייט אין פלאמען, עס איז איבערגעבליבן בלויז זיין שלאס „צום וואקסנשטיין”, ווו ס'וווינט די מלכה מיט איר טאכטער, דער שיינער לורעל. דעם אומגליק האבן געבראכט כישוף-מעשים פון טייוול לוציפער און זיין שרעקלעכער מוטער, ווארום דער מלך האט אים ניט געוואלט געבן זיין טאכטער פאר א ווייב. די מיידל בעט אלזא א מוטיקן ריטער, וואס זאל קענען ביישטיין דעם ריזיקן שד און זיין מוטער,— דער רעטער וועט אלס לוין חתונה האבן מיט לורעל און וועט ווערן דער יורש פון דער מלוכה. קיינער אבער פון ארטישס ריטער האט ניט קיין חשק צו גיין קעמפן מיט שדים. די מיידל פארט אפ אין צארן און מיט זידל-ווערטער. דער יינגער ווידווילט באשליסט איבערצונעמען דידאזיקע העלדישע מיסיע, און ראטעוועט דעם כבוד פון דעם ארטור-הויף. נאך א געוויסן קווענקלען זיך גייט דערויף איין דער מלך ארטור, און ווידווילט באקומט פון גאביינען א העלם; ער איז אים מגלה פארן אפפארן, אז ער איז זיין זון. גאביין וויל דאן מיט אים מיטפארן, אבער ווידווילט וויל ניט מסכים זיין דערצו: ער פארט אלזא אליין.—ווידווילט יאגט נאך די יונגפרוי מער ווי דריי טעג. ווען ער האט זי דעריאגט, וויל זי ניט, ער זאל זי באגלייטן, ווייל זי האלט, אז ס'איז א חרפה אז פון דעם גאנצן בארימטן הויף ריטער ביי ארטורן האט מען איר געגעבן א קינד אלס קעמפער קעגן ריזיקע שדים. אויף דער בקשה פון דעם קארליק דערלויבט זי אים ענדלעך מיטפארן. אבער ווידווילט ווייזט גרויסע גבורות אין וועג, זיי האבן אנגעטראפן א שיינעם הינטל אויפן וועג, און ווידווילט שענקט דער דאמע דאס הינטל אלס מתנה, זי נעמט עס צו פארברוגזט, ערשט נאך

לאנגע בקשות. דערוויייל באווייזט זיך אבער א ריז, וואס איז דער בעל־הבית פון דעם הינטל, און ווידווילטן קומט אויס מיט אים צו קעמפן. ער זיגט און שענקט דעם ריז דאס לעבן מיט דעם תנאי, אז ער וועט פארן צום ארטיש־הויף, דערציילן זיין גבורה און בלייבן דארט געפאנגען ביז ער, ווידווילט, וועט צוריקקומען.

דאן טרעפט ווידווילט און זיין דאמע אויף זייער וועג א מיידל מיט צופלאסענע האר, וואס לויפט ארום פאַרווינט און צמישט, און דערציילט, אז אויף א טורניר איז זי אנערקענט געווארן אלס די שענסטע, מען האט איר געגעבן אלס פריז א פראכטפולן פערד, א פויגלשטייג מיט א פויגל, וואס קאן ריידן שיין; דאן איז אבער געקומען א שטארקער ריטער און צוגענומען ביי איר אלע מתנות, פאר וואס מען האט דעם פריז ניט געגעבן זיין טאכטער. איר פאטער האט זיך ניט געקאנט אנטקעגנשטעלן, ווארום ער איז ארעם, כאטש יחוסדיק,—ער איז קוים אנטלאפן מיטן לעבן. ווידווילט קעמפט מיט דעם רויבערישן ריטער און באזיגט אים, און אויך אים שענקט ער דאס לעבן מיטן באדינג, ער זאל אוועק מיט זיינע פירהונדערט מאן אויף דעם ארטיש־הויף אלס זיין געפאנגענער. די מתנות גיט ווידווילט אפ דער געליטענער מיידל, זי וויל עס אבער צוליב דאנקבארקייט וועגן ניט צוריקנעמען און ווידווילט שענקט די דריי מתנות זיין פארכמארעטער דאמע. זיי קומען דאן נעבעטיקן צו א ריטער, און ווען ווידווילט דערציילט אים דעם ציל פון זיין רייזע, דאן זאגט דער ריטער, אז ער אליין האט זיך שוין פריער ארומגעטראגן מיט דעמזעלביקן ווילן, און ווידווילטן קומט אויס צו קעמפן מיטן ווירט; אויך ער ווערט באזיגט און מוז ווי די אנדערע זיך מתחייב זיין אפצופארן צום ארטיש־הויף. ערשט דאן ענדערט זיך די מיינונג פון דער יינגער דאמע, זי פאלט אויף די קני פאר ווידווילטן און בעט ביי אים מחילה, פאר איר ביזאיצטיקער האלטונג, זי האט אים בלויז גוטס געווינטשט, זי האט געמיינט, אז ער איז נאך א קינד, ערשט איצט האט זי זיך איבערצייגט אין זיין גבורה.

דערוויייל קומען זיי אן צום ציל פון זייער רייזע: צו א פרעכטיקן שלאס, ווו ס'זיינען פאראן בלויז צען מענטשן, די אומגליקלעכע קיניגין און איר טאכטער לורעל, די יונגפרוי און דאס קארליקל, און א פאר דינער. ווידווילטן נעמט מען אויף זייער פריינדלעך, און ס'איז קלאר, אז ער פארליבט זיך באלד אין דער בילד־שיינער לורעל. די קיניגין פרעגט אויס זיין יחוס, און דערציילט עס גערן. דאן וויל ער וויסן די פרטים, ווי אזוי צוקומען צו

דעם שד מיט דער מכשפה, זיין מוטער. מען דערציילט אים אלזא, אז יעדן טאג, צו מיטאגצייט קומט צולויפן א הירש צום שלאס, און פון די אויגן רינען אים טרערן. מיט זיינע הערנער שטויסט ער דריי מאל אין דעם שלאס, דאן לויפט ער אוועק. אטאדעם הירש דארף מען נאכיאגן. אזוי טוט טאקע צומארגנס ווידווילט, ער יאגט נאך דעם הירש, וועלכער ווערט זיך לכתחילה קעגן אים, דאן לויפט ער אוועק אויף א לאנקע, ווו ס'קוואלט א ברונעם, ער שפרינגט אין אים אריין, און קומט אין א ווייל‏ע ארויס ווי אן אלטער, נאקעטער מאן מיט א באָרד ביז איבער די ברוסט. ער דערציילט ווידווילטן, אז ער איז דער פארכישופטער מלך פונם לאנד, לארעלס פאטער, און בלויז א קורצע צייט אין טאג קאן ער אננעמען א מענטשלעכע געשטאלט. ער ראַט ווידווילטן זיך אפצוזאגן פון זיין אונטערנעמונג, ווארום זיינע שונאים זיינען שרעקלעך שטארק. זעענדיק אבער, ווי אנטשלאסן איז ווידווילט, גיט ער אים איבער די פרטים, וואס אים וועט אלץ אויסקומען דורכצומאכן און מנצח זיין. צוערשט מוז ער אלזא דורכפארן דורכן פארשאלטענעם און פארברענטן לאנד, זיין געוועזענער מלוכה. דארט וועט ווידווילט זען ארומלויפן פארשיידענע לייט, ער טאר אבער ניט זיך צורירן צו זיי און גארניט נעמען פון זיי, ווארום דאן וועט ער אנהייבן ברענען. דא אינמיטן איז דער קיניג-הירש פארשוונדן, ווייל ס'איז פארגאנגען זיין צייט, און ווידווילט מוז ווארטן ביזן צווייטן טאג. דאן יאגט ער ווידער נאך דעם הירש, און דער פארוואנדלטער מלך דערציילט אים ווייטער די סכנות, וואס שטייען אים פאָר. אלזא נאך דעם פארברענטן לאנד, וועט ער קומען אין א וואלד, אין וועלכן ס'איז פאראן א לינדוורם, וועלכן ער מוז מנצח זיין. דאן וועט ער האבן בייצושטיין פירהונדערט ווייבער, וואס לויפן ארום אין דעם וואלד, אויך דאס זיינען טייוול-געשפענסטן, אונטערטעניק דער מכשפה, לוציפערס מוטער. נאך די ווייבער וועט ער זיך מוזן אן עצה געבן מיט זייער האריין גופא, מיט דער גרויסער און שרעקלעכער שדיכע. נאכן וואלד פירט צום שלאס איבער א וואסער א בריק, שטייען אבער אויף איר צוויי רעדער, אין וועלכע ס'דרייען זיך בלאנקע מעסערס.

צומארגנס איז ווידווילט ארויסגעפארן אין דעם פארברענטן לאנד. ער האט געזען ריטער, וואס זיינען ווילד ארומגעלאפן, און צו זיין אומגליק האט ער איינעם אנגערירט מיט זיין שפיז, וואס האט באלד אנגעהויבן ברעגען, און ער האט געמוזט אים אוועקווארפן, אנדערש וואלט ער אויך פארברענט געווארן. דאן איז ער צוריקגעקומען און געפרעגט אן עצה ביים הירש.

דער מלך דערציילט אים, אז אין א וואלד אונטער א בוים ליגט באהאלטן זיין גוטער שפיז. ווידווילט פארט גלייך אפ, פארט אדורך בשלום דאס פארברענטע לאנד, און קומט אין א גרויסן וואלד. דא דערהערט ער א שרעקלעכן געשריי פון א פרוי. זי יאמערט, ווארים דער לינדוורם האט אקארשט צוגעכאפט איר מאן, א מלך, און דעם זון. ווידווילט יאגט נאך דעם לינדוורם און דערזעט דעם זון אויפן עק פון דעם לינדוורם און דעם מלך אין זיין מויל. עס אנטוויקלט זיך א שווערער קאמף, בשעת וועלכן דער לינדוורם מוז ארויסלאזן זיינע קרבנות, וואס ווערן אויף אזא אופן ניצול, און פארן אוועק בשלום אין זייער שלאס. דער לינדוורם קעמפט דערוויייל מיט ווידווילטן, ער שפייט אויף אים מיט פייער, דאך געלינגט ווידווילטן נאך א שווערן קאמף אים צו דערהארגענען. אין די לעצטע קאנוולסיעסווארפט אים אבער דער לינדוורם ווייט אויפן ברעג פון א טייך, ווו ווידווילט ליגט א פערחלשטער, אפגעשוואכט און האלב טויט פון זיינע ווונדן, ס׳קומען אָן פישער, מאן און פרוי, דערזעען ווידווילטן, זיינע שיינע וואפן און קליידונג, טוען אים אויס נאקעט, דער מאן וויל אים אפילו דער־הארגענען, דאך דערלאזט ניט צו דעם די פרוי, זיי פארן אפ מיט זייער רויב, און לאזן איבער דעם פארחלשטן ווידווילט ליגן א נאקעטן. א יונגפרוי פון דער קיניגן ווערט עס אבער אויפפאלנדיק, די קיניגן דערגייט ביי די פי־שערס, אז ווידווילט לעבט נאך, זיי מוזן אפגעבן זייער רויב, ווידווילט ווערט געבראכט מיט גרויס כבוד אין שלאס אלס רעטער. מען היילט אויס זיינע ווונדן, און דער מלך שלאגט אים פאר זיין טאכטער און חצי המלכות, פון וואס ווידווילט זאגט זיך אבער אפ. ער פארט ווייטער אין וואלד, קומט צום נעסט פון דעם לינדוורם, און דערהארגעט די קליינע לינדווערעמלעך, ער פארט ווייטער און זעט ביי א גרויסן פייער פערהונדערט ווייבער. ער שטעלט זיך זיי אנטקעגן, און זיי לויפן אוועק אין אימה צו זייער הארין, צו דער אומגעהויערער שדיכע. זי קומט צולויפן, און ס׳הויבט זיך אָן א שווערער קאמף צווישן איר און ווידווילטן, לגבי דערדאזיקער שרעקלעכער מכשפה קאן אבער אויך ווידווילט גארניט אויפטאן; זי באזיגט אים, שפאלט א בוים, זעצט אים אריין אזוי, אז ער קען זיך ניט רירן, דאן נעמט זי זיין שווערט און וויל אים דערהארגענען, אבער דא דערהערט זי דעם געוויש פון ווידווילטס פערד, און מיינענדיק, אז ס׳איז דער לינדוורם, אנטלויפט זי, ווארים זי האט ניט געוווסט פון דעם טויט פונ׳ם לינדוורם, און בלויז פארן לינד־

וואָרם האָט זי מורא. ערשט נאָך צוויי טעג און דריי נעכט האָט ווידוווילט באַוויזן אַרויסצוגיין פֿונם בוים. ער איז דורכגעפֿאָרן דעם וואַלד און געקומען צו דער בריק. ס׳איז גראָד מעגלעך געווען דורכצוגיין, וואָרום די רעדער זיינען געווען צעבראָכן, עס האָט אָבער געוואַרט אויף דעם בריק אַ גרויסער ריז. ווידוווילט דערהאַרגעט דעם ריז און קומט צום שלאָס פֿון דער מכשפה און איר זון, דעם שד לוציפער. נאָך פֿאָרן שלאָס קומט אים אויס צו קעמפֿן מיט אַן אַנדערן ריז, ער איז אויך אים מנצח, און דער ריז וואָרנט אים, ער זאָל ניט אַריין אין שלאָס, וואָרום שרעקלעך איז דער כּוח פֿון לוציפער און נאָך מער פֿון זיין טייוולשער מוטער. דער ריז אַליין איז 18 יאָר געווען ביי זיי געפֿאַנגען, אָבער ווידוווילט גייט מוטיק אַריין אין שלאָס. ווידער קומט אים אויס צו קעמפֿן מיט דער שרעקלעכער שדיכע, און ווידער אָן דערפֿאָלג, זי שטעכט אים דורך מיט זיין אייגענעם שפּיז, און זי וואָלט אים באַשטימט דערהאַרגעט,—צו זיין גליק קומען אָבער צולויפֿן אירע וואַלדווייבער און דערציילן איר די בשורה, אַז ווידוווילט האָט דערהאַרגעט איר שונא, דעם לינדוואָרם. פֿון גרויס שמחה שענקט זי אים דאָס לעבן. זי גיט אים איבער, אַז ער וועט געזונט ווערן, אויב לאַרעל וועט אים אַרויסציען דעם שפּיז נאָך דריי טעג, בשעת וועלכע ער מוז שווייגן און ניט אַרויסרעדן אפֿילו קיין איין וואָרט,—יעדן טאָג וועט לאַרעל צו אים קומען און רעדן צו אים אַ שעה צייט, און ער מוז שטומען, אויב ער וויל געזונט ווערן. ווידוווילט גייט אַרויס פֿון דעם שלאָס, פֿאַרווונדעט און אָפּגעשוואַכט. עס יאָגט אים אָבער נאָך דער שד, איר זון. עס אַנטוויקלט זיך אַ שווערער קאַמף, ווידוווילט דערהאַרגעט דעם טייוול, און מיט דעם מאָמענט ווערט דאָס לאַנד פֿריי פֿון זיין כּישוף. ווידוווילט קומט מיט זיין פֿריינד, דעם פֿריער באַזיגטן ריז, צום מלך, וועלכן ער האָט געראַטעוועט פֿון דעם לינדוואָרם,—און דער שפּיז שטעקט נאָך אַלץ אין זיין אַקסל. דער ריז דערציילט אים זיין געשיכטע (אַ מעשה, מיט דינער, וואָס זיינען פֿון אים צעלאָפֿן און מיטגענומען טייערע און זעלטענע חפצים, אין דעם אַ כּלי מיט אַ בילד פֿון דער באַוועגונג פֿון די פּלאַנעטן, נאָכיאַגנדיק זיי, האָט אים אויפֿן וועג באַגעגנט דער שד לוציפער און גענומען געפֿאַנגען). דער ריז באַקומט רשות פֿון ווידוווילטן אָפּצופֿאָרן אַהיים. ווידוווילט קומט צום גערעטעטן מלך, ער ווערט אויפֿגענומען מיט גרויס פּאַראַד, ער שווייגט אָבער און ענטפֿערט ניט קיין וואָרט. ער לאָזט אויך ניט אַרויסנעמען דעם שפּיז, ביז ס׳נעמט אים אַרויס איין טאָג מיט אַ רמאות דעם מלכס טאָכטער. דער

דער מלך איז מכריז און מודיע, אז אינקורצען וועט פארקומען די חתונה פון ווידוווילטן מיט זיין טאכטער. פון אלע לענדער קומען מלכים און ריטער. ס'קומט לאָרעל מיט איר מוטער און ענדלעך אויסגעלייזטן פאטער, ס'קומט דער קיניג ארטיש און גאַביין, ס'קומט ווידווילטס מוטער און איר פאטער. דריי טעג רעדט לאָרעל צו ווידווילטן, ער ענטפערט איר אבער ניט. ערשט אויף דעם פערטן טאג הייבט ער אן צו רעדן. אלגעמיינע שמחה און אלגעמיינע פאראייניקונג. גאַביין געפינט ענדלעך זיין פרוי, ווידווילטס מוטער. ס'ווערט געפראוועט די חתונה פון ווידווילטן און לאָרעל. דעם אנדערן מלכס טאכטער באַקומט אלס מאן „דען גרויש הערצוג פון טושקנא“.

8. דער יידישער ארטור־ראמן און „וויגאַלויא“.

I. דער כאראקטער פון „וויגאַלויא“.

וויגאלוא איז א טיפישער ריטערלעכער ראמאן, אן אזויגערופענער הויפריטער ראמאן. ער איז פארפאסט געווארן פון א ייגגן מענטשן, מיט א נאך גאאיוועה טעכניק, וואס איז, ווי געזאגט, געשטאנען אונטער הארט־מאנס און וואלפראמס השפעה. ווירנט באזיצט ניט דאס שטרעבן פון די דער־מאנטע מחברים צו פארטיפן דעם שטאף, אריינברענגענדיק קאנפליקט־עלעמענטן אין דער נשמה פונם העלד. — ס'רוב זיינען דאס די מאמענטן פון קאמף צווישן ליבע און דעם ריטערלעכן חוב. די דאזיקע קאנפליקט־שטאפן פעלן אין „וויגאַלויא“. מיר האבן צו טאן מיט א ריטער פון איין גוס, וואס לעבט ניט איבער קיין שום ספיקות, גייט צום ציל, אייננעמענדיק איין באריערע נאך דער אנדערער. בלויז אין אנהייב פון ראמאן באגעגנען מיר אן עכטען ארטוס־מאטיוו: דעם מאטיוו פון גאביינען, וואס פארלאזט זיין פרוי קעגן איר ווילן און קען זי שוין ניט צוריקגעפינען. ער ווערט אבער אויך עפיזאדיש פונאנדערגע־ארבעט, אן א טראגישער פארטיפונג.

ערשט אין דעם יידישן ארטור־ראמאן געפינען מיר ווידער צום סוף דעם מאטיוו פון שפיז, וואס ווערט ארויסגענומען ניט דורך דער געליבטער לארעל, נאר דורך אן אנדער פרוי, וואס באקומט צוליבדעם פרעטענזיעס אויף ווידווילטן. דער דאזיקער מאטיוו, וואס דייט אן א קאנפליקט פון א מאן, וואס געפינט זיך אין דער שליטה פון צוויי פרויען, ווערט אבער אזוי מטושטש פונאנדערגעארבעט, אז אלץ בלייבט בלויז ביים אנדייטן: ס'איז מעכאניש

איליק און ניט דערטראכט איבערגעזומען פון אן אנדערן ראמאן.

ניט אריינדרינגענדיק אלזא אין דער טיף, פארלייגט זיך ווירנט פון גראווענבערג אויף די אויסערליכע מאמענטן פון דער אקציע, וועלכע איז ביי אים פארפלאנטערט און פאנטאסטיש, און פול מיט ניט רעאלע געשטאלטן, כישוף ריזן, קארליקעס, לינדווורמען, פארצויבערטע חיות, מכשפות א. א. וו. דער צווייטער שטריך פון זיין ווערק זיינען באשרייבונגען, ער באשרייבט געשייענישן, סצענעס, מענטשן, קליידער פארביק און מיט פלערליי פרטים און דעטאלן. דער דריטער כאראקטעריסטישער שטריך פונם „וויגאלויא" איז זיין ריטערליכע און רעליגיעזע מאראליסטיק; אויף שריט און טריט גיט דער מחבר אנווייזונגען, ווי דארף זיך א ריטער, אן איידעלפרוי פירן אין די פארשיידנסטע פאלן, און ער קאמענטירט אין מוסר-סטראפן און צווזאצן דעם גאנג פון דער אקציע. ס'פעלן אבער אויך ניט קריסטלעך-פרומע באטראכטונגען, און ניסים, וואס קומען אלס רעזולטאט פון דעם העלדס תפילה און גאטס גענאד. דער צויבער פון ווירנטס ראמאן באשטייט טאקע אין דעם אויסמישן זיך פון לירישע און עפישע, אביעקטיווע און סוביעקטיווע דיכטערישע עלעמענטן.

II. אייניקע דיפערענצן אין דער פאבולע.

מיר וועלן איצט פארצייכענען אייניקע דיפערענצן אין דער פאבולע פון ווירנטס ראמאן און דער יידישער באארבעטונג.

1) וויג.*)—מיט דעם פרעמדן ריטער קעמפן פארשיידענע ריטער פון דעם קיילעכדיקן טיש, זיי ווערן אבער אלע פון אים באזיגט, דאן ערשט גייט ארויס קעמפן גאביין. ייד.**)—באלד נאכן אפזאג גייט ארויס קעמפן גאביין.

2) ייד.—פאר גאביינס אפפאר פרעגט אים זיין פרוי, ווי זאל הייסן דאס קינד, וואס זי וועט געבוירן. ער ענטפערט „ווי דו ווילסט", און אזוי אנטשטייט דער נאמען פון דעם הויפטהעלד.—וויג.—פעלט דער גאנצער עפיזאד. ערשט נאכן אנקומען פון דעם יינגל אויף דעם ארטור-הויף דערוויסן מיר זיך, אז ער הייסט „וויגאלוא".

3) ייד.—ווידווילט ווייסט, אז גאביין פון דעם ארטור-הויף איז זיין פאטער, און ער אנטפלעקט עס גאביינען פאר זיין אפפארן מיט דער מיידל אויף זיין גרויסע אוואנטיורן-רייזע.—וויג.—ווידווילט דערוויסט זיך, אז גאביין איז זיין פאטער, ערשט פון דעם פארצויבערטן מלך-הירש.

---

*) וויג.—באטייט ווירנטס „וויגאלוא".

**) ייד.—באטייט: דער יידישער ארטור-ראמאן.

4) ייד.—די געקומענע מיידל דערציילט אויפן ארטור־הויף געוויער פון א שדים־משפחה, וואס האט פארצויבערט איר הארס מלוכה. די ריטער ארטוסנס זאגן זיך אפ צו קעמפן מיט א גיטמענשלעכער קראפט, בלויז איין ווידוווילט גייט שיצן דעם כבוד פון דעם ארטור־הויף.—וויג.—די מיידל זאגט אן בלויז קורץ א גרויסע און געפערלעכע אוואנטיורע, און באלד רופט זיך ארויס ווידוווילט מיט א ביטע צו דערלויבן אים פארן.

5) וויג.—נאך פאר דער באגעגניש מיטן הינטל האט ווידוווילט צוויי נצחונדיקע קאמפן מיט א ריטער, דאן מיט צוויי ריזן, וואס זיינען באפאלן א יונג מיידל. ביידע עפּיזאָדן פעלן אין דער יידישער ווערסיע, און ווידווילטס איינלייטונגס־אוואנטיורעס הייבן זיך אָן גלייך מיטן הינטל־עפּיזאָד.

6) נאך די איינלייטונגס־אוואנטיורעס קומט דאס מיידל צו דער איבערצייגונג, אז וויגאלוא איז גענוג שטארק, בכדי צו ווערן דער רעטער פון איר הארין. זי דערציילט דאן אונדזער העלד דעם ציל פון זייער רייזע: א מעכטיקער הייד, א געוויסער ראַאָס פון גלוא, האט פארקויפט זיין נשמה דעם שד, און מיט זיין הילף איז אים געלונגען צוערשט צו געווינען דעם צוטרוי פון לאַרעלס פאטער, דעם מלך פון קאָרענטין, בכדי אים שפעטער צו דערהארגענען און פארכאפן זיין מלכות. דאן איז די אלמנה מיט איר קליין טעכטערל אוועק אויף איר שלאס אין ראַאַמונט, און געווארט, ביז איר טאכטער וועט רייף ווערן. זי האט געמלעך באשלאסן זי חתונה צו מאכן בלויז פאר יענעם ריטער, וואס וועט באזיגן דעם הייד און צוריקבאַקומען דאס מלכות. דאס מיידל דערציילט אויך ווידווילטן די געשיכטע פון דער פארצויבערטער חיה, וואס קומט יעדן טאג צולויפן צום שלאס.—אזויפיל אין דעם „וויגאַלואַ". אין דער יידישער ווערסיע א גאנץ אנדערע קאָנסטרוקציע, א מער פאַנטאַסטישע. מיר וועלן צו דעם פונקט שפעטער נאך צוריקקומען.

7) וויג.—פארן אָפּפאָרן הערט אויס וויגאַלואַ א מעסע.—ייד.—נאטירלעך פעלט.

8) וויג.—איז קירצער אין דעם עפּיזאד מיט דעם פארכישופטן מלך־הירש, וועלכער דערציילט אויף איין מאל ווידווילטן דעם גאנג פון זיינע קאמפן. דער יידישער מחבר האט עס צעלייגט אויף דריי סצענעס.

9) וויג.—דעם גארטל, וועלכן ס'גאנבענען צו די פישערס, באקומט שוין ניט וויגאַלואַ צוריק. מן־הסתם, טוט עס ווירנט בכיוון, בכדי ער זאל קעמפן אין גלייכע באדינגונגען מיט זיין הויפּטשונא ראַאָס, און ניט זיגן מיט דער

הילף פון דעם וואונדערבארן גארטל, אין דער יידישער ווערסיע באקומט ווידווילט צוריק זיין גארטל.

10) וויגאלוא טויפט די פרויען פון ראאסנס שלאס, פעלט נאטירלעך אין דעם יידישן טעקסט.

11) דער גאנצער עפיזאד מיט דעם שפיז, וואס בלייבט שטעקן אין ווידווילטס אקסל, און זיין נדר צו שווייגן, אויף די מעשה מיט דעם צווייטן מלכס טאכטער, מיט וועלכער מען וויל אים משדך זיין, פעלט לגמרי אין אין דעם „וויגאלוא".

12) אפער שוין נאך דער גליקלעכער חתונה פון אונדזערע העלדן ווערט אין „וויגאלוא" צוגעטשעפעט אן עפיזאד מיט א קאמף קעגן דעם פירשט ליאן—דערדאזיקער עפיזאד פעלט לגמרי אין דער יידישער באארבעטונג.

III. אויספירן.

די דיפערענצן אין דער פאבולע פון „וויגאלוא" און דער יידישער ווערסיע קאנען אין אלגעמיין צוטיילט ווערן אויף צוויי גרויסע גרופן: השמטות און פארקירצונגען פון איין זייט, און הוספות פון דער אנדערער זייט. צו די השמטות געהערן צ. ב. די פארצייכנטע פונקטן: 1, 3, 4, 5, 7, 10, 12. מיר באגעגנען דא א דערשיינונג, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר אלע מער אריגינעלע יידיש-טייטשע ראמאנען: די שטרעבונג צו פאראיינפאכן די אקציע, קאנצענטרירן זי און מאכן זי ווייניקער קאמפליצירט. דאן האט דער יידישער מחבר געמוזט באזייטיקן אלע עפיזאדן, וועלכע טראגן אן אויסגעשפראכענעם קריסטלעכן כאראקטער. דא געהערן צ. ב. די השמטות 7. 10.

א סאך וויכטיקער איז די גרופע פון צוגאבן, ווארום זי מאכט קלארער די אקטיוויטעט און זעלבשטענדיקייט פון דעם יידישן מחבר. צום וויכטיקסטן איז דא דער אינצידענט מיט דעם שפיז, וואס בלייבט שטעקן אין דעם אקסל פון ווידווילטן,—מיט וועלכן ס'בינדט זיך נאך א מאטיוו: ווידווילט מוז שטום בלייבן, ביז ס'וועלן אריבער 3 טעג נאך זיין באגעגניש מיט לארעל. ביידע מאטיוון זיינען כאראקטעריסטיש פאר דעם ציקל פון די ארטור-לעגענדן. דער שפיז-מאטיוו שפילט צ. ב. א גרויסע ראליע אין וואלפראמס „פארטיפאל". דעם מאטיוו פון דעם העלד אדער העלדין, וועמען ס'איז פארבאטן צו רעדן, טרעפן מיר אין הארטמאנס „ערעק" אין „פארסיפאל", אין „לאנצעלאט". איבעריקנס איז דער שטומען-מאטיוו פאראן אויך אין די „זיבן

ווייזן מיינשטער" (משלי סנדבר), וועלכע קורסירן (העברעיש) אויף דער יידי-
שער גאס שוין פון דעם 13 יארהונדערט אן, ס'איז אבער פאראן בלויז איין
ראמאן פון יענער צייט, ווו ביידע מאטיוון ווערן פארבונדן אויף אן ענלעכן
אופן: ס'איז דער מיטלהויכדייטשער ראמאן „ווילהעלם פון אָרלעאן" פון רו-
דאָלף פון עמס. דעמדאזיקן עפיזאד האט אלזא דער יידישער מחבר וואַרשיינ-
לעך געליען ביי רודאלף פון עמס.

און דאך האט דער יידישער מחבר דעמדאזיקן עפיזאד איבערגענומען ריין—מעכאניש און ניט באוויזן אים לאגיש פונאנדערצוארבעטן, אריינפאלנדיק אליין אין א סתירה: די אלטע מכשפה זאגט אן ווידווילטן, אז, בכדי ער זאל געזונט ווערן, טאר קיינער ניט ארויסנעמען דעם שפיז, א חוץ לארעל, ווארום צוליב לארעל שענקט זי אים דאס לעבן. דערביי מוז ער דריי טעג שטומען און ניט ענטפערן אויף לארעלס פראגן. דער ערשטער באדינג ווערט ניט דערפילט, ווארום די טאכטער פון דעם גערעטעטן מלך, און ניט לארעל, נעמט ארויס מיט ליסט דעם שפיז. ניטקוקנדיק דערויף זעען מיר ניט קיין שום ניטאנגענעמע פאלגן פארן העלד צוליב דעם ברוך פון זיין שבועה.—עס איז זייער מעגלעך, אז שוין צום סוף פון דעם ראמאן האט דעם יידישן מחבר פארגעשוועבט דער געדאנק ווידער צו פארפלאנטערן די אינטריגע, פארוויקלען דעם העלד אין נייע אוואנטיורעס, בפרט וואס ער געפינט זיך מיטאמאל צווישן צוויי פייערן, און צוויי פרויען פרעטענדירן אויף אים. דערנאך האט זיך דער מחבר אפגעזאגט פון זיין פלאן און פארענדיקט בכי-טוב דעם ראמאן, אויפן חשבון פון דער סתירהדיקער אנטוויקלונג פון דעם שפיז-מאטיוו.

ניטווייניקער מעכאניש און קאנסטרוקטיוו מינדערווערטיק איז דער צוויימאליקער דעביוט פון דער אלטער מכשפה, דער מוטער פון דעם שד, וואס געווינט אין דער יידישער ווערסיע גרויסע חשיבות. אין „וויגאלוא" געהערט דידאזיקע מכשפה צו די מכשולים, וועלכע ווידווילט מוז באזייטיקן אויף זיין וועג צו ראָאַסנס שלאס.

דא, אין דעם יידישן ארטור-ראמאן, איז זי שוין דעם מכשפס מוטער, וואס היט אים ווי דעם שווארצאפל פון אויג, כאטש אויך ער, דער שד, איז ניט קיין מפילקינד. אין „וויגאלוא" דערשיינט זי איינמאל, אין וואלד, דאן פארשווינדט זי פון דער ארענע און מער הערן מיר ניט פון איר. אין דער יידישער ווערסיע מוז ווידווילט צוויימאל מיט איר קעמפן, און ביידע מאל אן דערפאלג. ער ווערט ווידער ריין צופעליק געראטעוועט פון א זיכערן טויט.

צוליבדעם קומט אויך אויס קינסטלעך דער קאמף מיטן זונדל, מיטן שד. לויט דער קאנסטרוקציע האט עס געדארפט זיין דער הויפטקאמף, אין דער יידישער ווערסיע איז עס א צווייטראנגיקער עפיזאד.

עס בלייבט נאך מאכן אויפמערקזאם אויף דעם נאמען פון דעם הויפט-העלד; די יידישע ווערסיע האט געענדערט זיין נאמען פון „וויגאלוא“ אויף ווידוווילט (אין דער סטאנסן-ווערסיע אפילו: „וויא דו ווילשט“), און צו-געטראכט צום נאמען א טעם - ס׳קאן זיין, בכדי אויסצוגעבן דעם ראמאן פאר אן אריגינאל-ווערק.

IV. דער מחבר פון דער יידישער ווערסיע.

דער מחבר פון דעם יידישן ארטור-ראמאן, ווי לאנדוי שטעלט פעסט, איז געווען א יידישער שפילמאן, א פראפעסיאנעלער פאלקסזינגער. באווייזן דערפאר שטעלן צו הויפטזעכלעך די האמבורגער כתב-ידן, וועלכע טראגן בולט דעם כאראקטער פון רעציטאציע-שטיק, בעת דער וואגענזייל-טעקסט איז שוין גיכער א פאלקס-בוך, און די לעבעדיקע, כסדר וועגן זיך דערמאנענדיקע און מאנענדיקע שטים פון דעם זינגער איז שוין פון דעם טעקסט כמעט ווי פארשוואונדן. די האמבורגער כתב-ידן זיינען פול מיט איבערחזערונגען (ריימען, שורות גאנצע - דער שפילמאן כאפט אטעם פאר דער ווייטערדיקער דערציילונג), ווענדונגען צום פובליקום, פאררופונגען אויף עפעס א בוך („דאָש טוט אונש דאָש בוך ביקנט“), אדער גאר אויף א שפילמאן מסורה („אז מיר עש ור נומן הון“), פארזיכערונגען אין דער ווארהאפטיקייט פון די דערציילטע געשייענישן, בקשות זיך שטיל צו פארהאלטן (וועלט איר נון שטיל גידאגן“), און אין איין ארט קומט אפילו אזא מין כאראקטעריסטיש אינטערמעצאָ: אין א מא-מענט, ווען די צוהערער זיינען גאר שטארק פאראינטערעסירט ווארום ווידווילט ווערט פון דער מכשפה ארייננעטריבן אין א צושפאלטענעם בוים, אזוי, אז ער קאן זיך ניט רירן, נוצט עס אויס דער קלוגער שפילמאן פאר א מין שטרייק: ער וויל ווייטער ניט דערציילן, ביז מען וועט אים ניט געבן א פולן גלאז וויין.

נוך מוש ווידווילט אזו לאנג גיפאנגן זיין,
ביש איר מיר גיבט צו טרינקן גוטן וויין.
דו וויל איך אים העלפן וואָל.
שענקט איר מיר אנדערש איין גרוש גלאז בול. (פאָל. מ. ע.)

(כתב יד 288, בלאט 58א).

מיט דער הילף פון א שפראכלעכן אנאליז שטעלט לאנדוי פעסט, אז

דער מחבר פון דעם יידישן ארטור-ראמאן האט געמוזט שטאמען פון דעם רייניש-פראנקישן געביט, אן ערך ארום מיינץ, פראנקפורט אדער ווארמס. פון דעם פריער געזאגטן איז קלאר, אז דער יידישער שפילמאן איז געווען גוט באהאווונט אין דער דעמאלטיקער דייטשער ראמאנטישער ליטעראטור, בפרט אין די ארטור-ראמאנען.

V, דער כאראקטער פון דער יידישער ווערסיע.

דער יידישער שפילמאן האט געהאט פאר זיך ווארשיינלעך א כתב-יד פון ווירנטס ראמאן; איניקע בשותפותדיקע און כמעט אידענטישע ווענדונגען, וועלכע קומען פאר אויבן גאנצן שטח פון ראמאן, באווייזן, אז ער האט דעם „וויגאלוא" געקאנט ניט נאר פון געהער, נאר אויך בכתב. פון דער אנדערער זייט, זיינע באדייטנדיקסטע ווראיאציעס הויבן זיך אן ערשט סוף ראמאן,— אפשר איז זיין ווירנט-כתב-יד געווען צום סוף באשעדיקט, און ער האט געמוזט דעם דעפעקט אויספילן מיט זיין אייגענער פאנטאזיע.—ער האט זיין ראמאן געשריבן אין דער ספעציפישער פאעטישער פארם פון דעם 14 יאר-הונדערט, אין ריים-פארן. דאך פילט זיך פון צייט צו צייט אין דעם יידישן ראמאן דער איינפלוס פון די דריי-ריימען, מיט וועלכע ווירנט פארענדיקט תמיד יעדע סטראפע, און מיר טרעפן—אין די האמבורגער כתב-ידן,—שריידים פון אזעלכע דריי-ריימען, כאטש אינמיטן און ניט אפט.

ער האט געהאט פאר זיך א ראמאן, געשריבן דורך א יונגן, גאיון און באגייסטערטן ריטער. ווי האט ער, דער ייד, אפערירט מיט דעמדאזיקן, דעם געטא אזוי פרעמדן מאטעריאל? די ריין קריסטלעכע מאטיוון האט ער איינפאך אויסגעמיטן. ער האט אויך רויק באזייטיקט ווירנטס פאעטיש-לירישע און מאראליזירנדיקע סטראפן. גאר זעלטן פרוווט ער אריינשטעלן אן אלגעמיינע מוסר-ווענדונג. ער האט לחלוטים ניט געהאט קיין חשק יידישלעכער צו מאכן דעם טעקסט, צי דורך אויסדרוקן, צי דורך בילדער, סיטואציעס, וואס זאלן אנקניפן צום יידישן שטייגער—ווי דאס האט געטאן דער מחבר פון דעם בבא-בוך. די הויפט סיבה פאר אזא מין באציונג צו די צילן פון דעם אייגענעם ווערק דארף מען זוכן אין דער צייט: אליהו בחור לעבט כמעט צוויי יאר-הונדערטער שפעטער, ווען ס'איז שוין פארשוונדן דער טיפ פון דעם ריטער-ראמאן אלס א ציל פאר זיך, אלס א שאפונג, וואס גענוגט זיך אליין,—ווען ס'איז שוין פארשוונדן די אינעווייניקסטע אטמאספער פון א ריטערראמאן, און ס'האט שוין געמוזט קומען זיין גלגול אין א פאלקס-בוך, וואס באטראכט

שוין האלבגלויביק, האלבסקעפטיש די גבורות פון דעם העלד;—גלויביק אויף אזויפיל, אויף וויפיל ס׳איז נויטיק, בכדי מיטגעריסן צו ווערן פון דעם סיפור־המעשה, פארכאפט ווערן פון דער אינטריגע,—סקעפטיש אויף אזויפיל, אז ס׳בילדעט זיך אויס א בלויז, ס׳בלייבט פלאץ פאר יאוויאלן הומאר, פאר פיקאנטע אינטערמעצאס, פאר ווערטלזאגעריי און שטרענג רעאליסטישע עפיזאדן.—דער דאזיקער בלויז, דער פרייער פלאץ, וועלכן ס׳האט געשאפן דער ביטול פון די שפעטערדיקע דורות, איז נאך ניטא אין דעם יידישן ארטור־ראמאן. אינטערעסאנט איז דורכצופארשן, אויפן ביישפיל פון דעם ארטור־ראמאן, ביי דעם גאנצן קאנסערוואטיזם פון די יידישע ארויסגעבער און דרוקער, די עוואלוציע פון דעם רעציטירטן ראמאן צום פאלקסבוך. די דאזיקע עוואלוציע שטעלט פאר דער וואגענזייל־טעקסט: דאכט זיך, ס׳האט זיך גארניט געביטן, כמעט די זעלביקע אויסדרוקן, יוזל וויצנהויזן לאדט איין זיינע לעזער דעם ראמאן צו לעזן אדער רעציטירן, ס׳איז אבער שוין פארשוונדן דער שפילמאן, דער זינגער, וואס דערציילט פייערלעך אין חשובדיק וועגן דעם לעבן און קאמפן פון זיינע העלדן, אטא די פארשווונדענע פייערלעכקייט צייכנט אפ דעם אונטערגאנג פון דעם ריטערראמאן און זיין מגולגל ווערן אין א פאלקסבוך.

ביים קריסטלעכן ריטער־דיכטער בארוט די פייערלעכקייט אויף א וועלט־אנשויאונג, אויפן באוווסטזיין פון דער חשובער מיסיע, וואס ווערט דערפילט דורך דער ראמאן־רעציטאציע, זי איז אויך א ריטערלעכע טאט, די דאזיקע ראמאן־רעציטאציע, וואס האט זי געקאנט זיין ביי דעם יידישן שפילמאן, וועלכער האט זיך דאך ניט געקאנט שטיצן אויף דער דאזיקער באזע פון ריטערלעכן וועלטבאנעמען? זי האט געמוזט ווערן א מין ווערטער־מאסקע, ווערטערמימע, א ריין טעכניש מיטל.

דער יידישער שפילמאן האט ניט געהאט קיין חוש פארן ריטערטום, פאר זיינע מנהגים, פאר זיינע סובטיליטעטן, וועלכע ער האט געמוזט אויפגנעמען אויסערלעך, מעכאניש, ביי ווירנטן, דעם ריטער,—באגעגנען מיר אזא מין סובטיליטעט, אז פאר דעם, ווי וויגאלוא גייט קעמפן זיין הויפטשלאכט מיטן ריטער ראאס, ווערט צוגעגאנבעט און פארפאלן זיין כישופדיקער גארטל; ס׳איז א ריטערלעכע פיינקייט: ס׳האנדלט זיך וועגן דעם, אז ווידוווילט זאל אין גלייכע באדינגונגען באזיגן דעם הויפטשונא. דער יידישער שפילמאן האט די דאזיקע סובטיליטעט ניט פארשטאנען, און ווידווילט באקומט צוריק זיין

גארטל.—אן אנדער ביישפיל: גאַבײַן איז טאקע דער שולדיקער אין דעם סיכסוך מיט דעם פרעמדן ריטער, לויט זיין עצה האט מען ניט צוגענומען די מתנה.—דאך שטעלן זיך איין ביי ווירגנט סאָלידאַריש אלע זיינע חברים, און דער פרעמדער ריטער קעמפט צוערשט מיט גאַביינס חברים, און, ערשט ווען זיי ווערן באזיגט,—מיט גאַביינען. ביים יידישן שפילמאן ווילן ניט די ארטור-ריטער קעמפן פאר גאַביינען, זיי טענהן, אז גאַביין דארף אליין טראגן די פאַראַנטווארטלעכקייט פאר די פאלגן פון זיין עצה.-אין דעם יידישן טעקסט, ווען דאס מיידל קומט אויף דעם ארטור-הויף בעטן הילף, זאגן זיך אפ די ריטער, ווארום זיי האבן מורא פאר שדים. ביי ווירנטן רופט זיך באלד ארויס ווידוווילט צום קאמף, און לאזט שוין ניט אנדערע קומען צום ווארט.

אויב דער יידישער ארטור-ראמאן קאן צוליב פארשטענדלעכע סיבות ניט אטעמען מיט יענער עקזאלטירטער לופט, וואס איז דער הויפטצויבער פון ווירנטס ראמאן,—דאן האט שוין דער יידישער ראמאן געמוזט לכתחילה זיין פארמשפט צו בלייבן בלויז א מעשה, אן אינטריגן-ווערק, ווו דער פלאנטער איז שוין אלץ און פילט שוין אלץ אויס און לאזט שוין ניט איבער קיין פלאץ פאר אנדערע מאמענטן. דאס ריטערטום איז שוין א פאנטאסטיק-אָביעקט, די העלדן—הילצערנע אינטריגע-מאַנעקינען. דער לירישער עלעמענט פון ווירנטס ראמאן איז פארשוואונדן,—צוזאמען מיט זיין סביבה. ס'איז פארשוואונדן, מן-הסתם צוליב טעכנישע טעמים, ווירנטס פארביקע, דאך זייער דעטאליזירטע באשרייבונג. דער פארשווונדענער סוביעקטיווער עלעמענט איז ווי אוועק צו פארשטארקן די פאנטאסטיק פונם ראמאן. אויב „וויגאַלואַ" איז גענוג פאנטא-סטיש, איז אין דעם יידישן טעקסט די פאנטאסטיק דערהויבן געווארן צום קוואדראט. ביי ווירנטן איז דער הויפטשונא ראָאַס א ריטער, אמת, א הייד, וואס באנוצט זיך נאך דערצו מיט דער הילף פון דעם שד,—דאך א ריטער, א רעאלער מענטש, וואס קעמפט מיט ווידווילטן לויט אלע כללים פון דעם ריטערלעכן קאדעקס. די פרוי פון דעם הייד, און איר ליבע צו דעם מאן, שילדערט ווירנט אין ווארימע און סימפאטיזירנדיקע שטריכן. ער באדויערט אפילו, וואס זי האט זיך ניט געטויפט פארן טויט, און שמוגלט אדורך, בכדי מלמד זכות זיין אויף איר, א פאר טענות פון איר צו מאַהאָמעטן. אנדערש אין אונדזער טעקסט: דער הויפטשונא איז שוין דא ניט א ריטער, נאר דער שד גופא, געמלעך די אלטע שדיכע און איר זון, דער ריז לוציפער.-ביי ווירנטן האנדלט לאָרעלס מוטער זייער פראקטיש: אז מען האט אוועקגערויבט

איר מלכות, פארט זי אפ אין א שלאס און ווארט, ביז איר טאכטער וועט רייף ווערן בכדי צוריקצובאקומען דורכן חתן דאס פארלוירענע מלכות. אין דעם יידישן טעקסט לעבט זי עלנט, שיר ניט געפאנגען, מיט איר טאכטער און א פאר געציילטע משרתים. אפילו רעאליסטישע מאמענטן זיינען אלזא אין דעם יידישן טעקסט פאנטאסטיש אויסגעלייגט געווארן.

וואס איז אלזא דער יידישער ארטור-ראמאן? אונדז איז ניט באקאנט די סטאנסן-ווערסיע, און גראד זיינען מיר חושד, אז זי איז אין א סאך פרטים אינטערעסאנטער פון דער ריימפארן-ווערסיע, און אז אויך איר עסטע־טישער ווערט איז א סאך העכער. דאס, וואס איז אונדז באקאנט,—דער על־טערער נוסח פון דעם האמבורגער כתב-יד און דער ייגגערער וואגענזייל-נוסח,— איז א ריטערראמאן אן ריטער און אן ריטערלעכקייט, א ראמאן, וואס שלאגט אויפן פלאנטער פון דער אינטריגע, און בלייבט דאך שטארק מאנאטאן. בפרט מאכט א שווערן איינדרוק דער וואגענזייל-נוסח, וואס איז א מומיע פון אנ׳אמאל לעבעדיקן ראמאן, אן וועלכן ס׳איז פרווו אים צו גאלוואניזירן, א ריטערלעכער ראמאן, וואס האט ניט באוויזן דורכצווועבן זיך מיט רעאלע, פריילעכערע אלטאגספארבן.

מען דארף מלמד זכות זיין אויפן יידישן ארטור-ראמאן, אז ער איז פריי פון וועלכע ס׳איז טריוויאלע המצאות, פיקאנטע עפיזאדן, דראסטישע סצענעס— ער געהערט אפשר צו די אנשטענדיקסטע פאלקסביכער פון דער אלט-יידי־שער ליטעראטור.

ליטעראטור:

שטיינשניידער—נר. 266, 420. אין קאטאלאג פון די האמבורגער העברעישע האנטשריפטען:

אין אלגעמיין שטיצט זיך די איצטיקע אפהאנדלונג אויפן ווערק:

D. L. Landau, Arthurian Legends or the Hebrew-German Rhymed Version of the Legend of King Arthur,

Leipzig, 1912, „Teutonia“, Arbeiten zur Germanishcen Philologie, 21 Heft.—

דארט איז אויך אנגעגעבן די איבעריקע ליטעראטור.

זע אויך מ. ווײנרײכס קורצע רעצענזיע וועגן לאנדויס אויסגאבע: „שטאפלען“, ז. 42, 48.

אויסצוגן פון דעם יידישן
ארטור־ראמאן.

א) דער עפיזאד מיט דעם מיידל, וועמען מען האט צוגערויבט אירע דריי מתנות פון דעם שיינקייטס־קאנקורס.

(לויט די ביידע האמבורגער כתב־ידן).

A.

כתב־יד האמבורג נר. 289 (שטיינ־שניידער 288) בלאט 22ב — 26 א.

דא ריטן זי אבר ווייטר דר בור.
דר גוך זאכן זי אין דש וועלד היניין.
דו זאך זי רייטן איין שוינֵי מייד.
איר פפערד טעט ניט אנדערש וועך
[לאפן.
אונ׳ זי טעט ניט אנדרש ווען זיך
[שלאגן אונ׳ ראפן.[61]
בור וואר זאג איך אויך דש.
איר (האר[62] ווש קלור אז דש גולד.
דש ראפטו זי אויז מיט גרים.
אונ׳ שריא מיט לויטר שטים.
קיינר שוינֵי וראווי וואר ניא גיבורן.
זי שריא וויא ווש איך הון ור לורן.
דו עש ווידוּוילט דר זאך.
גון הורט וויא ער צו זיינר יונק וראווי
[שפראך.
ליבי יונקי וראווי פיין.
לנשט אונש רייטן צו ייענר וראווי
אונ׳ לושט אונש זעהן ווש איר טוט
[גיברעכן.
אוב איך אירש קונט אויש ריכטן.
זי שפרך דש ניט מיר ניט אן.

B.

כתב־יד האמבורג נר. 255 (שטיינ־שניידער 327) בלאט 111ב—108ב.

דא טעטן זיא אָבר ווייטר רייטן.
דא זאכן זיא רייטן איין שוינֵי מייד
[פון ווייטן.
איר פפערד דש טעט ניט אנדרש
[ווען לויפן.
אונ׳ זיא טעט ניט אנדרש ווען זיך
[שלאגן אונ רויפן.
ור וואר זאג איך אייך דש.
איר האר קלָאר אז דש גולד וואש.
דש רויפט זי אויש מיט גרים.
אונ׳ שריא מיט לויטר שטים.
קיין שוינר ורויא וואר ניא גיבורן.
זיא שריא וויא וואש איך האב ור לורן.
דא עש ווידווילט זאך.
נוא הורט וויא ער צו זיין יונג
[ורויא שפראך.
ליבי יונגי ורוי אלאשט אונש רייטן
[צו ייענר ורויא אונ׳ זעהן.
וואש איר איז גישעהן.
אוב איך איר עש קענט אויש ריכטן.
[אז איין מאן.
זיא שפראך דש ניט מיר ניט אן.

A.

וועֶר ווײל הוט אויש צו ריכטן.
דעֶר זול ורויא[63] אויף שטין.
עֶר שפּרך דו וואָרטעֶט מײנר אײן
[קלײנֵי ווײל.
אונ׳ לושט מיך ביזעהן ווש דו גיבריכט
[די שון מײד.
זי שפּרך איך ווײש נימנץ צו בײטן.[64]
איך ווײל מײן שטרוס רײטן.
עֶר שפּרך איך ווײל די שון מײד ניט
[לושן טויטן בור לײד.
איך ווײל דאהר רײטן.
אונג ווײל זעהן וועֶר איר הוט גיטון דש לײד.
לײט (לײכט)[65] הוילף איך איר ווידר
[אויף איר בײן.
דו עֶר נון קאם צו איר.
דו שפּרך עֶר וועֶר הוט דיר גיטון דש לײד.
מיך דר באַרמט זעֶר דײנֵי פּײן.
דש ריד איך אויף די טרויאן מײן.
דיא יונק ורווי שפּרך ליבר ריטר מײן.
דש איר מושט אוימיר[66] זעליק זײן.
איר קענט מירש לײדר ניט רעכין,[67]
נוך מיט הובירן[68] נוך מיט שטעכן.
ווען מיר זײן לײדר אַלײן צו שוואך דיזן מן.
דעֶר מיר דז לײד הוט גיטון.
עֶר שפּרך אויעֶר לײד זולט איר מיר זגן.
אונ׳ זולט מיר נישט בור זגן.
ועֶר ווײש וויא שוואך איך זײא.
איך הוילף אויך אויף די טרויאן מײן.
זיא שפּרך איר זײט אײן הויפשר יונגר מן.
אז איך ניא גיזעהן הון.
דרום ווײל איך אויך מײן קומר זגן.
אונ׳ ווײל אויך קאגלין[69] קלאגן.
מײן קויניגרײך אישט אל היא.

B.

וועֶר ויל האט אויש צו ריכטן אונ׳
[אן ויל אורירטר ווײל גין.
דעֶר זאל ורײא אויף שטין.
עֶר שפּרך דא וואָרטעט מײנר אײן
[קלײנֵי ווײל.
אונ׳ כוט ניט רײטן אזו אין גרושר אײל.
זיא שפּרך איך ווײש נימנץ צו בײטן.
איך ווײל מײן שטראס רײטן.
עֶר שפּראך איך ווײל דיא שוין מײד.
[ניט לושן טויטן זר לײד.
איך ווײל דאהר רײטן.
אונ׳ ווײל זעהן מיט ועם זי טוט
[שטרײטן.
לײכט הוילף איך איר אויש איר פּײן.
דא עֶר קאם צו דעֶר מײד דיא שוין
[אונ׳ דיא ווײן.
דא שפּראך עֶר צו איר.
וועֶר האט גיטאן דאס לײד דיר.
מיך דר ברמט זיר דײנֵי פּײן.
דש ריד איך אויף דיא טריי מײן.
די יונג ורויא שפּראך. ליבר ריטר מײן.
דז איר מושט זעליג אימר זײן.
איר קענט מירש לײדר ניט רעכן.
נאך מיט הובירן נאך מיט שטעכן.
ווען מיר זײן לײדר אַלײן צו שוואך.
[דיזן מאן.
דעֶר מיר דש לײד האט גיטאן.
עֶר שפּראך אײעֶר לײד זאלט איר
[מיר קלאגן.
אונ׳ זאלט מיר נישט ור זאגן...
וועֶר ווײש וויא שוואך איך זײא.
איך הוילף אײך אויף די טרויאן ורײא.

A.

דו וויל איך אויך זגן וויא.

אונ׳ אזו איז דש רעכט בון דיזר שטט.

אין דער שטט זיין וויל הויפשי יונק
[וראווי.

אונ׳ וועלכי דיא שוינישט איז דו גאב
מן גוב[70] דרייא.

איין שין פפערד.

דש איז וואל טויזנט גוילדן ווערט.

אונ׳ אך איין בויגיל דער איז זיין
[גלייכן ניט.

ער קיין אך וואל רידן.

אונ׳ אך דער צו איין הויפש בויגיל
[הויש דז ווש אייטיל גולד.

דו גירעט[71] מן אלש ווער די הויפשט איז.

אזו הוט מיך גוט[72] דו מיט גיערט.

אונ׳ ער הוט מיר די גרוש הולד[73] ביוורט.

דרום איך וואר די שון אליין.

דו האלף עש מיר גר קליין.

דש מן מיר גאב דיא דרייא גוב.

אונ׳ איך וואלט ווידר היים ציהן מיט
[מיינם היר.

דו קאם איין ריטר איין בויז וויכט.

דער מיר הוט גיטון דש גישיכט.

אונ׳ער נאם מיר די דרייא גוב.

דרום בין איך ווידן ורייא.

ווען ער הוט איין טוכטר איין שוינ׳ מייד.

די מיינט ער זי זולט די שוינשט זיין.

דו זי ניט ווייש עש טעט אים זער צורן.

דרום הון איך לידר מיין ור לורן.

מיט גיוואלט ער מירש נאם.

קאם איז מיין פאטר מיט זיינם היר
אנטרונן.

B.

זיא שפראך איר זייט איין היפשר
[יונגר מן.

אז איך ניא גיזעהן האן.

דרום וויל איך אייך מיין קומר זאגן.

אונ׳ וויל אייך קלעגלין קלאגן.

מיין קיניגרייך איז אלהיא.

דש וויל איך אייך זאגן וויא.

אונ׳ אזו איז אין דער שטאט איין
[רעכט ור יארן.

יונגי אידלי ורויאן גיבורן.

וועלכי די שוינשט איז דא גאב מן
[גאב דרייא.

עש זייא ווער עש זייא.

איין שוין פפערד.

דש איז וואל טויזנט גילדן ווערט.

אונ׳ אויך איין פוגל דער איז זיין
[גלייכן ניט.

ער קאן אויך וואול רידן ווען עש
[שוין ניט איז דער זיט.

אונ׳ אויך איין הויפש פוגל הויז דש
[וואז אויש אייטל גאלד דר צו.

דש גרעט מן גאב ווער דיא הויפשט
[וואש נוא.

אזו האט מיך גאט דא מיט גיערט.

אונ׳ ער האט מיר דיא גרוש הולד
[ביוערט.

דרום איך וואר דיא שוין אליין.

דאך האלף עש מיר גר קליין.

דז מן מיר גאב די דריי גוב.

אונ׳ איך וואלט ווידר היים ציהן מיט
[מיינס היר דרום דז איך הט דיזי לוב.

דא קאם איין ריטר איין בויז וויכט.

A.

ער וואלט איין אך האבן דר שלאגן,
העט ער איין נויערט קוינן דר יאגן,
מיין פאטער איז איין אורמור ריטר איין בידר מן.74

ייענער בוב איז אים צו מעכטיק,
דרום מוש איך דש מיין ור לירן,
דרום וויל איך מיך טויטן ור לייד.
אל היא אויף דיזר הייט.75
דער יונג מן שפרך איר זולט מיר באלד בור ייצהן.76

וואו איז דש גישעהן,
זי שפרך עש איז קאם צווייא צייט,
צוואר דער בויז וויכט איז ניט וויית,
ער איז מיט זיינם הער קאם צוואו מיילן,
ער שפרך דו לושט מיך באלד איילן,
ער מוש אויך דש אויער ווידר געבן,
אודר ער מוש מיר נעמן מיין לעבן,
דו איילטן זי באלד זער,
ביש זיווארן אן זיבטיק דו הער,
אונטר דעם הער ריט ער מיט גיוואלט,
ער שפרך נון זגט מיר באלד,
ווער דער הער אונטר אויך איז,
דו שפרך אייגר צו דעם אנדרן איין הלט ער אונזניק איז,

ער איז איין יונגר שטולצר מן,
ווש מג אים אונזר הער האבן גיטון,
מן וויז אים דען הערן,
דו נייגט זיך צימליך דער יונג מן,
דער הער דען גאשט גר שון אנפפינג,
נון זג אן ווש דו ווילשט דו הויפשר יונג,
ער שפרך מיר איז ווארן בור ייצהן,

B.

דער מיר האט גיטאן דש גישיכט,
אונ׳ ער נאם מיר די גאב דרייא,
דרום בין איך ווארדן ורויידן ורייא,
ווען ער האט איין טוכטר איין שויני מייד,
דוא מיינט ער זיא זאלט דיא שויניסט זיין דש וואר אים לייד,
דא זיא ניט ווש עש מעט אים צארן,
דרום הון איך לייֹדר דש מיין ור לורן,
מיט גיוואלט ער מירש נאם,
קוים איז אבטרונן מיין ואטר מיט זיינם היר האם (קאם?)87,

ער וואלט אין אויך האבן דר שלאגן,
העט ער אין גייארט קענן דר ייאגן,
מיין ואטר איז איין ארמר ריטר איין מאן בידר,
ייענר בוב איז צו מעכטיג אים דר ווידר,

דרום מוז איך דש מיין ורלירן,
איך קאן מירש ניט שלאגן אויש מיין הירן,88

אלהי אויף דיזר הייד,
וויל איך מיך טויטן ור לייד,
דער יונג מאן שפראך איר זאלט מיר בלד ור ייעהן,

וואו איז דש גישעהן,
זיא שפראך עש איז קוים צווייא צייט,
דער ביז וויכט איז ניט וויית,
ער איז מיט זיינם היר קוים צוויי מיילן,
ער שפראך דא לושט מיך בלד איילן,
ער מוז אייך דש אייער ווידר געבן,
אודר ער מוש מיר נעמן דש לעבן,

A.

וויא אויך איז איין גרוש אונצוכטיג גישעהן,
וויא איר איין יונק וראווי הט בּיראבט,
צוואר איך העט עש ניט גיגלאבט,
העט איך דען ראב ניט בייא אויך גיזעהן,
דש מושט איר זעלברט ייעהן,
ער שפרך נון זג אן דו יונגר מן,
וש דיך דיא זאך גיט אן,
ער שפרך איין יונגר ריטר בּין איך,
אונ׳ איך הון מיר גינומן אין מיין זין,
וואו איך ריטר שאפט זיך[77] שענדן,
קיין איך דו וויל איך עש ווענדן,
זייט איר איין ריטר,
דו זולשט איר דש איר האבן גילושן,
ווען עש איין ריטר ניט וואל אן שטיט,
דז ער איין יינק וראווי בּיראבט,
דרום גיבט עש ווידר די שון מייד,
איר דרייאר לייא קליידר,
דז איר הוט טון בּישערן גוט,
דער ריטר לייכטיט אונ שפוטט ווידווילט,
ער שפרך דו יונגר נאר,
איך זאג דיר ור וואר,
בון וואנן קומשטו הער גיראנט,
אודר ווער הוט גוך דיר גיזאנט,
דש דו מיר אזו נערליך רידשט אן,
איך שון דיך דיינר יוגנט עש זולט
דיר דען נוימר גוט טון,[78]
ווידווילט ענטווערט אים גר גישווינד
איך וויל מיך דש אונטר ווינדן,[79]

B.

דא איילטן זיא זער,
בּיז זיא ווארן אן זיכטיג דש הער,
אונטר דש היר ריט ער מיט גיוואלט,
ער שפראך נוא זאגט מיר בּלד,
ווער איז אונטר אייך דער הער,
דא זאגט איינר צו דעם אנדרן איך
הלט ער איז אונזיניג דער,
ער איז איין יונגר שטולצר מאן מיט
אלן ערן,
מן וויז אים דען הערן,
אונ׳ דא ער אין זאך אן,
דא נייגט זיך גר צימליך דער יינג מאן,
דער הער דען גשט גר שין אנטפינג,
נוא זאג וויש דוא ווילשט דוא היפשר יונג,
ער שפראך מיר איז וואורן ור ייעהן,
וויא דא איז איין גרוש אונצוכט גישעהן,
וויא איר איין יינג ורויא האט בּירויבט,
צוואר העט עש ניט גיגלויבט,
העט איך דען ראב ניט בּייא אייך גיזעהן,
דש מושט איר זלבּרט ייעהן,
ער שפראך נוא זאג אן דוא יונגר מאן,
וואש דיך דיא זאך גיט אן,
ער שפראך איין יונגר ריטר איך בּין,
אונ איך האב מיר גינומן אין מיין זין,
וואו איך זיך ריטר שפט שענדן,
קאן איך דא וויל איך עש ווענדן,
זייט איר איין ריטר פון זעלכר מושן,
דא זאלט איר דש איר האבן גילושן,
ווען עש איין ריטר ניט שטיט וואול,
דזער איין יונג ורויא בּירובן זאל,
דרום געבט עש ווידר דער שוין מייד,

A.

איך וויל דז דו זולשט דער יונקי וראווי דז איר ווידר געבן,
אונ׳ קושט[80] עש מיך האלט[81] מיין לעבן.
איך וויל דיר בון דיינם האלז גיט רייטן,
אונ׳ זולט איך האלט מיט דיר שטרייטן.
דו בויזר ראבר[82] אונ וראווי שענדר.
דער ריטר ביגונד[83] זיך צו דר צוירנן,
ער שפרך צו דען יונג מן.
וויא גערן איך דיינר יוגנט גישונט הון.
דו הושט מיר אזו בויז צו גירעט.
דו ווערט דיר גוימר ווערן ור ייצהן.
דש וויל איך דיך בור וואר ייצהן.
ווידווילט שפרך איך וויל דיך אונ׳ דיין הערן בישטין.
אודר דו גיבשט דער יונק וראווי דש איר.
דער ריטר שפרך דש זול ניט זיין.
איך העט עש וואל אין מיין מוט.
דש איך דיך אין מיינר רוט.
זולט שלאגן,
ווידווילט שפרך איך וויל דיך לושן ווערן איבן.[84]
דש דו אין דער רוט אנטוואקשן בישט,
בירייט דיך צו ווילשטו גון מיט מיר שטרייטן.
ער שפרך דש זול זיין צו האנט.
זיין העלם ער אויף באנד.
ער היש זיין גיזינד[85] דו בלייבן,
אל וייט הינטר זיך וויכן.
דו ראנטן די צווין קלוגי מנן.
איינר דען אנדר אן.
אונ זי שלוגן זיך איך (!—איך) דער שטונדן.

B.

איר דרייאר לייא קלייד,
דש איר האט טון בישערן גאט,
דער ריטר לאכיט אונ שפאטט,
ער שפראך דוא יונגר נאר,
איך זאג דיר ור וואר,
פון וואנן קומשטו הער גיראנט,
אודר ווער האט נאך דיר גיזאנט,
דז דוא מיר אזו נערליך רידשט צו,
איך שון דיינר יוגנט עש זאלט דיר נוימר גויט טון נוא,
ווידווילט ענטוורט אים גר גישווינדן,
איך וויל מיר דש אונטר ווינדן,
איך וויל דז דוא זאלשט דער יונג ורויא דש איר ווידר געבן.
אונ׳ קושט עש מיך האלט מיין לעבן.
איך וויל דיר פון דיינם האלז ניט רייטן.
אונ׳ זולט איך האלט מיט דיר שטרייטן.
דוא בויזר שענדר אונ׳ ורויא רויבר.
דער ריטר ביגונד זיך צו דר צירנן אבר.
ער שפראך צו דעם יונגן מאן.
וויא גאר זיר איך דיין יוגנט זיך אן.
דו האשט מיר ביז צו גירעט זער.
דא איך אויך מיין אייד שווער.
דש ווערט דיר גימר ווערן איבר זעהן.
דש וויל איך דיך לאשן ור וואר ייעהן.
ווידווילט שפראך איך וויל דיך אונ׳ דיין הער בישטיין.
אודר דוא גיבשט דער יונג ורויא דש איר אונ׳ לושט זיא גיין.
דער ריטר שפראך דש זאל ניט זיין.
איך הב אויך גישט דז דיין.
איך העט עש וואול אין מיין מוט,

A.

מענכי טיפֿי וואונדן.

דער ריטער וואר אך גר איין שטארקר מן.

דוך קונט ער ניט בור ווידוויילט בישטין,

ער גאב אים איין שלאק.

דש ער אויף דער ערדן לאג,

דז ער ויל בון זיין פפערד.

זיין גיזינד עש זער ור דרוש.

זי טורשטן אים ניט העלפֿן.

אז ער אין ור בוטן הט.

אי ער מיט שטרייטן ביגאן.

דו שפראנג ווידוויילט דער יונג מן.

בון זיין פפערד אויף דער ערדן.

אויף הוב ער זיין שווערט אונ׳ ער וואלט אים נעמן זיין לעבן.

ער שפראך טוא מיר נישט איך וויל דיר ויל צו אויגן געבן,86

אונ׳ מאך מיך אונטר טון.

ווידוויילט שפראך דיין גוט איז מיר אונמער.

גילוב מיר נון באלד הער.

דש דו נון מיט ויר הונדרט מן.

רייטישט בון דאנן.

אונ׳ רייטשט אין קוניג ארטוז לנד.

אונ׳ טושט אים דיזי וערק ביקאנט.

וויא איך בין מיט דיר אום גאנגן׳

אונ׳ זייא דו די ווייל גיפאנגן.

ביש איך ווידר קום צו דיר.

דו זייא דו גיפאנגן מיר.

B.

דז איך דיך זאלט שלאגן מיט מיין רוט.

ווידוויילט שפראך איך וויל דיך לושן ווערן איגן,

דז דוא דער רוט זעלבש פישט גיוואקשן דינן,

בירייט זיך צו ווילשטו מיט מיר שטרייטן,

אונ׳ לוש דיין גיזינד בלייבן אויף איינר זייטן,

ער שפראך דש זאל זיין צו האנט.

זיין העלם ער אויף באנד.

ער ציש זיין גיזינד דו בלייבן.

איך וויל גין דען יונגן מאן אום טרייבן.

דא ראנטין דיא צווין מאן.

איינר דען אנדרן אן.

אונ׳ זיא שלוגן זיך צו דר שטונדן.

מענכי שרפֿי וואונדן.

דער ריטר וואר אויך איין שטרקר מאן.

דאך קונט ער ניט ור ווידוויילט בישטון.

ער גאב אים איין שלאק.

דז ער אויף דר ערדן לאג.

דז ער פיל פון זיין פפערד.

זיין גיזינד עש ניט גערן הערט.

זיא טורשטן אים ניט העלפֿן דר צו.

אז ער אין הט ור באטן גוא.

אי ער מיט אים שטריטן ביגאן.

דא שפראנג ווידוויילט דער יונג מאן.

פון זיין פפערד הב.

אונ׳ וואלט אים אפ שיידן זיין הייבט.

אונ׳ ער וואלט אים נעמן זיין לעבן.

ער שפראך טוא מיר נישט איך וויל דיר ויל צי אויגן געבן.

A.

אך זולשטו צום ערשטן דער יונג
[וראווי דז איר ווידר געבן.

ווילשט אנדרש ביהאלטן דיין לעבן,

ער שפרך דו יונגר הילד.

עש זייא אלש אן דיך גישטעלט.

איך וויל עש טון מיט גאנצר ווארהייט,

דו שוואור ער אים איין רעכטי אייד...

B.

אונ מך מיך אונטר טאן.

אלש וואז איך הון.

ווידווילט שפראך דיין גוט איז מיר
[אונמער.

גילוב מיר נוא בלד הער.

דז דוא מיט דיין ויר הונדרט מאן,

רייטשט פון דאן.

אונ׳ רייטשט אין קיניג ארטוז לאנד.

אונ׳ טושט אים דיזי ווערק ביקאנט.

וויא איך בין מיט דיר אום גאנגין.

אונ׳ זייא דוא דיא וויל גיואנגין.

ביז איך ווידר קום צו דיר.

דען זייא גיואנגן מיר.

אך זולשטו צום ערשטן דער יונג
[ורויא דש איר ווידר געבן.

ווילשטו אנדרש ביהאלטן דיין לעבן.

ער שפראך דוא יונגר הילד.

עש זייא אלש אן דיך גישטעלט.

איך וויל עש טון מיט גנצר ווארהייט.

דא שוואר ער אים איין רעכטי... (אייד?).

(דא רייסט זיך איבער דער כתב־יד .B).

ב) ווידווילט קעמפט מיט דעם לינדוורם.
(לויט דעם כתביד האמבורג נר. 289, בלאט 44א—47א).

A.

דו ער ריט אן דען נוינדן טג.

ור וואר איך אויך דש זאג.

דו הורט דער דעגן89 ורייא.

גר איין ייעמרליך גישרייא.

אונ׳ זי הורט גר ייעמרליך קלאגן איר נוט.



לעצטע זייט פון דעם האַמבורגער ארטור כתב-יד (נר. 255)

(B). זע ז. 129, פון זעכצנטער שורה פון אויבן.

HAMBURG ... HECA

A.

אוויא אירן ליבן מן אונ׳ זון טוט,
דו וויש אים גר גוף,[90]
ער רייט דש גישרייא נוך.
ביש ער קאם אין ראהר דו פאנד ער ליגן אויף די ערדן,
דז אלר שוינשט ווייפ,
דש קיין מענש גיוואן איר לייפ.
אויף אירם ענצליט[91] זי דו לאג,
איך וויל אויך בור וואר זגן,
עש קונט ניט האבן ביצאלט קיין מן,
די קליידר די זי טרוג אן,
בון גולד אונ׳ בון אידלי שטיין,
צו איר ער שפרך דער דעגן ריין,
ווארום ליידשטו אזו גרושי פיין אין דיינם לייפ,
איך זאך עש ניא ליידן קיין ווייפ.
דו זולשט מיר דיין נוט גאנץ זגן,
איך הוילף דיר אוב איך קיין[92] אודר מג.
זי שפרך ניין דו קאנשט מיר העלפן קליין.
איך וויל וויינן ביש מיר די זיל[93] אויש גייט.
ער שפרך עש גיבט קיינר קיין רוט.
דער זעלברט קייני הוט.
איר זולט מיר זגן אויער בייכניש,[94]
אונ׳ עש זול אויך ניט ווערדן לייד,
זי וואלט זיך אן אים גר ניט קערן,
דו שטיג אב דער יונג הער,
אונ׳ ער זעצט זי אויף אויבר איר דאנק,
נון זאגט מיר ליבי וראווי אויער צוואנג,
דו זיא אין וואורד זעהן אן,
זי גידוכט איך וויל אימש זגן,
ווען ער מיר זו וואל גיבעלט,[95]
ער איז איין יונגר שטארקר הילד,
ווען אים וועלט העלפן גוט,

A.

לייכט הילפט ער מיר אויש מיינר נוט.
זי שפרך צו דען יונגן מן,
איך וויל אויך מיין לייד ווישן לושן.
איך בין איין רייכי קיניגין ערשט גיוועזן הוייאיר.
נון איז מיר ליידר אל מייני ורריידן גיווארן ווו־ער(?)[96]
ווען איך הון ליידר ור לורן דען ליבשטן הערן מיין.
אונ׳ אן איין איינציגן זון.
דש לוש איך אויך גיקלאגט זיין.
מיר קאמן אין דעם הולץ[97] נוך לוש צו ייאגן.
דש וויל איך גוט בון הימל קלאגן.
דו קאם איין לינד וואוירם גיגאנגן.
דער הוט מיר גרוש לייד איין גיהאנגן.
ער נאם מיר מייני ורוינד צווין.
אין איינר קלייני שטונד.
מיין זון אין זיין מונט.
מיין מן. אויף זיין שוואנץ.
דרום איז מיין קלאג גאנץ.
אונ׳ ער הוט זי גאנץ הוועק גיטראגן.
דש וויל איך גוט בון הימל קלאגן.
ער שפרך איר זולט מיר בור ייעהן.
וואו די זאך אישט גישעהן.
זי שפרך עש איז קאם איין צייט.
צוואר דער לינד וואוירם דער איז ניטווייט.
ער שפרך מויכט איך דען לינד וואורם נוך רייטן.
זי שפרך ליבר הער מיין."
עס איז אייטיל[98] בווייער וואו ער איז גיגאנגן.
דו איז די ערד בור ברענט אונ בור זענקט.[99]
דש זעלביג רייט נוך איר דעגן קלוג.
דו קומט איר צו אים עבן.
אבר איך ווש אויך דז איר ורישט[100] אויער ייבגשט לעבן.

A,

אונ׳ זולט היא בלייבן.
ווען איר קונט מיר לײדר מײן לייד ניט ור טרייבן,
ווען עש איז דוך בעשר אליין,
אום די צווין ורוינט מיין.
ווען דש איר אך זולט איר שפייז זיין,
ער שפרך איך וויל ניט לענגר בייטן,
איך וויל דען לינד וואוירם נוך רייטן,
אונ וויל מאכן דש אויער.
ורוינט זולן דש לעבן נוך לענגר האבן,
דו הרן זולט איר ניט בור צאגן,
וויל מיר גוט בייא שטין,
עש מוש דען לינד וואוירים אן זיין לעבן גין.
בון דער וראוון ער דו ראנט.
אונ׳ ער קאם אויף די ערד דו ווש בור בראנט.
די וראווי אך ניט לענגר בייטיט.
זי דען יונגן מן נוך רייטיט.
זיא וואלט זעהן אוב ער קונט דען לינד וואוירים אובר ווינדן.
אונ׳ אוב זי איר מן אונ׳ איר זון קוינט ווידר פינדן.
ווידווילט ווש אויף דעם לינד וואוירם גר גוך.
ער ראנט דער שטורם (שטרום?) 101 זוא לנג נוך.
ביש ער אין אן זיכטיג וואר.
אונ׳ ער זאך אין טראגן דיא צווין מנן.
דען יונגן אן דען שוואנץ אונ דען אלטן אין דען מונט.
דו זאך ער אין די זעלביגן שטונד.
דז זי נוך לעבטן אונ׳ זיא זיך נוך רוירטן,
אונ׳ נוך רידטן דו וראייט זיך דער יונג מן.
דער לינד וואורם וואלט זיא טראגן אין איינר גרוב,
ווידווילט גידוכט אין זיינם זין,
ברענגט ער זי אין דש לוך.
דו קיין איך זי ניט מין האבן,

A.

בייט איך וויל אנדרש מיט דיר אום גין.
ער באַלד בור דש לוך ראנט.
זיין שפּער נאם ער ריטגליכן אין זיינר האנט.
אונ׳ ער ראנט אויף דעם לינד וואורם.
דש דער שטיך שאדט אים ניט אום איין הור,
ווען ער אייטיל הורן וויש.
בור וואר זאג איך אויך דש.
די שטיך גאב אים ויל דער יונג מַן.
אונ׳ דער לינד וואורם זאך דש ער אין ניט וואלט לושן אין דש לוך גין.

דו ליש ער דען קויניג פאַלן אויש דעם מונט זיין.
אונ׳ ער שוס בוייצר אויש דעם מונט זיין.
אונ׳ שוס ווידוויילט דעם דעגן פיין.
אונ׳ ער הט אין נוהגט בור בראכט.
דוך לעשט ער זיך צו הנט.
אונ׳ דו ער דען שוש102 הט גיטון.
דו פינג ער אין דען מונט דען מַן.
ווען ער הט אים שיר זיין לעבן גינומן.
ווען ער טעט איין גרושן שוש און מוש,103
ווידוויילט עש זער בור דרוש.
ער וואר דער לינד וורואורם גר גיוואר.
ער גאב אין מענכי שטיך מיט זיינר שפּער.
אונ׳ ער הט זיך דרום ניט גיזוימט.
דו גידוכט אים דער דעגן צו הנט.
זולט איך דש לאנג מיט אים אן טרייבן.
ער טויט מיר דען איין מַן.
מיט די הערט. שטוס די ער אים אן טעט.
דו .דער מיינט זיך ערשט דער דעגן גוט.
אונ׳ ווארף דש שפּער אויף דש לנט.
אונ׳ נאם זיין שווערט אין בייד הענד.
אונ׳ ער לוף אין אן צו בוש104 גר ריטגליכן,

A.

דער לינד וואורם העט אים גערן געוויכן.
דו גאב ער דען לינד וואורם איין שלאק.
דער וויש זו גרוש.
דז עש דען לינד וואוירם בור דרוש.
ער ליש אבר פאלן דען איין מן אויש זיינם מונט.
אונ ער שוש אבר בוייער אויף ווידוווילט צו דער זעלביגן שטונד.
דש ער גוהנט ור בראנט וואר.
דו וואר ער ערשט צורניג גר.
אונ׳ ער לוף אויף דעם לינד וואוירם מיט גרושן צורן.
אונ׳ ער שלוג אין מיט זיינם גוטן שווערט דורך דען הורן.
אין מיטן אין צווייא שטוק. דז ער ליש איין ביטר גישרייא
דש בויר טייל דז טעט אים אזא וויא.
דש ער דען מן ניט קונט ביהאלטן מין.
דש הינטר טייל זיין וועטיך 10 ער בון אים שטרעקט.
אונ׳ אזו וואר אך לידיג דער זון.
דו ער זיין שוואנץ בון אים שטרעקט.
זי דר גרייצט אין ווידווילט דער יינג מן.
אונ׳ ער וואר גישווינד צו אים דרוקן.
אונ׳ ער וואר אין גר הערט דרוקן.
דש עש אים הט גיקושט זיין לעבן.
דש וויל איך אויך מיין טרויא געבן.
דען שוואנץ ער ווידר צו שטערקן ביגאן.
אונ׳ ער שלענקרט ווידווילט דען יונגן מן.
דאר שוואנץ וויש גרוש אונ׳ ער הט שטארק אזו ויל.
דעש ער ווידווילט בון אים שלענקרט אין איינם קורצן ציל.
מין ווען זיבן מייל.
דז ער אין איינם גרושן וושר לאג.
דז ער ניט וואושט אוב עש וויש נאכט אודר טג.
אין אונמעכטיג ער דו לאג...

ג) ווידעווילט קעמפט מיט דעם לינדוורם.

(לויט דער וואגענזייל-עדיציע, ז. 242–246.)

F.

...דא ריט דער יונגי ריטר פרומן,
ביז דש ער קאם אין דש גרושי האלץ.
דריגן ריט דער ריטר שטאלץ.
וואול ביז אן דען דריטן טאג,
דש ער ניא קיין רוא פפלאג.
דא הורט דער קוני העלד פרייא.
גאר איין ביטר יעמירליך גישרייא.
אונ׳ שריא או וויא מיין הערצן ליבן מאן,
איך לײדר פור לארין האן,
אונ׳ מיין ליבן זון,
דען האב איך פאר לארין וואש זאל איך טאן:
אך וויא דיא יעמירליכי גוט,
זיא זיין ליידביידי טוט,
דיא קאן איך אל מיין לעבי טאגן,
ניט גינוג ביקלאגן,
דא ריטר ווידעווילט דש גישרייא דער הורט,
דא הילט ער שטיל אן דעם אורט,
צו מערקין וואש דש גישרייא ביטייט,
אונ׳ ריט דא ווידר פורט ניט וויט,
דא זאך ער ליגן אויף דער ערד דש אליר שינשטי ווייב,
דש אי גיוואן מענשן לייב,
אויף אירם עגצליט זיא דא לאג,
עש איז וואר וואש איך אייך זאג,
דיא קליידר דיא זיא דא אן האט ווארן איין גאנץ קיניגרייך ווערט,
זא ווארן זיא פון איידל גאלד אונ׳ אידל גישטיין גיצירט:
דא שפראך ווידעווילט זאגט מיר הער,
ווארום איר היא ליגט וואש איז דער מער,
דרום איר לײדט אלזו גרושי פיין,

F.

איך ביט אייך זאגט מירש דוך איר צארטיש יונקפרייאליין.
ווער קאן עש האבן אין זיינם הערצן.
דער אייך אן טוט זולכי גרושי שמערצן.
איר וואלט מיר אייאר נוט דאך קלאגן.
ווער אייך לייד גיטאן האט דעם וויל איכש ניט פור טראגן.
די אידלי קיניגין שפראך ניין איר.
קענט ליידר ניט העלפן מיר.
איך וויל פון דיזר שטאט ניט אויף שטין.
ביז מיר דיא זיל טוט אויז גין.
דא שפראך ריטר ווידוויילט.
דר און פר צאגטי העלד.
עש גיבט אופט אייני דעם אנדרן איין ראט.
דער זעלברט קיינן האט:
איר זאלט מיר אייאר גוט זאגן.
אונ׳ אייארן שמערצין קלאגין.
שטיט דוך אויף זאגט דער אידלי הערי.
זיא וואלט זיך אבר ניט אן אין קערן.
זא שטיג ער אב פון זיינם פפערד.
אונ׳ זעצט זיא דרויף איבר אירן דאנק דער אידלי ריטר ווערד.
ער שפרך נון זאגט מיר אייאר נוט.
ווער אייך זא פיל ביז גיטאן האט.
דא זיא אין נון רעכט אן זאך.
זיא אין זיך זעלברט שפראך.
ער איז פור וואר איין יונגר שטארקר העלד.
דער ווייל עש אים נון זא גיפעלט.
דש איך אים זאל מיין הערצין לייד קלאגן.
זא וויל איך אים עש אויך זאגן.
פיל לייכט העלפט אים גאט.
דש ער מיר בייא שטיט אין דיזר נוט:
זיא שפראך צו דעם יונגן ריטר גיוויש.
איך מוז אייך זאגן וואש מיר גישעהן איז.

F.

פור גאר גרוש הערצן לייד.
איך בין גיוועזן פור איינר קורצן צייט.
איין רייכי קיניגין דש גלויבט מיר.
נון בין איך ארם גיווארדן שיר.
דען איך גאט דער בארם עש פור לארן האן.
דען קיניג מיין ליבן מאן.
אונ׳ דער צו מיין איינציגן ליבן זון.
אך גאט פון הימל וואש זאל איך טון.
מיר דרייא קאמן אין דיזן וואלד אונ וואלטן יאגן.
דש וויל איך גאט אים הימל קלאגן.
דא קאם איין ליגד ווארם און גיהייאר,
דער מאכט מיר אלי פריידן טייאר:
ער נאם מיר מיין ליבה פריינד אלי צווייא.
דא איך שטונד דר בייא,
אין איינר קליינן שטונד,
מיין זון אין דען שוואנץ אונ׳ דען קיניג אין זיין מונד,
ער האט זיא אלי ביידי הין וועק גיטראגן.
דאז וויל איך גאט אין הימל קלאגן.
וויא זיא דיא ווארט אויז שפראך,
דא וויינט זיא זא זער דז איר באלד דז הערץ צו בראך,
זיא קונט קיין ווארט רידן מער,
זא גאם זיא ווידוויילט דער אידלי הער,
ביא אירי שניא ווייסי האנט,
אונ׳ זאגט מיין גינעדיגי פרויא טוט מיר ביקאנט,
איז עש לאנג דז עש איז גישעהן,
זיא זאגט איר קענט אין נאך וואול זעהן,
ער איז איידיל פייאר,
איין שייצליך און גיהייאר:
איך זאג אייך אידליר ריטר ווערד,
וואו ער גאנגן איז פר ברענט ער דיא ערד,
דער זעלבין שטראס רייט איר נאך גאר עבן,

F.

אביר איך ראט עש אייך ניט וואלט איר ביהאלטן אייער לעבן.
דרום זאלט איר בלייבן דר פון.
איר קענט מיר ניט העלפן נון.
ווען ער שון האט גינומן דיא צווייא פריינד מיין.
ווארום וואלט איר אויך דאז ביזן טיר שפייז זיין.
דא שפראך דער ריטר גינעדיגי פרויא ווארט מיר.
היא איך רייט נאך דעם אן גיהייארן טיר.
אונ׳ וויל זעהן אוב אייער מאן אונ׳ אייער זון.
נאך מעכטן ברענגן איר לעבן דר פון.
איך וויל אן גאט ניט פר צאגן.
אונ וויל דען לינד ווארם דר שלאגן:
פון דער פרויאן ער אלדא רענט.
אונ׳ קאם אויף דען וועג דער דא וואר פר ברענט.
דיא קיניגין וואר אויך ניט טרעג,106
זיא פאלגט ריטר ווידווילט נאך דען וועג.
דא ער טעט היך רייטן.
מיט דעם לינד ווארם צו שטרייטן.
זיא וואלט דאך גערן זעהן.
אוב איר דש הייל107 מעכט גישעהן.
דז ער דען לינד ווארם מעכט איבר ווינדן.
אונ׳ דז זיא אירן מאן אונ׳ אירן זון מעכט ווידר לעבנדיג פינדן.
ווידווילט וואר אויף דען לינד ווארם גאך.
אונ׳ רענט אים זער נאך.
ביז דז ער איר איין וואר אן זיבטיג אן.
וויא ער טרוג דיא צווייא מאן.
דען יונגן אויף דעם שוואנץ אונ׳ דען אלטן אין דעם מונט.
דא זאך ער אין דער זעלבן שטונט.
דז זיא נאך האטן אליביידי איר לעבן.
דאז פרייאט זיך ווידווילט גאר עבן.
נון טוט אונז דאז בוך פר איין ווארהייט זאגן.
דער לינד ווארם וואלט זיא האבין גיטראגן.

F.

אין איינן הולן בערג היין איין.
דא זאלטן זי זייגר קינדר שפייז זיין.
דא גידאכט ווידוויילט אין זיינם זין.
ברענגט ער זיא אין דען בערג הין אין.
זא קאָן איך ניט העלפן נון.
איך וויל אים אנדרש טון.
ווידוויילט באלד פור דאז לאך ראנט.
זיין שפער נאם ער אין זיין האנט.
אונ׳ שטאך אויף דען לינד וואורם פרייא.
ער מיינט אין צו הויאן אן צווייא.
דער שטיך שאדיט אים ניט אום איין האר.
דען זיין הויט איידיל הארין וואר.
דער שטיך גאב ער אים גאר פיל.
און מאש אונ׳ און ציל.
דא דר צאריגט זיך דער יונגי מאן.
דז ער פון גרושים צורן בראן.
אונ׳ נאם איןביידי העגט זיין שווערט.
דורך דען לינד וואורם צו הויאן ער ביגערט.
דא לים ער דען קיניג פאלין אויז זיינם מוגט.
אונ׳ אויף ריטר ווידוויילט מיט פייאר ער צו שיסן ביגונט.
אונ׳ העט אין גאר גאהנט פר ברענט.
דאך לעשט ער זיך ווידר ביהענט.
ווען ער נון העט גיטאן איין שוס מיט פייאר.
דא פיגג ער ווידר גאר און גיהייאר.
דען אלטן קיניג אין זיינן מונט.
וואול צו דער זעלביגן שטונט.
דאז בראכט דעם קיניג קיין פרומן.
דען ער העט אים שיר זיין לעבן גינומן.
דען ער גאב אים זא מענכין הארטן שטוס.
דז עש ווידוויילט פר דרוס.
עש טעט אם וויא גאר זער.

F.

דז דער לינד וואורם דעם אלטן הער.
טעט מיט זיינם שווסן זא גידראנגגן.
ווען ער אין ווידר אין זיינן מונט וואלט פאנגגן.
ער שטאך אין גאר אופט מיט זיינם שפערי.108
דער לינד וואורם וואלט זיך אביר ניקש דראן קערן.
דען ער האט זיך גיווינט דראן.
ווען נאך אים שטאך דער קויני מאן.
זא ליס ער פאלן גאר און גיהייאר.
דען אלטן קיניג אונ׳ שוס דען מיט פייאר:
אויף ווידוויילט אונ׳ פינג דען אלטן קיניג דען ווידר.
אין זיין מונט זא און גיהייאר דז ער אים באלד אַל זייני גלידר.
העט אין טויזנט שטיקר צו בראכן.
ווידוויילט גידאכט ווארט דוא איך וויל דיר עש אנדרש קאכן.
אונ׳ווארף זיין שפער אויף דש לנט.
אונ׳ נאם זיין שווערט אין די רעכטי האנט.
אונ׳ גאב דעם לינד וואורם גאר איין ריטרליכן שטרייך.
דער לינד וואורם אים אביר דאך ניט וויין.
דא גאב ער אים נאך איין שלאק זא גרוש דז עש דען לינד וואורם פור דרוס.
דז ער ליס פאלן דען אלטן קיניג אויז זיינם מונט.
אונ׳ אויף ריטר ווידוויילט ווידר מיט פייאר צו שיסן ביגונט.
דאז ער אין שיר גאר פר ברענט.
דא דער צורנט זיך ריטר ווידוויילט אונ׳ שטיג אב ביהענד.
פון זיינם פפערד אונ׳ לעשט זיך ווידר דער ריטר וואול גימוט.
אונ׳ פאַסיט אין ביידי הענד זיין שארף שווערט גאר גוט.
אונ ליף אויף דען לינד וואורם מיט גרושים צארן.
אונ׳ הויאט אין דורך זיין הארן.
מיט זיינם גוטן שווערט מיטן אן צווייא.
דא טעט דער לינד וואורם איין גרושן שרייא.
דז עש גאר וויית דר שאל.
דורך דז האלץ איבר בערג אונ טאל.

F.

נון וויל איך אייך זאגן נאך מיא.
דעם פודיר טייל טעט דער טוט אלזו וויא.
דז עש דען אלטן קיניג פאלן ליס אויף דיא ערד.
דאז פרייאט זיך דר אידלי קיניג ווערד:
דאז הינטר טייל אביר פר וויא טאג.
דען שוואנץ פון זיך שטרעקט פר וואר איך זאג.
אונ׳ דר נאך דען שוואנץ ווידר צו קרימן ביגאן.
אונ׳ דרווישט דריין ווידווילט דען יונגן מאן.
אונ׳ דרוקט אין גישווינד צו זיך אלזו הארט.
דען אידלן יונגן ריטר צארט.
דז עש שיר העט גיקאשט זיין לעבן.
נון מערקט דאך אויף גאר עבן.
דער שוואנץ וואר גאר לאנג.
פון דער גריילליכי און גיהייארי שלאנג.
פר וויא טאגן וואר ער זיך ווידר אויז שטרעקין אין אייל.
אונ׳ שלענקירט דען אידלן ריטר ווידווילט וואול איין האלבי מייל.
דאז ער אן איינם גרושן וואשיר לאג.
ער וואושט ניט אוב עש ווער נאכט אדר טאג.
אין גרושר און מאכט ער דא ליגן בליב...

דער מינכענער כתב־יד נר. 100

ליטעראַטור:

שטיינשניידער, קאַטאַלאָג פון די מינכענער האַנטשריפטן, נר. 100.

שטיינשניידער, סעראַפּעאום 1864, נר. 388, 399, 411, 412, 413.

אויך סעראַפּעאום 1866 ז. 1 וו.

שטערק-לייטצמאַן ז. 321 וו.

נ. שטיף, „דיטריך פון בערן", אין „יידישע פילאָלאָגיע", נר. 1, 3–3 1924.

דער מינכענער כתב־יד
נר. 100

דער מינכענער האנדשריפטלעכער זאַמלבאַנד נר. 100 שטעלט פאָר אַן איינציקע אין איר מין זאַמלונג פון אלטיידישע ראמאנען און נאוועלן. אין דעם כתב־יד גייען אריין פאלגנדיקע ווערק:

1) בלאט 66—1 פילט אויס דער ראמאן „קייסר אָקטפיאַנוס". אזוי הייסט געמלעך די דרוקאויסגאבע פון דעם ראמאן, וועלכע שטיינשניידער נאטירט אונטער נר. 2663, געדרוקט אין וואַנדסבעק, 1730.—אין אונדזער כתב־יד פעלט דער אנהייב, ווארשיינלעך ניט מער ווי 4-2 בלאט. מיר ווייסן אלזא ניט, ווי האט דער ראמאן געהייסן ביים שרייבער. א שפּעטערדיקע האנט האט אויפן צווייטן בלאט צוגעשריבן א טיטל: „דש מעשה דער קייזרין מיט צוויא זינן".—דער סוף פון דעם ראמאן: „אַלזא הוט איין ענד דיזיא גישיכט. ור וואר עש אישט קיין גידיכט. בון דעם קיסר אָקטויניס אונ' בון זיינום זון ולורעניס. אונ' לוואַן. אונ' בון דעם קויניג דוגבירדוס אויש ורנקרייך: דש הט איר ור נומן אָרים אונ' רייך. וויא עש אין אישט אר גינגן. וויא זיא ווארן בון דען טוירקן גיונגן. דר דורך דיא ורום קויניגן קאם ווידר צו לנד. דיא גאט ביהויט הוט ור שנד: אונ' איר בויז שוויגר דיא זוילכי בויברייא הט דר דיכט. וואורד מיט איין אונזינגר וויין בון גאט ית" גיריכט. אז אופט אוף דען הויטיגן טג גישיכט. דש איינר דען אַנדרן וויל און אירן. זא טוט גאט איין לאשטר אוף אין בישערן. אַז איר אין דעם מעשה הט טון לייאן. הקב"ה זול אונש מיט משיח דר ורייאן. אונ' זול אונש אוף דיא סעודה לווּתן פרייאן. אונ' אונש אין דעם גן עדן דער מייאן. דא מיט וויל איכש בישליסן. עש מויכט זונשט איינן ור דריסן: אזא לנג צו שוועבן. הבט אויך איין גוט יאר. צו דער לעבן. דש פיט איך דער שרייבר. דינר אַלי ורומן

ווייבר, יצחק בר״ יודא ז״ל רויטלינגן, גאט ית״ זייא גילובט ור אלין דינגן, גישריבן אונ׳ בולענד, אם טג דען מן מונטג נענט, ח״ שבט שמ״ לפרט, (1580, מ, ע,)

סליק: סליק: א. א. ו. אמן סלה,״

דערדאזיקער ראמאן איז אויף אזויפיל ניט אינטערעסאנט, אז ער איז אָפּגעשריבן און אידענטיש (מיט גאר קליינע שינויים, ווען מען האט געדארפט אויסגלעטן די ריין-קריסטלעכע שטעלן) פון דעם דייטשן פאָלקסבוך, וואס איז דערשינען אין דער ערשטער העלפט פון דעם 16 יארהונדערט, (ארום 1550 („איינע שאָנע אונד קורצווייליגע היסטארי פאָן קייזער אָקטאַוויאַנאָ זיינעם ווייב אונד צווייען זינען...״), און וואס איז ווידער א באַארבעטונג פון א פראנצויזישן ראמאן.—יצחק רויטלינגען האט נאכגעצייכנט די אילוסטראציעס פון דעם אריגינאל, אמת, אויף זייער א רויען אופן. (פגל. ז. 21—12, Goedeke, I. דאן סעראפעום, 1864, ז. 75).

2) בלאט 73—67 פילט אויס דער קליינער ראָמאן אדער ראמאנטישע אָ ר י ג י נ ע ל ע יידישע נאָוועלע „מעשה בריעה וזימרה״, אפשר די אינטערע-סאנטסטע זאך אין אונדזער כתב-יד, געשריבן דורך דעם זעלביקן יצחק בר״ יודא רויטלינגען,ווארשיינלעך אויך אין יאר 1580.

3) אויף בלאט 89—74 קומען 22 (און ניט 21. שטיינשניידער האט צוויי מעשיות אונטער איין נומער פארצייכנט. דעם טעות האט ער פארריכט 1896, סעראַפּעאום, ז. 11, דאך חזרן דאס איבער די פינקטלעכע שטערק-לייטצמאן) מעשיות וואס געהערן צום קרייז פון „מעשה-בוך״. א גאר וויכטיקע קוועלע צו דער געשיכטע פון דעם „מעשה-בוך״. געשריבן און אילוסטרירט מיט פעדערצייכנונגען פון דעמזעלביקן יצחק רויטלינגען.

4) 116—90 און 132—117 קומט דער ראמאן „זיבן - ווייזן מיינשטר״, א זייער פּאָפּולערער אָריענטאַלישער ראמאן, קאפירט דורך צוויי שרייבער. דער שרייבער פון דעם ערשטן טייל איז אונדז ניט באקאנט. דאָך שיינט זיין קאפּיע צו שטאמען פון דעם 16 יארהונדערט. דעם צווייטן טייל האט געשריבן דערזעלביקער שרייבער, וואס האט ווייטער קאָפּירט דעם „טיל אוילענשפיגל״, אלזא אין יאר 1600, בנימין בר״ יוסף רופא (זון פון דעם רופא) מערקש.

5) ענדלעך קומט אויף בלאט 191—134 די היסטאריען-זאמלונג וועגן דעם דייטשן לץ „טיל אוילנשפיגל״, געשריבן דורך דעם דערמאנטן בנימין בן יוסף מערקש סוף 1600, אין דער קהלה מאַנהויזן.

דריי קאפיטלען האבן אלזא אויסגעפילט דעם זאמלבאנד, פון דעם האט במעט א העלפט געשריבן יצחק רויטלינגען, „וואס האט זיך ווייזט אויס געוואלט פארשאפן א גאנצן נאוועלן–און זאגנבוך“.

א) „מעשה בריעה וזימרה“.

(שטיינשניידער, 159, 412. נ. שטיף, א. אנגעוו. ארט.)

די מעשה „בריעה וזימרה“ שטעלט פאר גאר א באזונדערן אינטערעס, ווארום זי איז די ערשטע, און אפשר די איינציקע יידיש-טייטשע אריגינעלע ראמאנטישע נאוועלע. מיר האבן ידיעות וועגן דריי דרוקן פון דערדאזיקער מעשה, די איינע פון דידאזיקע אויסגאבן איז דערשינען ביי די זין פון יעקב בק אין פראג, מן-הסתם צווישן די יארן 1657–1672. צעדנער אין זיין קאטאלאג פון די דרוקן פון בריטיש מוזעאום (ז. 158) נאטירט אן אויסגאבע פראנקפורט-אדער 1732 „מעשה בריאה וזמרה... איין שין מעשה וויא זימרא האט לאזן חכמה זעהן“. אונדזער מינכענער כתב-יד איז אלזא באדייטנדיק עלטער, ווארום ער איז געשריבן 1580 אדער 1585 (צום סוף קומט: גישריבן אים יאר: כי שם ה“ אקרא וכו‘. וועלן מיר צורעכנען דעם ה“, און מיר האבן דאס רעכט עס ניט צו טאן, ווארום אויף דעם ה“ וואלט סייווי געמוזט קומען א שטריך,—דאן באקומט זיך די דאטע 1585. היות אבער ווי די פריערדיקע אקטאוויאנוס-מעשה איז פון דעמזעלביקן יצחק רויטלינגען געשריבן אין יאר 1580, דארף מען אויך פאר „מעשה בריעה וזימרה“ אננעמען דידאזיקע לעצטע דאטע).

דער מחבר פון דער נאוועלע.

צי איז דער מינכענער כתב-יד פון אונדזער נאוועלע אן אויטאגראף אדער א קאפיע? אנדערש געזאגט, צי האט יודא בר“ יצחק רויטלינגען בלויז איבערגעשריבן דידאזיקע מעשה, אדער איז ער אויך איר מחבר? שווער דערויף צו ענטפערן, אין איין ארט פון אונדזער כתב-יד געפינען מיר בולט „רינגן“ אנ-שטאט „דינגן“, וואס וואלט געקאנט-שוואך-מעיד זיין אויף א ניט אויפמערקזאמן קאפירן פון א דרוקאויסגאבע. פאר דער מחברשאפט פון יצחק רויטלינגען קאנען אויך ארויסגעזאגט ווערן פאלגנדיקע השערות,—ניטמער ווי השערות:

1) ערטערווייז שטרייכט אונדזער שרייבער דאס אנגעשריבענע, און ס'איז אפט ניט דאס שטרייכן פון א קאפיסט, וואס האט איבערגעהיפט א שורה אדער

אַ פּאר ווערטער, אדער פארויסגעלאָפן מיטן אייגענעם געדאנק דעם טעקסט פונם מחבר. פארקערט, אפט מאכט דאס געשטראכענע דעם איינדרוק פון אַן אָריגינאלן נאכדענקן.—ס'איז דאך בלויז זייער א שוואכע און א סוביעקטיווע השערה, ווארום געשטראכענע ערטער קומען פאר גאנץ זעלטן.

2) א סאך וויכטיקער שיינט מיר צו זיין דער צוזאמענשטעל פון דעם ערשטן בלאט, ער שטעלט פאר דאס כאַאָטישסטע בלאט אין גאנצן כתב-יד. צוערשט האבן מיר א מין רשימה פון די העלדן אין ראמאן, אלזא פון איינעם וואס האט געהייסן זימרה, פון איינער, וואס האט געהייסן בריעה. דאן פון איינעם, וואס האט געהייסן הורקניש, און וואס איז „אם נעשן" (אמנאענטסטן) געווען צום מלך,—אלזא א מין שני למלך. צי דארפן מיר פארשטיין, אז דער הורקניש איז דאס דער יידישער מלך, וואס קומט פאר אין דער מעשה אלס זימרהס פראטעקטאר? עס בלייבט א קשיא, ווארום מער ווי אין דער ערשטער שורה באווייזט זיך ניט דער נאמען הורקניש.—דאן האבן מיר פלוצלונג א שורה: „אונ' ער היז אין זימרה נוך זיינום עלטר ואטר", ווער איז דער „ער", זימרהס פאטער אדער דער מלך? נאך אביסל שפעטער דערוויסן מיר זיך, אז דער מלך האט צוויי זין, טובת און זימרה! דער מחבר האט ווייזט אויס א קנאפן רעזערוו נעמען אדער נעמענבאנטאזיע,—דערנאך פעלט בולט א שורה, ווארום מיר דערוויסן זיך, אז טובת (דעם מלכס זון?) האט ניט פארשטאנען, ווי צו משפטן דעם מענטשן מיט די צוויי קעפּ, און באלד הערן מיר, וואס זימרה טוט (די שורה פעלט אלזא נאך „איין אורטייל געבן" און פאר „אונ' היש אים הייש ווֹשר געבן"). ווייטער גייט שוין די מעשה גלאט. אט דער פלאנטער און דער חיפזון אין דער ערשטער זייט רוקן ארויס פסיכאלאגיש די השערה, אז מיר האבן דא צו טאן מיט אן אויטאגראף, ווו ס'יאגן אין קאפ פון דעם מחבר אריי אידייען, נעמען און פלענער און ער איילט זיך זיי צו פארפיקסירן. פאר דעם חיפזון פון דעם מחבר איז אויך כאראקטעריסטיש, אז ערשט אויף דער סעודה פון פיגין דערוויסן מיר זיך, אז ער איז א כהן גדול.—מיט איין ווארט, ערשט נאך דעם ערשטן זייטל באקומט דער מחבר זיכערקייט און פעסטקייט אין דעם פונאנדערוויקלען פון דער אקציע, אין דעם פונאנדערשטעלן פון די העלדן.

3) אָבער אויך לויט דעם איינדרוק, וועלכן מיר באקומען ביים לעזן די נאָוועלע, וועגן איר מחבר, לייגט זיך אויפן שכל די אויטארשאפט פון יוחנן רויטלינגען. ווער עס זאל ניט זיין דער מחבר פון אונדזער נאָוועלע, א פאקט

איז, אז ער האט געמוזט זיין גוט באַהאַוונט אין דער דייטשער ראמאן—און פאָלקסבוך-ליטעראטור. די גאנצע נאוועלע, איר דראמאטישער נערוו איז גע-בויט אויפן יחוס-מאטיוו. נ. שטיף האט שוין אָנגעוויזן א פאַראלעלע אין „ווילאַנד דער שמיד", ווו דער מלך וויל ניט געבן ווילאַנדן זיין טאכטער, וויל ס'שטייט אים ניט אָן דער שמיד, און ווי אונדזער כהן גדול, ברעכט ער זיין ווארט נאך א צוזאָג. די מעשה ווידר מיטן מיסטישן פערד, וואס פארטראגט זימרהן אויף יענער וועלט, טרעפן מיר ביי דיטריך דעם בערנער.— איך וואלט צודעם נאך געקאנט צוגעבן, אז ס'זיינען פאראן סימנים, אז דער מחבר איז געווען באקאנט מיטן „ווידווילט-ארטור-ראמאן", דערויף זאגט עדות פאלגנדיקער עפיזאד: זימרה קומט אויפן וועג, וואס פירט צום גן-עדן; פון חומש האט דער מחבר געקאנט האבן דעם מאטיוו פון „חרב המתהפכת". אבער דער אופן, ווי דער מאטיוו ווערט פונאנדערגעאַרבעט, שטאמט פון דעם ארטוס-ראמאן, אויפן וועג געמלעך ליגט א גרויסער שטיין, אין וועלכן ס'איז געגאסן א שווערט. דער שטיין דרייט זיך אויף א ראָד, וואס שליסט אָפּ אלע וועגן צום גן-עדן. זימרה טוט תפילה, און דער ראָד בלייבט שטיין (ווי אין „וויגאַלואַ", ניט ווי אין יידישן ארטור-ראמאן). ווייטער קומט ער אויף א לאָנקע מיט בלאַנקע מעסערס, וואס צעטיילן זיך אויף זיין תפילה און ער קען דורכגיין, און אויך די טויטע, וואס זיצן אין א שטיבל, און וואָרענען דעם העלד, ער זאל זיך צו קיין זאך ניט צורירן, קאן אָנגעווייעט זיין פון די פארכישופטע ריטער אין דעם ארטור-ראמאן, צו וועלכע ס'איז ווידווילטן פארבאטן זיך צורירן.—(אַגב, באַשרייבנדיק די שיינקייט פון בריעה, ווערט דערציילט, אז זימרה האט זיך דערשראקן און בלאס געווארן—ווי דער עפי-זאד מיט גאַביינען אין דעם ארטור-ראמאן. אין דעם זעלביקן ראמאן טראכט ווידווילט קוקנדיק אויף לאָרעל: דוא מושט מיר ווערדן צו איינם וייב. אודר וויל פור לירן מיין לייב.—אן אויכדרוק, וואס חזרט זיך כסדר איבער אין אונדזער נאוועלע (די לעצטע פּאַראַלעלן קאָנען אָבער אויך זיין א סטערעאָטיפּ).

פון דער אנדערער זייט, איז אונדזער מחבר געווען ניטווייניקער באַ-קאַנט מיט דעם קרייז פון יידישע פאלקסמעשהלעך, פון וועלכע ער נעמט צ. ב. די מעשהלע וועגן דעם משפט איבער דעם מענטשן מיט די צוויי קעפּ, (ווי שטיינשניידער איז משער, גענומען פון א העברעישן מעשה-ביכל „חיבור המעשיות והמדרשות והאגדות", ערשטע אויסגאבע ווענעציע 1551, פון דער עלפטער מעשה. זע באָדלעיאַנאַ-קאטאלאג, ז. 605—006), די געשטאלט פון

אליהו הנביא;—ספעציעל מיט דעם „מעשה־בוך”, ווו סטרעפט זיך אפט דער מאָטיוו פון דעם פויבסט אדער מלך, וואס איז גוזר אויף יידן, זיי זאלן ניט יידישן די קינדער, פארבונדן מיט דעם טבילה־פארבאט פאר פרויען געפינען מיר דעמדאזיקן מאטיוו אין דער מעשה וועגן דעם יידישן פויבסט אלחנן (מעשה 188 אמסטערדאם, 1701, אגב, עס זאל זיין דער פויבסט גראציאן). ענלעכע שטריכן ברענגט אויך די מעשה 228 פון מעשה־בוך מיטן רב פון לאנד עוץ, ווי דער יינגער יועץ ריזיקירט זיין לעבן, בכדי צו באקומען די האנט פון דעם מלכס טאכטער.—דאן די מעשה 230 מיט בר קפרא.[108])

דאס אלץ פאסט זייער גוט צו דער געשטאלט פון אונדזער יצחק רויט־לינגען, פון וועלכן מיר האבן אין דעם מינכענער כתב־יד, אחוץ דער מעשה וועגן בריעה און זימרה, א קאָפּיע פון א דייטשן פאלקסבוך, דאן א ריי מעשהלעך פון דעם קרייז פון „מעשה־בוך”. אויב די דרוקאויסגאבן גייען זיך פונאנדער מיטן מינכענער טעקסט, דאן קאנען זיי אפשר ווארפן ליכט אויף דער אנטשטייאונג פון אונדזער נאוועלע. מיר איז ליידער ניט געלונגען באַ־קומען א דרוקאויסגאבע פון דער נאוועלע.

דער מחבר גייט צום סוף טראַדיציאָנעל אריבער אין א ריימען־שפראך. פאראן אויך אין טעקסט איינמאל א ריים: (בלאט ב57) „איר שוינהייט איז ניט צו שרייבן. דרום מוש איכש לושן בלייבן”—א טראדיציאָנעלער טעכנישער ריים־אויסדרוק אין אלע יידישע ראמאנען.

קורץ: עס לייגט זיך אויפן שכל די השערה, אז דער מחבר פון אונדזער נאוועלע, איז יצחק רויטלינגען.

כאראקטעריסטיק פון דער נאוועלע.

1) מיר האבן צו טון מיט א ווערק, וואס איז א פּראָדוקט פון דעם דורותלאַנגן באַאיינפלוסן פון דער יידישער ליטעראטור פון פרעמדע ראָ־מאַנטישע עלעמענטן, מיט א ווערק, אין וועלכן ס'זיינען פארשמאָלצן געווארן עלעמענטן פון קריסטלעכן און יידישן בעלעטריסטישן שטאף, זיי זיינען פארשמאָלצן געווארן האַרמאניש, און אויף א גליקלעכן אופן איז דעם מחבר געלונגען צו שאפן א לעבעדיקע, האלבפאַנטאַסטישע, האַלברעאַליסטישע נאוועלע. ס'איז אבער ליכט צו זען, אז די אויבערהאנד האט דער פרעמדער שטאף, מען דערקענט עס אפילו רייין אויסערלעך, אזוי צ. ב. אין דעם נאמען טובת, וואס איז א פארדרייען פון דעם יידישן טוביה דורך דעם קריסטלעכן טאָביאַס.

אומזיסער ווערק באזינגט די ליבע. מען האט אבער דאן געמוזט פארזיכ־טיק זיין מיט אזעלכע ווערק אויף דער יידישער גאס, און מען דארף באוווג־דערן, ווי קונציג דער מחבר מאסקירט דעם אייגנטלעכן זין פון זיין ווערק. פארזיכטיק גיט ער צו פון צייט צו צייט אויסדרוקן און באמערקונגען, וואס דארפן אפשוואכן דעם אפיקורסישן גייסט פון זיין ראמאן. אפילו שטיינשניידער לאזט זיך פארפירן פון אָטאדי זייטיקע באמערקונגען, און רעדט וועגן דער אסקעטישקייט פון יענער צייט.—אבער די באציונג פון דעם מחבר סיי צו זיין טעמע, סיי צו זייענע העלדן איז אן אויסגעשפראכענע און א קלארע. בריעה שטארבט צוליב דעם קושן זיך מיט זימרה. און דער מחבר באמערקט פרום: „דרום זול קיינר איינש קוסן"—באלד שוואכט ער אבער אפ זיין איי־גענע באמערקונג מיט דעם פאלגנדיקן זאץ: „וועז איינר בון איינום הין וועק גיט", מען טאר אלזא גיט קושן, ווען מען צעשיידט זיך, אבער פריער מעג מען? און צי איז בריעה באמת געשטארבן אלס שטראף פאר קושן זיך? עטוואס פריער זאגט בריעה: „גאט זיי עש גיקלגט, איך ווייש וואל דש איך מוש שטערבן ור לייד", זי שטארבט אלזא פון צער, פון לייד. פארוואס שטארבט ווידער זימרה? די פרומע קאנסטרוקציע הייסט פארשטיין, אז ער איז גע־שטארבן, ווארום ער האט זיך ניט אייגעהאלטן און געקושט בריעהן אויף יענער וועלט, ניטקוקנדיק אויף איר ווארנונג. לייענט מען אבער אדורך מיט קאפ די אנטשפרעכנדיקע סצענע, דאן באמערקט מען, אז ווידער איז דא פאר־שלייערט געווארן א גאנץ אנדערער, טיף דראמאטישער מאטיוו. ביי דער ער־שטער באגעגניש מיט בריעה אויף יענער וועלט זאגט זימרה ארויס דעם געדאנק: „איך וויל דיך קוישן זא שטירב איך אוג בלייב בייא דיר היא", און ביי דער צווייטער באגעגניש פרעגט בריעה איר געליבטן, צי וויל ער דא לענגער מיט איר בלייבן? ס'איז קלאר, אז דער העלד וויל לענגער מיט איר בלייבן.—דאס גאנצע קושן זיך אויף יענער וועלט איז אלזא א מאנעווער פון די געליבטע (אפילו אויף יענער וועלט האט ליבע מאנעווערס), בכדי וואס גיכער זיך צוזאמענצוטרעפן און פאראייניקן. זימרה באגייט אלזא א מין דורכגעטראכטן זעלבסטמארד.—איבעריקנס שטרעבט דער מחבר כסידר אונדז צו דערמאנען, אז זימרה איז קיין שום זינד ניט באגאנגען, דערפאר טראגן אים אוועק די מלאכים גבריאל און מיכאל גלייך אין גן-עדן. און דער סוף פון דעם ראמאן איז אן אפאטעאָז פון די געליבטע, וואס ווערן אויפגענומען מיט גרויס פאראד אויף יענער וועלט, ס'ווערט אין גן-עדן אפגעשפילט די חתונה.

און ה"קבה אליין מאכט די ברכה.

2) שטיף האט שוין אויפמערקזאם געמאכט אויף אן אפיקורסישע באַמערקונג אין טעקסט, נאכדעם ווי בריעה קומט אריין אין דעם ליכטיקן גן-עדן: „וו"ערש ב"יט גלב ד"ער איז א"ויך א"יין י"וד", מיט א קוועטש אויף דעם זאַץ דורך שטריכן פון אויבן. איך גלויב, אז אטאדער זאַץ שטאמט אויף יעדן פאל פון יצחק רויטלינגען, ד. ה. אפילו ווען ער איז געווען בלויז א קאָפּיסט,— און דערדאזיקער זאַץ קאן אויך שטארקן די השערה, אז רויטלינגען איז בלויז א קאָפּיסט פון דער נאוועלע, ווארום דער זאַץ האט בולט דעם כאראקטער פון א צוזאַץ, און די שטריכעלאַך דארפן עס אונטערשטרייכן.

3) האט מען אדורכגעשפרייזט דעם וויסטן פעלד פון יידיש-טייטשע איבערזעצטע ריטעררזמאנען, ראמאנען, ווי ס'בליט א משונהדיקע, פארפלאָנטערטע און ביי דעם אלעמען פוסטע פאנטאסטיק,—ווט מען זיך באמת אפּ ביי דעמדאזיקן קליינעם, נאיוון און דאך אזוי פרישן ראמאן. צום ערשטן מאל באגעגנן מיר דא העלדן,—לעבעדיקע מענטשן, רעאלע געשטאלטן, וואס ריידן צו זיך, טראכטן אויס בשותפותדיק פלענער, שטרעבן עקשנותדיק צו איין ציל, פארבונדן מיט איין שטארקן, ערדישן געפיל. לאמיר דערמאנען, אז אין דעם גרויסן ארטורראמאן איז ניטא קיין איין געשפרעך צווישן ווידווילטן און זיין געליבטער! אונדזערע געליבטע ווערן, אמת, נאך זייער נאיוו געשילדערט. מיר האבן צו טאן ערשט מיט סימנים פון כאראקטערן, אונדזערע העלדן טוען שוין אבער דאס, וואס עס טוען אלע געליבטע אין אלע צייט — זיי זיפצן און קלאגן, זיי זוכן תחבולות, בכדי זיך צו זעהן און ענדגילטיק זיך צו פאראייניקן.— דער דועט איז שוין דא, די צארטע שטים פון דער פרוי, וואס וויל אפּהאלטן דעם געליבטן פון יעדער געפאר, און ווייס שוין, אז דער ליבער איז בילכער פאר דעם פאטער,— און דער העלד וואס גייט מוטיק קוקן דעם שיקזאל אין די אויגן. און זייער ליבע איז שוין ניט א טצארעמישער ראמאַנרעקוויזיט, אן אינטריגע-עלעמענט, ווי אין דעם ארטורראמאן, נאר א ציל פאר זיך, די אייגנטלעכע טעמע פון דעם ראמאן. זי איז ערדיש און אלע סימפּאַטיעס פון דעם מחבר זיינען אויף דער זייט פון אט דער ערדישער ליבע, ווארום אין איין ארט, כאראקטעריזירט ער אויף אזא מין „גאלאנטן" אופן— ווי שטיינשניידער דריקט זיך אויס—די ווירקונג פון די קושן אויף דער העלדין: עס איז געווען אזא מין געקווישעריי, אז אויב זי איז פריער ניט שיין געווען, איז זי איצטער שיין געוואָרן! (עש וואר איין זוילכש גיקוסט. ווען זי ניט שוין

וואר גיוועזן. זא איצונדר שוין גיווארדן").

4) דער אינטריגע-עלעמענט איז אלזא אין אונדזער ראמאן אראפגע-שטופט געווארן אויפן צווייטן פלאץ. דעם ערשטן האבן פארנומען די העלדן און זייער ליבע. גייען מיר איצט איבער צו דער פאבולע אלס אזעלכער, דארף מען באוואונדערן—לויט דעם מאסשטאב זעלבסטפארשטענדליך, וועלכן מען דארף אנווענדן צו דער דאמאלסטיקער בעלעטריסטיק—דעם טאלאנט פון דעם מחבר, וואס האט באוויזן אויף אזא קורצן שטח אריינצופירן אזויפיל עפיזאדן פון צווייטן ראנג, און דאך ניט אפצושוואכן די שפאנונג, נאר פאר-קערט זי צופארשטארקן, און דערביי ניט פארלאנגזאמען דעם גאנג פון דער אקציע. די גרויסע מעלה פון אונדזער נאוועלע איז טאקע דער לעבעדיקער לויף פון דער אקציע, בפרט ווען מען דערמאנט זיך, ווי אפט ענדערט זיך דער טעאטער פון דער האנדלונג, וואס שפילט זיך אפ צוערשט אין ירושלים, דאן אין רוים, דאן ווידער אין ירושלים, און ענדלעך אויף יענער וועלט. אבער אויך אין אנדערע פרטים איז די זאך זייער געראטן. איר עסטעטישער ציל איז ארויסצורופן מיטלייד צו די אומגליקלעכע פארליבטע, און דער מחבר דערגרייכט עס מיט איינפאכע, אבער זיכערע מיטלען. ער האט ניט שארזשירט די פיגור פון דעם גרויזאמען פיגין, דעם כהן-גדול, ער האט זי בלויז לייכט שקיצירט, ווי אלע זיינע געשטאלטן, און דאך וואקסט אויס פאר אונדזערע אויגן בולט דידאזיקע איינגעשפארטע, שווערע געשטאלט, וואס זאגט אפ אפילו דעם מלך, אפילו צוויימאל, אפילו ווען ס'דראט דער טויט, און האלט עקשנות-דיק ביי זיין גאוהדיקן אפזאג, אפילו ווען ס'קומט אויס ברעכן דאס ווארט, וועלכן ער אליין האט געגעבן זימרהן ביי עדים. ווען ס'קומען צו אים די פיר פרנסים ריידן דעם שידוך מיט זימרה, זאגט ער אפ העפלעך און בעט זיי גיין „לחיים ולשלום", ד. ה. ער הייסט זיי זיך אפטראגן געזונטערהייט. כדי צו פארשטארקן דעם קאנטראסט, גייט דער מחבר אוועק אויפן וועג פון גרעסער מאכן, חשובר מאכן דעם הויפטהעלד. זימרה איז אי דער אויבער-שטער אין מלכס הויף, אי דער רעטער פון דעם אפיפיורס גזירה,—צום סוף איז דאס אויך ניטגעווג דעם נאיוו-איבערגעבענעם מחבר, און ער דערציילט, אז מען באשליסט זימרה צו מאכן פאר א מלך נאכן טויט פון דעם יונגן קיניג!

5) ניט קיין קלענערער צויבער פון אונדזער נאוועלע איז די מישונג פון רעאלע און פאנטאסטישע מאטיוון. רעאל זיינען די העלדן, רעאל איז דער הויפטמאטיוו פון דער אינטריגע-דער יחוס-מאטיוו,—פאנטאסטיש זיינען

די אטמאספער און דער פאָן פון דער נאוועלע. ווי שפילט זיך אפּ די נאוועלע? אין ירושלים. און דאך איז עס ניט א קאנקרעט ירושלים—ס'ליגט גיכער אין מעשה-לאנד, א ירושלים, וואס האט א יידישן מלך, און איז דאך אין גלות, און ס'שיטן זיך אין דערזעלביקער צייט גזירות פון דעם אפיפיור. מען איז עולה לרגל און מען ברענגט קרבנות-און מען דאוונט גלייכצייטיק אין דער שול. אטא די אלע אַנאַכראניזמן שטערן לגמרי ניט דער נאוועלע. פארקערט, זיי שפרייטן אויס א לייכטן, דינעם נעפל פון פאלקספאנטאסטיק, וואס שפרייזט תמיד אריבער דעם גבול פון צייט און ארט.

די לעבעדיקייט און אריגינאליטעט פון דעם אינהאלט האט געמוזט ברענגען אויך צו א לעבעדיקן און אריגינעלן לבוש, צו א נאטירלעכער און פרישער שפראך. מען לעבט דא אויף נאך דעם שפראכלעך-טויטלעכן ארטור-ראמאן, און מען דארף זיך וואונדערן, ווי לייכט שטיינשניידער פסקנט אפּ, אז די העברעישע ווערטער און פראזן אין אונזער נאוועלע באשרענקען זיך אויסשליסלעך אויף אן אזויצוזאגן טעאלאגישן געביט, אויסר אפשר די ווערטער „ממון" און „אבנים טובות", וואס געהערן צו דעם געשעפטסלעבן. מען דארף זיך וואונדערן און באוואונדערן דעם לוח פון אן אסימילאטארישער אידעאלאגיע, וואס איז אימשטאנד געווען צו פארטונקלען דעם אביעקטיוון אמת אפילו פאר דעמדאזיקן גאון און ליבהאבער פון דער יידיש-טייטשער ליטעראטור. ירושה, חלקים, סעודה, מלך, חדר, שלום, בחרפה, מתחתן זיין, מאמין זיין א סוד, פרנסים, לחיים ולשלום, מורד זיין,—איך רייס ארויס בלויז עטלעכע ווערטער, וואס ווייזן, ווי שטארק פארטראטן איז געווען דער העברעישער עלעמענט אין דער יידישער שפראך שוין אין 16 י"ה,—און ווי ברייט דארף זיין דער באגריף פון „טעאלאגישן קרייז", בכדי ש"ש זאל גערעכט זיין.

טאקע צוליבדעם, וואס „מעשה בריעה וזימרה" איז אן אריגינאלווערק, און ניט קיין איבערזעצונג ניט פון דייטשע, ניט פון העברעישע מקורים, איז זי א גאר וויכטיקער דאקומענט פאר דער יידישער שפראך אין דעם 16 יאר-הונדערט.

אינהאלט פון „מעשה בריעה וזימרה".

דער יינגער זימרה, זון פון טובת, איז זייער באליבט ביי דעם יידישן מלך אין ירושלים, ער איז דער אויבערשטער אויף זיין הויף און דער ריכטער פון דעם פאלק ישראל. זיין חכמה ווערט אילוסטרירט מיט א משפט פון א פרוי און אירע צוויי קינדער, וועלכע זייגען געקומען צוטיילן זייער פאטערס

ירושה, און איינער פון די זין האט געהאט צוויי קעפ און צוליבדעם געפא־
דערט צוויי חלקים. זימרה האט גיהייסן גיסן הייסע וואסער אויף איין קאפ,
דאן האט געגומען שרייען אויך דער צווייטער קאפ, ס'איז אלזא קלאר געווארן
אז ס'איז איין מענש און ס'קומט אים איין חלק. דער מלך, זימרה און זיין
פאטער ווערן איינגעלאדן צו א סעודה ביים כהן גדול פיגין, און דא דער־
זעט זימרה פיגינס טאכטער, בריעה, און פארליבט זיך אין איר, און אויך
בריעה האט אים ליב באקומען. זיי זאגן זיך צו טריי זיין איינער דעם אנ־
דערן. זימרהס פאטער שיקט פיר פרנסים צו דעם כהן גדול בעטן ביי אים
די הסכמה צו דעם שידוך. דער כהן גדול אבער זאגט אפ, ווארום עס שטייט
אים ניש אן דער שידוך מיט זימרה, וועלכער איז ווייזט אויס פון ניט קיין
געהויבענעם יחוס. עס מישט זיך אריין דער מלך, וועלכער רופט צו זיך,
אפילו צוויי מאל, דעם כהן גדול, און רעדט אים צו אפצוגעבן זימרהן זיין
טאכטער,—עס העלפט אבער ניט, דער כהן גדול זאגט קאטעגאריש אפ. דער־
ווייל זעען זיך די פארליבטע אין דעם הויז פון דעם כהן גדול, ווהין זימרה
קומט בשעת אלע גייען אוועק דאווגען אין שול, און זיי קישן זיך דערביי
„טויזנטמאל". דערווייל מאכט זיך א מעשה, אז דער אפיפיור (דער פויבסט)
מאכט א גזירה, יידן זאלן ניט טארן יידישן די קינדער, און יידישע פרויען
זאלן ניט טארן גיין צו דער טבילה. דער פויבסט לאזט נאך דערצו ניט
אריין קיין שום יידישן שתדלן, וועלכן ער הייסט גלייך טויטן. דא פאלט
איין א געדאנק דעם כהן גדול פטור צו ווערן פון זימרה דורכדעם, וואס ער וועט
אים שיקן אלס שתדלן צום פויבסט' אלס לוין זאגט אים צו דער כהן גדול
זיין טאכטער בריעה, אויב ער וועט באוויזן צו פועלן ביים אפיפיור מבטל
צו מאכן די גזירה און בשלום צוריקצוקומען, ווארום דער כהן גדול איז זיכער,
אז זימרה וועט שוין פון רוים ניט צוריקקומען. אבער זימרה געלינגט דורך
דמאות—(א גאנץ פרימיטיווער,—זימרה האט פונאנדער געווארפן קלייגעלד,
וועלכע די שומרים קלייבן צונויף, און לאזן אים דערווייל דורך) אריינצוקריגן
זיך צום פויבסט און איבערצייגן אים, אז זיין גזירה איז שעדלעך פאר איס
גופא, ווארום מילה שוואכט אפ יידן, אויב ווידער יידישע פרויען וועלן צוליב
דעם פארבאט ניט קענען אפהיטן נידה, וועלן זיך יידן מערן כחול הים „כן
ירבה", אויסרדעם ווירקט אויף זיי שלעכט דאס קאלטע וואסער. דער אפיפיור
איז אלזא מבטל די גזירה, שענקט זימרהן אסאך מתנות, און אונדזער העלד
קומט צוריק מיט טריאומף. דער כהן גדול ברעכט אבער זיין ווארט, און וויל

ווידער ניט געבן זיין טאכטער. פאר צער און אפשר צוליב דעם קושן זיך שטארבט בריעה. נאך איר טויט פארפירט א מיסטישער פערד זימרהן אויף יענער וועלט (ווייזט אויס, אין א מין כף־הקלע), און ער דערזעט בריעהן אין א שטיבל אויף די טרעפ,— זי מוז דארט בלייבן 8 טאג אלס שטראף פארן קושן זיך. זימרה האלט זיך ניט איין און קושט זי, כאטש זי זאגט אים פארויס, אז ער וועט צוליבדעם שטארבן אויפן דריטן טאג. ער טוט תפילה, און בריע גייט באלד אריבער אין דעם גן־עדן. אליהו הנביא פירט אים ארויס, זימרה געזעגנט זיך מיט אלע נאענטסטע און שטארבט אויפן דריטן טאג. די מלאכים גבריאל און מיכאל קומען און טראגן אוועק זיין טויטן קערפער אין דעם גן־עדן, ווו מען שפילט אפ מיט גרויס פאראד זיין חתונה מיט בריעהן, און הקב"ה אליין מאכט די ברכה.

מעשה בריעה וזימרה

טעקסט.

(כתב־יד מינכען 100, בלאט 67—73.)

מעשה בריעה וזימרה.

(כתב־יד מינכען 100, בלאט 67–73).

מעשה[110] איז גישעהן אייני היז בריעה אונ׳ איינר היז זימרה: איינר היש הורקניש דער אם נעשן[111] ביי דעם מלך וואר. אונ׳ וואר גר וואול גיהלטן אונטר דען יודן אונ׳ איין פירשט אונטר דעם ואָלק: אונ׳ זימרה זון טבת וואר גר שוין אונ׳ איין גרושר חכם אונ׳ איין לערנער. אונ׳ דער מלך הט איין ליבר דען אל זיין דינר. אונ׳ ער וואר אויברשטר אן דעש קויניגטש הוף. אונ׳ ער היז איין זימרה נוך זיינום עלטר ואטר. אונ׳ דער קויניג מכט איין ריכטר אויבר אל זיין ואלק ישראל צו לערנן זיא תורה. אונ׳ דער מלך גב אים איין הויז. בייא זיינום שלוס. צו ירושלים. אונ׳ בייא הויזר דער כהנים. ווען ער וואר איין ריכטר אויבר אל ישראל דרייא מול אים יאר ווען זיא אוף גינגן אים יאר צום רגל אונ׳ אלי טג קאמן צו גינעהן אופפר[112] אונ׳ צו איינום ראש השנה זאש דער מלך אויף זיינום שטול. אונ׳ זייני קינדר שטונדן בויר אים. דא קאם איין ורויא מיט צוויין אירי זוינין ור אין אונ׳ הטן איין צנק[113] בון וועגן איינר ירושה דיא אין איר ואטר גילושן הוט. דער איין הט צווא הייבטר[114] אונ׳ רידט מיט צווייא מוילר אונ׳ ביגערט צווייא חלקים. דען עש ווער זיינר צוויין. דא זגט דער קויניג צו זייני צוויין זוינין טובת אונ׳ זימרה טויט איר גיריכט[115]. וויל זעהן וויא ווערט איר דש אורטייל שפרעכן. דא ענטוורטן זיא גינעדיגר הער ואטר אונ׳ קויניג מיר וועלן עש גערן טון. דא קאם דער מיט דען צוויין קויפפן ור זיא. אונ׳ טובת וואושט ניט וויא ער זולט איין אורטייל געבן[116]. אונ׳ היש[117] אים הייש וושר געבן אין איין קנט[118] דש גישיך. דא גוס מן אים דש היישי וושר אויבר דש איין הייביט דא שריא דש אנדר הייבט. דא זגט זימרה ווארום שריישטו הב איך דיר דוך ניקש גיטון זא זיך איך אויך וואל דש דו איין לייפ בישט. מן זול דיר אויך איין חלק געבן. דא לבט[119] דער קויניג אונ׳ אל זיין ואלק דעש אורטייל צו זימרא:

אחרי הדברים האלה דא זאך דער קווישליך[120] זימרה דיא שוין בריעה טוכטר פיגין אונ׳ זיא וויש זער דעמויטיק[121] אונ׳ גר ורום אונ׳ זיא גיוויל אים גר וואל. אונ׳ אויך דיא יונק ורויא הט אין אויך גר ליפ. דען זי הורט דש ער איין תלמיד חכם אונ׳ ורום וואש. אונ׳ זיא גילושט אין אין אירם הערצן: אונ׳ עש וויש איינוג טג דא מאכט דער פיגין איין סעודה, אונ׳ פרייאט[122] טובת אונ׳ זימרה דא ורייאיט זיך זימרה זער. צו דער צייט דש מן עשן זולט דא זגט ער איצונדר וויל איך מיין הערץ אנטפלעקן גיגן דער יונג ורויאן. דא זיא נון קאמן אין דעש הערן כהן הגדול הויז דא וואר ברייט איין גר קווישליכי סעודה. אונ׳ ער ברייט דען טיש מיט וויל הויפשי כלים, דיא זיא ניא אַלזא הויפשי ביא קיינום מענשן גיזעהן הטן אונ׳ דיא לויט ור וואונדרטן זיך זער דארן. דא שפרך ער דש זינד ניט הויפשי כלים. איך הב זיא נוך וויל שוינרש חפץ[123]. אונ׳ בורט זיא דען מלך אונ׳ טובת. אונ׳ זימרה. מיט אים אין איין חדר. דא וויש ער אינן דיא שוין טוכטר. דיא וואר דיא איניקליך שוין מענשא[124]. דש ניא קיינר מיט אויגן גיזעהן הט. איר שוינהייט איז ניט צו שרייבן. דרום מוש איכש לושן בלייבן. אונ׳ דער זמרה זאך זיא גר עבן אן. אונ׳ קונט זיא ניט גינוג זעהן. אונ׳ דר שרק בון וועגן דער ליכן. דש ער ור בלייכט. אונ׳ דיא לויט זאהן עש וואל אן אים. אונ׳ לכטן זיין. אָבר זיא שוויגן שטיל. דרצו: אזא גינגן זיא ווידר בון איר אין דיא אנדר שטוב. אונ׳ אנטשליפן אזא טרונקן ווארן זיא. אבר דער זימרה דער שליף ניט אונ׳ גידוכט וויא ער צו דער שיין טוכטר וועלט גין. אונ׳ זולט עש אים זיין לייפ קושטן. אונ׳ גינג אזא מיט ורייאים מוט. אין צו איר אין דש חדר דא זיא אין וואר. אז ער דיא טויר אוף טעט. אונ׳ זיא זאך אין קומן. דא שטאנד זיא אוף גיגן אים. אונ׳ אנטפפינג אין גר ליפליך אונ׳ שוין. אונ׳ ער דאנקט איר צויכטיגליך[125] ווידר. אונ׳ זיא בורט[126] אין בייא דער הנד. אונ׳ זעצטן זיך גיבן אננדר נידר. דא היב ער אן אונ׳ שפרך איך העט עטווש מיט אויך צו רידן. אין אַלים צויכטן אונ׳ אירן. וויל אויך דר בייא גיבעטן הבן וועלט מיר ניט ור אויבל הבן. דא זגט זיא ליבר זימרה ריד ווש דו ווילט. איך וויל דירש ניט אויבל הבן: דא זגט ער זינטמאל[127] דש איך אויך אן גיזעהן הב. זא בין איך מיט זוילכר ליבי בישטריקט.[128] דש איך קיין רוא הב. אונ׳ פיט[129] אויך איר וועלט מיר ור היישן[130] מיך צו איינום מן נעמן. זא וויל איכש בייא מיינום הער ואטר צו וועגן ברענגן דש ער מיט אויערם וטר רידט. דש ער זיין ווילן דריין גיבט,

איך וויל מכן דש עש מיט גרושר ערן צו גיט: דא זגט זיא ליבר הער זימרא איר העט מיך ניט אזא גערן. נוך ויל ליבר הב איך אויך.131) איך קאָן אויך ניט דר צילן דיא ליפ דיא צו אויך הב. ווען עש בון גאט י"ת בישערט זול זיין. זא ווערן מיר די זאך וואל צו וועגן ברענגן. אזא שיידן זיא בייד בון אנגדר מיט ורוויליכם מוט. אונ׳ זימרא קאם ווידר צו דען לויטן. אונ׳ שטעלט זיך אז ווען ער קיין וושר ביטרויבט העט. אונ׳ ווער אנטשליפן בון וועגן דער טרונקזהייט. אזא נמן דיא גישט132) ווידר אורלב אונ׳ צוגן איטליכר ווידר היים מיט שלום: דאָ זימרה היים קאם. נאם ער זיך איין קרנקהייט אן. וואלט וועדר עשן נוך טרינקן נוך שלופן אונ׳ וואר גר טרויריג: דא זגט זיין ואטר. ליבר זון זג מיר ווארום בישטו אזא טרויריג. זג מיר ווש אישט דיין אן ליגן. דא זגט ער ליבר הער ואטר איך מוש דיר זגן. זינטמאל דש איך דעש כהן גדול טוכטר הב גיזעהן. דא בין איך מיט זוילכר ליבשאפט גיגן איר ור שטריקט. וואו133) דיא מיר ניט צו טייל ווירט. זא מוש איך שטערבן ור גרושר ליפא. דער הלבן ליבר הער ואטר. ריד מיט דעם כהן הגדול. דש ער מיר זיא צום וויפא גיבט: דא זגט זיין ואטר טובת. ליב זון שווייג שטיל אונ׳ מך דיך אונ מיך ניט בחרפה. איך בין מיך גיט טועה. ער איז זיך צו מיר ניט מתחתן. דער הלבן ואליג134) מיר אונ זעץ דיין דיעה דר בון: דא זגט זימרה ליבר ואטר דא וויל איך דיר דען סוד מאמין זיין. זא ווירשטו הוירן דש איך ניט בחרפה ווערט ווש זיך צו גיטרגן הוט. דא אונש דער כהן הגדול צו גשט גיהצט הוט. אונ׳ אנדר לויט הבן גישלופן. זא בין איך היימליך צו איר קמן. אין אַלין צוויכטן אונ׳ אירן. דא הבן מיר בייד אנגדר דיא איי גיהיישן,135) אונ׳ ור שפרוכן. דא הורט טובת וואל וויא דיא זאך איין גישטלט העט אונ׳ זגט נון ליב זון זא גירב דיך136) וואל. איך וויל מיין הייל ור זוכן. אזא גינג טובת בון זיינום זון זימרה אונ׳ גינג צו ויר מאנן דיא בעשטן אין דער שטט. אונ׳ זגט אין זייניש זונש אן ליגן137) אונ׳ ביגער. אונ׳ בט זיא זיא זולטן מיט דעם כהן הגדול רידן דש ער זיין ווילן דר צו גיבט אונ׳ ור היש138) אין איין גוט שדכונית. דא זגטן דיא ויר מאנן זייא דו אונ דיין זון גיטרוישט. דש ווילן מיר וואל צו וועגן ברענגן איז אונש אויך קיין צווייביל ניט גיא אונ׳ רוישט139) אויך בור צו דער ברויילפט:140) דאָ זגט טובת עש איז נוך צו בלד141) צו דער ברויילפט צו רוישטן. איך הב נוך צייט גיט ברענגט אין ואר: דיא ויר פרנסים גינגן צו דעם כהן הגדול. אונ׳ הילטן אים טובת אונ׳

זימרה ביגער. ער זול זיך צו אים מתחתן זיין. ער וועלט זיינום זון גרויש ממון געבן: דא לכט פיגין דער כהן גדול אונ׳ זגט ליבי פרנסים אונ׳ גוטן ורוינד. איך וויש וואל דש דער זימרה דער שוינישט אונ׳ דער קלוגישט קנאב אישט אין דעם לנד אונ׳ רייך,142) אבר מיין טוכטר אים צו געבן, דאש גישיכט ניט אין קיין וועג. איך וועלט זיא אי דר טרענקן,143) איצונדר הט איר מיין בישייד אונ׳ ציכט הין לחיים ולשלום: אזא גינגן די ויר פרנסים ווידר צו טובת אונ׳ זגטן אים דען בישייד. דא זגט טובת הב איכש דוך ור גיזגט. איר וואלט איך זולט דען קויבי144) ור דער קוא קאפן. איצונדר איז עש מיר איין שנד דש איך אן גיהובן הב. דיא בוטשפט145) קאם זימרא. ווען וואר וויאר דען אים זיין הערץ וואלט אים צו שפרינגן ור צרות. דא זגט זיין וטר שוייג שטיל מיין ליבר זון איך וויל דיר וואל איין אנדרי געבן. אונ׳ צוועינציג טויזנט גולדן דר צו. אבר זימרה וואלט ניט גיטרוישט זיין. אונ׳ זגט ווען מיר דיא שוין טוכטר ניט ווערד. זא מוש איך שטערבן ור לייד. דא זימרה זאך דש ער דורך זיין ואטר אונ׳ דורך דען ויר פרנסים ניקש קונט אויש ריכטן. דא צוך ער צו דעם מלך אונ׳ זגט אים זיין אן ליגן דען ער וואר דעם מלך גר ליפא אונ׳ פט146) אין ער זולט מיט דעם כהן הגדול רידן דש ער אים דיא טוכטר געב צום ווייפא. דא זגט ער איך וויל עש גערן טון אונ׳ שיקט נוך דעם כהן הגדול אונ׳ זגט צו אים איך וויל דיך אום איין זאך פיטן דוא וועלשט מירש ניט אב שלגן. אונ׳ גיב דיין טוכטר בריעה זימרה צו איינם ווייפא: דא דר שרק דער כהן הגדול זער אונ׳ שפרך ליבר הער קויניג וועלט איר147) מירש רוטן דש איך מיך זולט צו איינום נידרין גישלעכט געבן דען איך בין. אלי יידן ווערן מיינר שפיטן.148) איך קאן עש ניט אין מיר וינדן אונ׳ וויל עש אויך ניט טון. וויל אויער קויניגליכן מיישטיט149) טון וויש אים ליב אישט. דא זגט דער קויניג וויל דיך ניט נויטן. אזא צוג ער דר בון. אונ׳ טובת אונ זימרה קאמן צום מלך. אונ׳ וואלטן איין גוטן בישייד בייא אים הולן. אבר עש וואר ניקש איר ביגערונג: דא זגט דער קויניג וויש אים דער כהן הגדול ור איין תשובה געבן הט. דער הלבן מיין ליבר זימרה שטיא בון דיינום ביגער עש גישיכט ניט. היב אן וויש דו ווילשט: דא וורטיט זימרא ביז דש מן אין דיא שול גינג. דא גינג ער אין דש כהן הגדול הויז: אז בלד זיא אין דער זאך ליש זיא אין איין אונ׳ אנטפפינג אין אונ׳ ער הוב אן צו וויינן. דא זגט זיא ווארום ווייניש טו. דא זגט ער דארום דש דיין ואטר דיך מיר ניט וויל געבן צום ווייפא. דא הוב

זיא אויך אן צו וויינן אונ׳ זגט דש גאט דער ברים,[150] דא זגט זימרה הערץ
ליפ טרייא איך וויל דיך אום איין ביט פיטן: דש דו מיר זיא גיווערשט,[151]
דא זגט זיא פיט וויש דו ווילשט דוא זאלשט גיווערט זיין. איך וויש וואל
ויש דו מיר ביקש צו מוטשט, דש זוינדא אונ שנדא איז. דא זגט ער זא פיט
איך דיך דש דו קיין אנדר מן נעמשט דען מיך. זא וויל איך דיר ור הייזן
קיין אנדר ווייפא צו נעמן דען דיך. דא שפרך זיא איך וויל עש גערן טון,
אזא גילובטן זיא אן אננדר. דא ליש זימרא איין גרושן זיפפצא אונ׳ זאך זיא
אן, דא שפרך זיא (אויי[152]) ווארום טושטו אזא. דא זגט ער איך ווערט נוך
איין בעט אן דיך הון ווערשט מירש ניט ור זגן, איך וועלט דיך גערן קוסן,
דא זגט זיא עש זייא דיר דר לאבט. דא קוסט ער זיא טויזנט מאל אונ׳ זיא אין
אויך: דא וואלט מן שיר[153]) אויש דער שול גין. דא שטונדן זיא אונ׳ וויינטן
מיט אננדר. אונ׳ זיא שפרך ליבר זימרא ווען דו מיט דעם יונגן קוניג רייטשט.
זא רייט ור מיינום הויז בור זא שטיא איך אן איינום וענשטר דש איך דיך
זעהן קאן. אבר דו קנשט מיך ניט זעהן. ווען איך דש וענשטר ניט אויף טוא.
אבר אלי מורגן זא מן ברכו זגט דא דו איך דש וענשטר אוף אונ׳ הויר
ברכו אורן[154]), זא קנשטו מיך זעהן. אונ׳ ווען דו זיכשט איין הנד צווע[155])
אויש הער העגקן. זא קום צו מיר. אזא שיד ער דר בון. מיט ורויליכם מוט,
אונ׳ אלי מורגן גינג ער אונטר איר וענשטר אונ זאהן זיך אננדר אן: איין
מולט קאם דער יונג מלך צו רייטן. אונ׳ זגט צו זימרה וועלן מיר ור דש
טור רייטן שפצירן. דא זגט זימרה יוא. דא ריטן זיא מיט אננדר. אונ׳ זימרא
וואר זיפצן אונ׳ גר טרויריג. דא זגט דער יונג מלך וויש אישט דיר דש דוא
אזא טרויריג בישט. ור הושטו מיט דעם פפערד גישפרענגט. אונ׳ איצונדר
רייטשטו אז ווען דו שליפשט דו מושט מיר זגן וויש דיר אישט אודר אן
ליגט. דא זגט ער דער כהן גדול הוט איין טוכטר וואו זיא מיר ניט ווערט
דא מוש איך שטערבן ור לייד. דא זגט דער יונג מלך גיהעב דיך ניט אויב[156])
שווייג שטיל זיא מוש דיר ווערדן. איך וויל עש מיינום ואטר זגן ער מוש
נוך אים שיקן. אונ׳ מוש מיט אים רידן דש ער זיא דיר געבן מוש. ווערט
עש מיינום ואטר ניט ור זגן. אזא רייטן זיא מיט אננדר ביז אויף דיא בורג.
דא זגט דער אלט מלך וויש אישט דיר דש דו אזא ערנישטהפט זיכשט[157]) איך
הלט דו בישט ניט בייא (בויא[158]) זעלבשט. דא זגט דער יונג מלך איך ווילש
דיר זגן. דא זגט ער אים ער זולט דען כהן גדול פיטן. דק ער דים זימרה
זיין טוכטר צום ווייפ געב. דא זגט דער מלך איך הב אין ור אויך איין מול גיבעטן

הוט מיר מיין פיט ור זגט. דא זגט דער יונג מלך איך וועלט עש אים שאפן מיט פיטן, וואו ערש דיך ווידר אב שלויג וועלט איין אם לייפ שטרופן, דער שיקט ווידר נוך אים אונ׳[159] זגט צו אים איך הב דירש ור[160] אויך צו גימוט דו וועלשט זימרה דיין טוכטר צום ווייפ געבן. דש זעלביג הושטו מיר ור זגט, איצונדר פיט איך דירש, אונ׳ וועלט ניט מוריד אן מיר זיין. דא זגט דער כהן הגדול איך וייש וואל וואו איך עש ניט טעט. זא וואורשאו מיך טויטן, דען ווער ניט טוט וויש דער מלך זגט דער הוט דש לעבן ור לורן, אונ׳ וויל עש דוך ניט טון וויש מיר דארום גישיכט. וויא וואל דער זימרה איין שוינר וואל גילערנטער אונ׳ וויזר קנאב איז. איך וויל מיין טוכטר אי דר טרענקן אי איך זיא אים געבן וויל. דער מלך וואר צורניק אונ׳ זגט איך וויל דיך לושן טויטן, דיא ווייל דו מיך ור אכשט. זא ביהלט דיר דיין טוכטר. איך וויל זימרא וואל איין אנדר ווייפ געבן. און[161] דיין טוכטר: דער מלך שפרך צו זימרא זוך דיר איין אנדר ווייפ אין אל מיינום לנד. זא וויל איך דיר ויל ממון דר צו געבן. אבר עש גיויל זימרה ניט. דיא שוין בריעה לג אים אין זין. אונ׳ זגט דעם מלך גרושן דנק אונ׳ שיד בון אים מיט טרויריקייט:

אחר הדברים האלה. וואר איין אפיפיור צו רום גר איין גרושר רישע. דר ור פיט[162] עש זולט קיין ווייפ צו טבילה גין אונ׳ זולט קיין קינד יודשן. אונ׳ זולט קיין יוד ור איין קומן לושן. וואו איינר קעם זא זול מן אין טויטן. אונ׳ מן שריב עש דיא יודן אונ׳ בט דען כהן הגדול דש ער תפילה טעט דש זוילכי גזירה ור שטוירט וואוירד: דא גידוכט דער כהן הגדול איצונדר וויל איך דעש זימרה וואל אב קומן. איך וויל צו אים זגן ווען ער צו דעם אפיפיור וויל אונ׳ וויל ור דיא יידן פיטן דש ער זוילכיש ווידר שפרעך זא וויל איך אים מיין טוכטר געבן: זא ווערט אין דער אפיפיור טויטן. דא קום איך זיינר אב. דש הורט[163] זיין טוכטר. זיא גידוכט איך וויל אין וורנן. אונ׳ דא מן אין דיא שול גינג. הינג זיא דיא צנד צוועל ווידר הרויש. דא דר זך עש זימרה. אונ׳ גינג צו איר. אונ׳ זיא אנטפפינג אין גר שוין. אונ׳ זגט אים אלי זאך וושר (ווש?[164]) איר ואטר אים זין העט. דער הלבן לוש דיך ניט אויבר רידן דש דו ניט אום דיין לעבן קומשט. אודר איך וויל דיר ניט הלטן וויש איך דיר ור היישן הב. דא זגט זימרה וויל מיר דיך דיין ואטר געבן. דא וויל איך מיין לעבן וואגן[165] בון דיינט וועגן. דא וויינט זיא זער. ער שפרך גיהעב דיך וואל גאט ית״ ווערט מיר דש גלויק געבן, דש מיר ניקש גישיכט. דא נאם ער אורלב בון איר מיט

גאסן אויגן. אונ׳ זיא זגט צייך הין דש דיר גאט גלויק אונ׳ הוייל געבו דא מן נון אויש דער שול גינג, דא נאם דער כהן הגדול זימרה אויף איין אורט אונ׳ הילט אים דיא זאך בויר. דא אנטוורט זימרה וועלט איר דעם נוך קומן וויא איר זגט, זא וויל איך מיין לעבן וואגן. ער ור היש אים ור עדים: אזא צוך זימרה דר בון אונ׳ זגט דער שוין בריעה ניקש מין דר בון. דא זגט דער כהן הגדול מיר זיגד דעם זימרש וואל אב קומן, ער קומט ניט לעבנדיג ווידר, דא עש דיא טוכטר הורט דא שריא אונ׳ וויינט זיא אונ׳ טריב איין גרושן יאמר אז לנג אז ער אוישן וואר: דער זימרה צוך אז לנג ביז ער גין רום קאם צו דעם אפיפפיור. ער ורעגט דיא יודן וויא ער קוינט צו דעם אפיפפיור קומן. דא זגטן זיא וואו ער ור אין קעם זא טויט מן אין. דא שוויג ער אונ׳ גינג אין דין וויכשיל166) ועכשילט ור ציהן גוילדן אייטיל167) גרושן. גינג אזא אין דיא בירג ליש ויל גרושן ואלן. דיא טויר הויטר לישן אין גין אונ׳ קלויבטן געלט אוף. דא ער גר אין הוף קאם דא גינגן כעהורים168) אונ׳ גרופן (גרובן?169) אים אנטגיגן. אונ׳ וואלטן וראגן ווש מנש170) ער ווער. דא ליש ער אבר געלט ואלן. זיא קלויבטן אבר אוף אונ׳ לישן אין גין. אזא קאם ער בור דען אפיפפיור היניין. דא וראגט אין דער אפיפפיור ווש מנש ער ווער דא שפרך ער איך בין איין יוד. דא דר שרק דער אפיפפיור דע ער אזא היניין קומן ווער אונ׳ ווער אים ניקש גישעהן. אונ׳ די טרבנטן171) וואלטן אין טויטן. דא ביואליך172) ער מן זולט אין לעבן לושן. אבר ער וועלט דיא מור הויטר אל טויטן לושן דא זגט דער אפיפפיור נון זג אן מיין ליבר יוד ווש אישט דיין בגער. זא וויל איכש אן הוירן, זינד דש דיר גאט דש גלויק געבן הוט דש דו ור מיך בישט קומן אן גישעדיגט. דא זגט זימרא איר ווירדיגר הוך גילובטר הער איך וועלט אויער איר ווירדיגי גינוד איינש אונ׳ צווייא ורעגן. אונ׳ אויער גינוד זול מירש ניט ור אויבל הבן. אונ׳ וועלט עש מיר בישיידן. דא זגט ער וריג (ורוג?173) ווש דו וויל (עיי לבט?174) ניקש בון דען יודן. דא זגט ער איך וויל אויך איין ורוג בון די יודן ורעגן. דש אויך איין דינשט אישט. דא זגט דער אפיפפיור זא ורוג, דא זגט זימרה ליבר הער. ווען איר ויינד הט. וועלט איר175) ליבר דש זיא שוואך ווערן. אודר שטרק. דא לכט דער אפיפפיור אונ׳ שפרך וויא גר קינשטליך ורעגשטו. העט איך ויינד ווער מיר ניט ויל ליבר זיא ווערן שוואך. דען שטרק. נון ליבר זג מיר ווש מיינשטו דר מיט. אונ׳ ווארום ורעגשטו אזא גערש: דא זגט זימרה וועלט איר מירש גיוואונן געבן. זא וויל איך

עש אויך זגן, אונ׳ בון176) אויך בון אויערט וויגן הער קומן. אונ׳ איר הט רעכט גירעט. אבר אויערי רויט רוטן אויך ניט רעכט מיט טרויאן. דען די יודן זינד אויער ויינד אונ׳ בון קיין קראנקר אונ׳ שוואכר ואלק איז אויך ערדן דיין די יודן, דען מן בישניידט זיא צו אכט טגן, זא דש בלוט בון אים קומט זא ווערט ער שוואך, אבר דא ער ניט בישינטן (בישניטן? 177) איז דא שלגט איין יוד ציהן קרישטן אונ׳ איר ור ביט דש מן קיין יודן זול מין בישניידן, אין ציהן יארן ווערט אויער לנד אלש בול178) יודן זיין, דא זגט דער אפיפיור דש אישט וואר: וואש אישט נון דיא אננדר וראג. דא זגט זימרה ליבר הער ווען איר ויינד העט וועלט איר ליבר עש ווערן ויל אודר וועניג. דא לכט ער אבר אונ׳ זגט איך וועלט ליבר עש ווירן וועניג דען ויל זג מיר וויש מיינשטו דר מיט. דא זגט ער איך ווילש אויך זאגן. איר הט ור פיטן דיא יודן ווייבר זולן ניט טבילה גין אזא ור איין יוד אישט גיבורן ווארן, ווען איצונדר ויר גיבארן ווערדן. ווען בון דען קלטן וושר דר שרעקן דיא יודניש. אונ׳ ווערן ניט בלד טרגן אויך דרפן זי ניט בייא-דין מנן ליגן. ווען זיא א אבר ניט אין דש קלט וושר גין. ווערן זי ור אונ׳ בויר בייא אירן מנן ליגן. זא ווערן איר אז ויל אז זנט179) אים מער כן ירבה. אונ׳ ווערן איין שטרייט מיט אויך מכן. אונ׳ ווערן אויך צו טוט שלגן. דא זגט דער אפיפפיור יוד דו הושט וואר גיזגט איך הב ניט ויל גישיידר יודן גיהערט אליש דו בישט. דער הלבן וויל איך דיך וואל ביגובן.180) אונ׳ ווידרהיים לושן ציהן. מיט ורידֿ. אונ׳ גב אים ויל ממון אונ׳ אבנים טובות אונ׳ איין גוטן בעריף. דש דיא גזירה זולט מבטל זיין. דא ליש דער אפיפפיור דיא טוא הויטר אל טויטן. די אין היניין הט לושן גין כן יאבדו: אונ׳ דער זימרה נאם אורלב בום אפיפפיור אונ׳ קאם ווידר אין זיין הערבריג צו דען יודן. דא זגט ער אין וויא ער דיא גזירה הט מבטל גיוועזן. אונ׳ וויז אין דש ממון אונ׳ דען בריף דען אים דער אפיפפיור הט געבן. דא וואלטן אים די יודן אויך גרוש ממון געבן. ער וואלט אבר ניקש נעמן. דען ער האט ור הין גינוג. אונ׳ גיזעגנט זיא אונ׳ רייט ווידר היים צו לנד. דא וואר אידרמן דער ורייט בפרט זיין אלרליבשטן בריעה. אבר דער כהן הגדול. דער דר שרק דש אים שיר די נשמה וואר אויש גנגן. ער הט יא גימיינט מן זולט אין גיטויט הבן. דער גוט זימרה ווייש דען בריף אונ׳ אידרמן ווש ורוא דש די גזירה מבוטל וואר: דא זגט זימרה איצונדר גיב מיר וויש דו מיר גיהיישן הושט. דער

כהן הגדול וואורד אים פסול. אונ׳ וואלט אים די טוכטר אבר ניט געבן. אונ׳ זולט איך דארום קומן אום מיין לעבן. דא שפרך זימרה דש מוש גאט ית״ דר ברמן. אונ׳ זגט ווש אישט מיין גרושי ערבייט[181] אונ׳ גיוערליכקייט דיא איך מיך אונטר שטנדן הב. אונ׳ איצונדר איז עש אבר ניקש. אונ׳ גיהוב זיך זער אויבל דש ניט צו שרייבן איז: דער גוט עלנד זימרה וורטט ביז מן אין דיא שול קאם. אונ׳ גינג אבר צו זיינר ליבן בריעה. דיא אנטפפינג אין גר שון אונ׳ ליבליך מיט ויל ורויליכן וואורטן. אונ׳ ער זגט איר וויא אים איר ואטר ווידר פסיל וואר וואורדן. דא וויינטן זיא בייד זער אונ׳ טרייבן איין גרושן יומר. אונ׳ זיא ויל אים אום זיין הלז אונ׳ קוסט אין אונ׳ זגט ליבר זימרה. גאט זייא עש גיקלגט איך וייש וואל דש איך מוש שטערבן ור לייד. דא זגט זימרה דא זייא גאט בויר. אונ׳ ער קוסט זיא. אונ׳ זיא קוסט אין. עש וואר איין זוילכש גיקוסט. ווען זיא ניט שוין וואר גיוועזן. זא איצונדר שוין גיוואורדן[182] אונ׳ גינג אזא בון איר הין וועק. דא ער בון איר קאם אליש בלד שטרב זיא ור לייד. דרום זול קיינר איינש קוסן. ווען איינר בון איינם וועק גיט: אבער זימרה וואושט ניקש דר בון דש זיא גישטורבן וואר. דא וואר גר איין גרושן יאמר אונ׳ קלג. אונ׳ זיא וואורד ערליך ביגרבן:

איינש טג גינג דער זמרה ור דען אלטן אונ׳ יונגן מלך דא וואר ער שוין בון איינן אנטפפנגן. דא ער בון דער בורג קאם ביגעגנט אין זיין ואטר. אונ׳ זגט ליבר זון איך וועלט דיך גערן עטווש ורוגן ווילשטו ניט דר שרעקן. דא זגט ער ניין איך וויל ניט דר שרעקן. דא זגט ער דו הושט דיך ור אויבל גיהיבט דש דיר דער כהן הגדול ניט הוט וועלן דיר זיין טוכטר געבן איצונדר גיהיב דיך נוך אויבלר דען זיא אישט גישטורבן. ור לייד דר הלבן דר שריק ניט. דא זגט ער וואורום זולט איך דיר שרעקן וואש גאט ית״ טוט דש אישט וואל גיטון. אבר וויא זיין הארץ וואר קאן איין איטלכר וואל גידענקן. דא ער היים אין זיין קמיר קאם דא טריב ער איין יומר אונ׳ דייט זיין הור ור לייד אויש זוילכר יומר אישט ניט צו שרייבן. נוך זוילכם יומר גינג ער ווידר אויש זייגר קמר אונ׳ וואושט זייני אויגן דש מן עש ניט מערקן זולט. דש טעט ער וואל אכט טג אן אנגדר:

נוך דער צייט דש דער קויניג אלט ווש. דא זגט ער נוך זייני יועצים אונ׳ הערן. זיא זולטן קומן ער וועלט זיין זון קרויגן בייא זייגום לעבן. דש גישיך. אונ׳ ער מכט איין גרושי סעודה. דער זימרה וואר וואל אם יונגן מלך

דא זגט דעם (דער?) יונג מלך צו זימרה מיין ואטר הוט מיר דש קויניגרייך
אויברגעבן נוך זיינום טוט צו ביזיצן קום מיט מיר צו מיינום הערן ואטר
דעם קויניג אונ׳ ור זייני יועצים זא וויל איך דירש אויבר ענטוורטן נוך
מיינום טוט. דש דו עש זולשט ביזיצן. דער הלבן ווארט איין קלייני וייל
זא מושטו מיט מיר אוף דש שלוס רייטן. דער זימרה זגט יוא אונ׳ רושט[183])
זיך גר שוין מיט קליידונג אונ׳ מיט אַלין רינגן (דינגן?[184]). ער וורטיט איין
קלייני וייל. די וייל וואר אים צו לנג. אונ גינג אַל גימך[185]) ור זיך ער
גידוכט ער ווערט מיך וואל אויבר רייטן. דא ער אבר דען בערג הינויף גינג
ער הוב אן מויד ווערדן. דען דער בערג ווש גר הוך. אונ׳ שטונד איין
וייל שטיל דא זאך ער גר איין שוין פפערד ור אים לפן גר וואל גיצירט
מיט רוישטונג דש ער אַל זיין טג ניט הויפשר גיזעהן הט. אונ׳ עש טעט
אַלש וועלט עש דען בערג הינב לפן. דא גידוכט ער קוינט איך עש ונגן
איך וועלט דען בערג הנויף רייטן. ער גינג אים אַנטגינגן. דא שטונד עש
שטיל אַלש בלד ער אוף דש פפערד קאם דא ליף דש פפערד אויבר בערג
אונ׳ טל אַז ווען עש דער טוייביל ווער. אונ׳ ליף מיט אים אין איין גרושן
וואלד, דא וווכש מענכרלייא קרויטר אינן. דר נוך קאם ער אוף איין וויז[186]),
דא ווארן וילרלייא ווארצילן אוף. דא שטונד דש פפערד שטיל. דא וואר ער
ורוא אונ׳ שטיג אויש דעם זטיל אוף דיא וויז, אונ׳ וואלט זיך איין וייל
דר מייאן[187]) דא ליף דש פפערד הין וועק. אונ׳ ור שוואנד אים ור זיין
אויגן, דש ער ניט וואושט וואו עש הין קומן וואר: דא וואושט ער ניט
וואו ער וואר. ער שריא אומדדר[188]) לייד אויבר לייד. אונגלויק וויא הושטו
מיך אום ונגן. וויש איך דוך ניט אויש נוך איין. אונ בין אזא וייט בון
מיינום ואטר אונ׳ ורוינדן, אונ׳ זיך אונ׳ הויר קיין מענש נוך הויז נוך שטט
וואו בין איך אודר ווש איז מיר גישעהן. נוך זוילכם אויבל גיהיבן הונגרט
אין גר זער ער ואנד גיקש צו עשן דען[189]) דיא ווארצילן אונ׳ קרויטר. אונ׳
טרנק ושר, אונ׳ גינג אָזא לנג אוף דער וויזן אודר הייד אונ׳ ור מיינט ער
וועלט ווידר היים קומן, אבר אי לענגר ער גינג, אי לענגר ער ור אירט
וואר: לסוף קאם ער אן אייני שויני בַך[190]), דא שטיג ער איין דען זיא וואר
ניט טיף דא ואנד ער ויל אבונים טובות דיא נאם ער אונ׳ טעט ויל אין
בוזם, דער בַך וואר ואלר אבנים טובות אונ גינג אויש דען גן עדן. ער צוך
זיך אויש אונ׳ גינג דורך דש ווער עש וואר ור שטרענג אונ׳ שטרק, ער
קאם דר דורך, אונ׳ קאם אוף איין שויני שטרוט[191]), דא זאך ער ור אים

איין גרושן שטיין אונ׳ דארין גיגוסן איין שווערט. אויך וואר אן דעם שטיין איין רד דש אום שלוג אלי וועג אונ׳ שטעג דש ער ניט קונט ווייטר גין ווען עש וואר גימכט צו הויטן דען וועג אין דש גן עדן. דא טעט ער תפילה דש רד שטונד שטיל אונ׳ ליש אין גין. ער גינג ווייטר אונ׳ קאם אויף איין הייד דא וורן אייטיל שרוק[192] אוף. דיא שניידן אויבר זיך גיוועגד. דא טעט ער אבר תפילה דא ארטיילטן זיך דיא שאר מעסר[193] אונ׳ גינג דר דורך. דא קאם ער אוף איין וועלד דא שטונד ור אים איין קליין הויזליין. ער וואר גר ורא אונ׳ גינג היניין. דא זאשן ויל לויט אינן אונ׳ אסן אונ׳ זאהן איין אן גבן אים שלום ער דנקט אין אונ׳ וואר ורא. דש עש יידן וורן ער גינג אונ׳ וואלט זיין הענד וועשן אונ׳ וואלט אויך עשן. דא שריאן זיא אין אן ניט וועש דיא הענד אונ׳ הויט דיך דש דו ניקש אן רוירשט. דא זגט ער ווארום. דא זגטן זיא מיר זיין אייטיל טוטן לויט. אונ׳ איז אונש ווערר וואל נוך ווייא[194]. אונ׳ מוישן איין גנץ יאר הינן בלייבן. דר נוך אז ער ור שולד הוט[195]; ליבר זימרה ביט ור אונש. מיר ווישן וואל וויש דו היא מושט. נעכטן הורטן מיר וואל דש מן נוך דיר ווארד שיקן. ער וראגט זיא ויל אבר זיא וואלטן אים ניקש זגן. אזא גינג ער וידר בון זיא. דא זאך ער זיך בז אום דא זאך ער זיין שוועי אונ׳ ליבליכי בריעה אונטר דען שטיגן זיצן. דא דער שריק ער אונ׳ שפרך אוויא ליידר ליבי בריעה וויש טושטו היא. דא שפרך זיא ליבר אויש דר וועלטר זימרה היא מוש איך זיצן נוך אכט טג. אבר טושטו תפילה אום מיך זא קום איך בלד הרויש. ליבר זימרה איך הב קיין זוינד גיטון אוף ערדן. דען דש איך דיר דר לאבט דש דו מיך קוסן זולשט. ער גינג צו איר אונ׳ וואלט זיא אבר קוסן. דא זגט זיא הויט דיך אן דייגום לייפ אונ׳ רויר מיך ניט אן. אודר דו מושט שטערבן. דא שפרך ער איך וויש ניט וואו איך בין. אודר וויא מיר גישעהן איז אודר וואו איך הין זול. איך וויל דיך קוישן זא שטירב איך אונ׳ בלייב בייא דיר היא. דא זגט זיא ניין בייא דייגום לייבא. גיא בון מיר אויבר דיא הייד זא קומשטו ווידר היים. דא גינג ער ווידר בון איר מיט גרושים לייד מיט וויינן אונ׳ שרייאן. דא ביגיגנט אים אוף דער הייד איין אלטר גרואר מן מיט אייגום לנגן ברט. דא זגט דער אלט. דש אישט איין זעלצימר מן אן דיזם אורט. דא זגט זימרה דש אישט ווארליך וואר. וויש ניט וואו איך בין אודר וואו איך הין זול. ליבר רבי צייגט מיר וואו איך חיים קום. אונ׳ זגט מיר וויש הב איך דוך גיטון. דש מיר איין זוילכי מקרא[196] ווידר וארן אישט. דא

שפרך ער דו הושט קיין זוינד גיטון. דען דש דיא בריעה בון דיינט וועגן גישטורבן איז. נון דו זולט ווידר היים קומן. דא זגט זימרה ליבר רבי זגט מיר ווער איר זייט. דא זגט ער איך בין אליהו הנביא. דא זגט ער ליבר ר״ בענשט מיך. דא זגט ער איך וויל דיך איצונדר ניט בענשן. איך ווייש יואל דו מושט ווידר היים קומן. דא הט ער ור געסין דש ער ניט הט גיבעטן ור דיא בריעה. דא ער נון ווידר קאם דא גינג ער אין דש הויז צו זיינר בריעה דא דוכט אין וויא איינר בייא איר ווער. אונ׳ אירי ביידי ברוישט אין זיין הנד. דא זגט ער ליבי בריעה ווער הלזט דיך. דא זגט זיא ליבר זימרה ניט דר שריק. דער שטן וויל דיך אזא אן רייצן. אונ׳ ער גינג צו זיינר בריעה. אונ׳ זי זגט הויט דיך אונ׳ רויר מיך ניט אן ביז איך הב גירעט איין ריד. דא זגט ער זא ריד ווש די ווילשט. דא זגט זיא ליבר זימרה זא טו ווילשט בייא מיר אוף דעם שטול זיצן. אודר ווילשטו לעגגר בייטן[197]) דא זגט ער איך וויל לעגגר בייטן. דא זגט זיא זא גיא הין ווידר היים אונ׳ זג עש דייגום וטר. אונ׳ מייגום ואטר עש זייא אין ליב אודר לייד זא ווערשטו מיך יא האבן. ער וואלט מיך דיר ניט געבן. בייא מייגום לעבן. זא מוש ער לייד דש דו מיך הושט אין יענער וועלט. און זילבר אונ׳ געלט. אונ׳ גיא טבילה אונ׳ רייניג טיך אונ׳ גיזעגן דייני ורוינד אם דריטן טג בושטו גיוויש טוט. איך זג דיר ור וואר אם דריטן טג ווערשטו געוויש שטערבן אז טוא מיך אן רוירשט. ער זגט איך וויל דיך אן רוירן אונ׳ זולט עש מיר גוך איין מול דען לייב קושטן. אונ׳ ויל איר אום דען הלז. אונ׳ קוסט זיא. אונ׳ גינג דר גוך ווידר הין וועק. דא קאם דער אלט גרואר מן ווידר צו אים אונ׳ זגט קום העד ליבר זימרה אוך וויל דיך היים בוירן. אונ׳ וויל די ווייל צו ריכטן צו דער בורייליפט. דא בענשט ער איך. דא בט ער ור זיין ליביבריעה דש זיא אוש דעם הויזלין אונטר דער שטיגן דר לוזט וואוירד. דש גישך אונ׳ זיא קאם אין דש ליבט גן עדן. ווא״רש ני״ט גלב ד״ער א״יז או״יך אי״ין י״ודן[198])!

דא קאם דער זימרה היים. דר צוירגט דער קויניג דש ער אזא לנג וואר אויש גיוועזן. דא זגט ער אים (אלייש?[199]) ווש אים ביגעגנט ווש. אונ׳ וויא ער שטערבן וואוירד. (אונ׳[200]) דער קויניג גיהוב זייך זער אויבל בון וועגן זימרהש טוט. (פארקלעבט. מ. ע.) קאם זימרה צו זיינום ואטר אונ׳ בריעה ואטר אונ׳ זגט וויא אים בריעה ביואלן הט. דש ער אם דריטן טג שטערבן מוישט. דא גיהוב זיך אלי זייני ורוינד זער אויבל אום טוט זימרה ער זגט צו איגן זא ער גישטורבן ווער דא זולטן זיא אין ניט ביגרבן. זיא

זולטן אין אוף דש קבורות שטעלן, אונ׳ שטין לושן, אונ׳ זולטן ווידר הים גין. אזא גינג ער טבילה אונ׳ רייניגט זיך אונ גיזעגנט אידרמן. דא ווארד איין גרוש שרייאן אונ׳ וויינן דש מגיש הורט אין דער גנצן שטט. דש גלייכן דער כהן הגדול אויך אונ׳ הט גרוש חרטה דארוף דש ער בון וועגן זיין טוכטר הט אזא ור לורן. (ביז?) אָם טריטן[201]) שטרב דער גוט ורום זימרה גאט זיי אים גינעדיג. זייני ורוינד טעטן וויא ער אין ביואלן הט. זיא טריבן איין גרוש אבילות אונ׳ דש ניט צו שרייבן אישט. אזא נוך לנגים קלגן אונ וויינן גינג אידרמן ווידר היים אונ׳ לישן אין (פעלער: איז) אזא און ביגרבן אוף דעם בית החיים שטין. דא קמן די מלאכים מיכאל גבריאל אונ׳ נאמן אין אונ׳ טרוגן אין אז וואל ביליך וואר. דען ער הט נוך ניא קיין זוינד גיטון. אונ׳ ברוכטן אין אין דש גן עדן. צו זיינר ליבשטן בריעה. אונ׳ מכטן איין הויפשי ברויילפט. הקב״ה מכט די ברכה. אונ׳ דיא מלאכים ווארן דיא לצנים. משה אונ׳ אהרן בורטן דען חתן אונ׳ כלה אונטר די חופה. דר נוך אַס מן, אונ׳ טרנק, אונ׳ טנצ. אונ׳ שלמה המלך בענשט דיא שבע ברכות. עש וואר איין זוילכי קוישליכי ברויילפט דיא ניא איז אין קיינער קהילה גיוועזן: נון איר ליבי לויט הט איר וואל אין דעם בוכלן גילעזן: ווש דיא גרוש ליבשאפט ברענגט. דער הלבן איין איטליכי זיך ור וואל בידענקט: ווש דרויש מויכט ווערדן. עש זינד נאך ויל הויפשי אונ ורומי לויט אין ערדן, דיא אים מויכטן ווערדן צו טייל. הוט ער אנדרשט דש גלויק און הייל.

דאמיט וויל איכש ולענדן, גאט ית״ זול אונש אויך דען אלטן גרואן מאן זענדן, אונ׳ מיט אים ברענגן משיח צוואר. ווען[202]) דש זול גישעהן אין דיזם יאר:

גישריבן אים יאר כי שם ה׳ אקרא וכו׳

דש פיט איך דער שרייבר יצחק בר׳ יודא ז״ל רויטלינגן:

דער ווענעציאַנער נוסח פון „מעשה בריעה וזמרה".

דער קאפיטל וועגן „מעשה בריעה וזימרה" אין שוין געווען אויסגעזעצט, ווען כ'האב זיך באקענט מיט דעם פראנקפורטער דרוק-עקזעמפליאר פון דער נאוועלע. ס'איז אנ'אויסגאבע, געדרוקט אין קליין-אָקטאַוו דורך יעקב בן גרשון ב"ק פון פראג אין ווענעציע, אין יאר 1597 (ב"ק—מן-הסתם „בני קדושים"; וועגן דעמדאזיקן דרוקער זע צונץ, „צור געשיכטע און ליטעראטור", ז. 264) ער האט אין יאר 1585 אנגעהויבן דרוקן אין פראג, דאן פארלאזן פראג, געדרוקט סוף יארהונדערט אין ווענעציע (אזוי צ. ב. האט ער 1598 ארויסגעלאזן די „תנא דבי אליהו"), דאן צוריקגעקומען אין פראג און געדרוקט אריי ווערק אין די יארן 1605—1615; ער איז געשטארבן פאר 1620; זיינע זין האבן ווייטער געפירט זיין דרוקעריי.

דער שער-בלאט פון דער ווענעציאנער אויסגאבע איז:

מעשה פון בריעה וזמרי אונ' איין משל מיט איין מעשה גינומן אויש דער גמרא דז זיך איינר זאל האלטן בסברה. אונ' דיא צואה פון רבי יהודא החסיד אך דר בייא דר וויזט איינם דען וועג דז ער זאל גיין ווייא:

גידרוקט דורך האנט אויער דינר יעקב בר גרשון ב"ק זצ"ל וואל הדר כעת בק"ק פראג הבירה פרשת בכל היוצא מפיו יעשה שנת שנ"ז לפ"ק בבית זוואן די גארה בויניציא:

די ווענעציאַנער אויסגאבע פון „מעשה בריעה וזימרה" איז לויט אלע סימנים די ערשטע צו אונדז דערגאנגענע דרוקאויסגאבע פון דערדאזיקער נאוועלע. עס איז אבער ניט אויסגעשלאסן און זייער וואָרשיינלעך, אז ס'האבן נאך פאר 1597 עקזיסטירט דרוקן פון אונדזער מעשה. היות, ווי שפעטערדיקע אויסגאבן פון „מעשה בריעה וזמרה" האבן זיך געדרוקט ביי די זין פון יעקב ב"ק, דארף מען זיך מיינער זיין, אז די זין האבן איינפאך איבערגעדרוקט די אויסגאבע פון זייער פאטער, ד. ה. אז אלע שפעטערדיקע דרוקאויסגאבן שטימען מיטן ווענעציאנער דרוק.

דער ווענעציאנער טעקסט איז אבער ניט א איבער-דרוק פון דעם רויטלינגען-טעקסט: אחוץ דער געמיינזאמער

פּאַבולע און אייניקע געמיינזאַמע אויסדרוקן, גייען זיך ביידע טעקסטן לחלוטים פונאַנדער; אָבער אויך די פּאַבולע, דער סיפּור־המעשה איז אין ביידע טעקסטן ווייט ניט אידענטיש. אַזוי, אַז די „מעשה בריעה וזמרה" איז צו אונדז דערגאַנגען אין צוויי נוסחאות: אין דעם האַנטשריפטלעכן רויטלינגען־נוסח און דעם געדרוקטן, ווענעציאַנישן נוסח.

קודם־כל צייכנט זיך אויס דער ווענעציאַנער טעקסט, לגבי דעם רויטלינגען,—מיט אַ געוואַלטיקן פאַרקירצן און פאַרייניפאַכן די אַקציע, איבערהויפט אין דער ערשטער העלפט פון דער נאָוועלע. ס׳איז אויסגעפאַלן די מעשה מיטן משפט איבערן מענטשן מיט צוויי קעפּ, וואָס דאַרף אילוסטרירן ביי רויטלינגען די חכמה פון זימרה. ס׳איז אַרויסגעפאַלן די סעודה ביי דעם כהן גדול אין דער ערשטער געשפּרעך פון די פאַרליבטע נאָך דער סעודה, דאָן די ערשטע שתדלנות פון דעם מלך ביי דעם כהן גדול (אין דעם רויטלינגען־טעקסט איז זיך דער מלך צוויי מאָל משתדל). דער כהן גדול האָט באַקומען אַ ביבלישן נאָמען: ער הייסט שוין ניט פּיגין, ער טראָגט דעם ווייבערשן נאָמען עתליה! דער העלד הייסט קאָנסעקווענט זמרי. עס ווערט פאַרענטפערט די טונקעלע געשטאַלט פון הורקנס—ס׳איז זמרהס זיידע, זיין פאָטער טבת איז הורקנס זון. דער אפּיפיור ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קיסר, וועמען ס׳איז אונטערטעניג דער ירושלמער יידישער מלך. אין דער ערשטער העלפט פון דעם ווענעציאַנער טעקסט גייט בכלל די גאַנצע אַקציע גאַלאָפּ, אויספירלעכער ווערט דער טעקסט אָנהייבנדיק פון זמרהס שתדלנות ביים פויבסט. אין דעם ווענעציאַנער טעקסט קומט צו נאָך אַ גזירה פון דעם קיסר־פויבסט: אחוץ מילה און טבילה קומט נאָך אַ פאַרבאָט פון האַלטן שבת, אויף וואָס זמרה אַרגומענטירט, אַז אויב יידן וועלן האַנדלען אויך שבת, וועלן זיי נתעשר ווערן און ס׳וועט זיין נאָך אַ גרעסערער שאָדן פאַר די קריסטן. גאָר אויספירלעך ווערט די ווענעציאַנישע אויסגאַבע ביים באַשרייבן פון יענער וועלט. בריעה געפינט זיך ניט אין אַ מין כף־הקלע, ווי ס׳גייט איבער דער מיטליידפולער רויטלינגען־טעקסטן, נאָר טאַקע אין גיהינום, וואו זי ווערט געברענט אין דעם גיהינום־פייער צוליבן קושן זיך. ליידער איז דער פראַנקפורטער עקזעמפּליאַר באַשעדיקט; ער רייסט זיך איבער ביים מאָמענט, ווען זמרה פאַרלאָזט בריעהן בכדי זיך אומצוקערן אַהיים, אויפן וועג וועט ער אָבער זען דעם פּיין פון די רשעים אין גיהינום. דאָך בין איך משער,

אז אליהו הנביא, וואס שפּילט, ווי תמיד אין דער יידישער מעשהלע, א סימפּאַטישע ראָליע אין דעם רויטלינגען-טעקסט, פיגורירט אינגאַנצן ניט אין דעם ווענעציאַנער טעקסט, וואָרום אַלע זיינע פונקציעס גייען איבער אויפן מלאך הדומה, און בריעה הייסט אירן געליבטן דריי זאכן צו בעטן ביים מלאך הדומה: ער זאָל זי אַרויסנעמען פון דעם העלישן פייער, ער זאָל זמרהן ווייזן דעם גיהינום, ענדלעך זאָל ער זמרהן צוריקגעבן דעם פערד, בכדי ער זאָל קאָנען זיך אומקערן א היים.

ווייטער האָט דער ווענעציאַנער טעקסט א טבע אויסצוטייטשן אַלע פאַנטאַ-סטישע פּרטים. שוין אינגאַנצן אין א מוסר-סטיל: דער געהיימניספולער פערד, וואָס פאַרטראָגט זימרהן אויף יענער וועלט, איז א מלאך, און געשיקט איז דער מלאך, בכדי צו ווייזן זימרהן יענע וועלט; און די בלאַנקע מעסערס, איבער וועלכע זימרה איז געפאָרן, זיינען נשמות, וואָס מוזן נאָך זיבעציק יאָר וואַרטן, ביז מען וועט זיי אַריינלאָזן אין גן-עדן.

קורץ: דער רויטלינגען-טעקסט איז א ראָמאַן, דער ווענעציאַנער נוסח — א טיפּיש יידיש מעשה-ביכל. רויטלינגען שטעלט זיך אָפּ מיט א סאַך ליבע, נאַיוו און דאָך צאַרט און פריש, אויף די ראָמאַנטישע עפּיזאָדן פון דער נאָוועלע; די ווענעציאַנער אויסגאַבע היפּט זיי איבער, שטרייכט זיי אויס אָדער דערמאָנט זיי איילנדיק. זי האָט ניט קיין שום חוש פאַר פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן; רויטלינגען דערציילט צ. ב., אז בריעה וויל ניט, זמרה זאָל פאָרן צום פּויבסט, וויסנדיק, וואָס פאַר א געפאַר עס דראָט אים, דער ווענעציאַנער טעקסט דערציילט, אז בריעה איז מיט פרייד איינגעגאַנגען אויף זיין נסיעה. רויטלינגען שיצט מיט אַלע כוחות די פאַרליבטע, בעת דער ווענעציאַנער טעקסט פאַראורטיילט זיי, הגם אויף גאַנץ מילדן; די דערמאָנטע גאַלאַנטע אויסדרוקן רויטלינגענס, זיינע איינפאַלן, ווי צו מאַסקירן זיין באַציונג צום ענין „ליבע” און דאָך זי בולט מאַכן, פעלן פאַרשטייט זיך אינגאַנצן אין דעם ווענעציאַנער טעקסט.

דאָס אָנטשטיין פון „מעשה בריעה וזמרה” בלייבט ווייטער טונקל. איך שטעל זיך פאָר פאָלגנדיקע צוויי מעגלעכקייטן:

1) ערשטע מעגלעכקייט: יצחק רויטלינגען האָט גענומען א געדרוקטע אויסגאַבע פון „מעשה בריעה וזמרה” און זי זעלבשטענדיק באַאַר-בעט, צוגעגעבן עפּיזאָדן, איבערדערציילט מיט אייגענע ווערטער,—וואו ניט וואו איז געבליבן א געמיינזאַמע ווענדונג מיטן געדרוקטן טעקסט. שוין די

מעשיות פון דעם קרייז פון דעם „מעשה-בוך”, פארשריבן דורך דעמזעלביקן יצחק רויטלינגען, רוקט ארויס די השערה, אז ער האט אפט זייער זעלב-שטענדיק באַארבעט שוין געדרוקטע מעשהלעך. לויט דערדאזיקער השערה קומט אויס, אז „מעשה בריעה וזמרה” איז געדרוקט געווארן נאך פאַר 1580, און אז רויטלינגען איז דער רעדאַקטאָר, באַארבעטער, ניט אבער דער מחבר פון אונדזער נאָוועלע.

2) צווייטע מעגלעכקייט: דער פארלעגער האט אויף זיין שטייגער רעדאגירט, איבערגעארבעט און ארומגעשניטן יצחק רויטלינגענס נאוועלע; ס'איז קלאר אז זי איז אים אויסגעקומען צו פאַרשייט, און ער האט זיך באַמיט זי יידישלעכער, פרימער, מוסרדיקער צו מאַכן. לויט דער דא-זיקער השערה איז יצחק רויטלינגען דער מחבר פון אונדזער נאוועלע.

אזוי צו אזוי—אינטערעסאנט און שיין איז דער רויטלינגען-נוסח, בעת דער ווענעציאנער טעקסט איז א גרויע, קורצע מעשהלע פון דעם טיפ „שול-הויף-ליטעראטור”.

איך ברענג דאָ צום פאַרגלייך אויסצוגן פון דער ווענעציאנער דרוק-אויסגאבע, דעם אָנהייב און סוף פון דעם לידער דעפעקטן פראנקפורטער עקזעמפליאר.

פון דער וועניציאנער דרוקאויסגאבע פון „מעשה בריעה וזמרה", 1597.

אנהייב:

עש גישאך איין מעשה אין ירושלים אן איינם עשיר דער היש טבת אונ׳ ער וואר הוירקנס זון. דר זעלביג עשיר וואר איין מעכטיגר הער ער האט איין יונגן זון דער וואר אכציהן יאר אלט ער וואר גאר פיין פון הייבט אונ׳ האר אונ׳ מן גיפנד ניט זיין גלייכן אונ׳ ער וואר וואל איינש מיט דעם מלך זון פון ירושלים דער זעלביג האט אויך איין זון פון אכצעהן יארן אונ׳ דיא צווייא יונגן הטן זיך זיר האלט מיט אננדר אז צווייא ברוידר. אויך וואר צו ירושלים איין כהן גדול. דער וואר איין גרושר הער אין דער תורה ער היש עתליה. ער האט איין טאכטר מיט מעשים טובים דז מן גפינד ניט איר גלייכן אונ׳ זמרי אונ׳ דיא בתולה הטן זיך ליב מיט אננדר דז איינש קענט ניט לעבן און דען אנדערן מיט ציכטן אונ׳ מיט ערן. דא שפראך זמרי זאלט מיר דאז כהן גדול טאכטר ניט ווערן דא מוזט איך שטרבן אונ׳ שפראך ליבר פאטר איך ביט דיך רייד מיט דען כהן דז ער מיר זיין טאכטר זול געבן. דא שפראך דער פאטר ווערליך איך בין מיך ניט טועה איך וויש וואל דז זיך דער כהן גדול ניט מתחתן איז צו מיר אבר ווילשטו עש מיר ניט גלאבן דא וויל איכש דענוכטר ריידן לאזן. דא זאגט ער נאך פיר מאנן דיא בעשטן אין ירושלים אונ׳ באט זיא דז זיא מיט דען כהן גדול זאלטן רידן דז ער זיין טאכטר זמרי געב צו איינם ווייב. דיא פיר פרנסים שפראכן מיר וועלן גין אונ׳ גינגן צו דעם כהן גדול אונ׳ ליגטן אימש פיר וויא זמרי וואלט גערן זיין טאכטרן האבן אונ׳ אוב ער אים זיא וולט געבן. דא שפראך דער כהן גדול אונ׳ לאכט גאר זיר עש איז וואר זמרי איז איין פיינר יונג מיט אלן זאכן באך דענוכטר וויל איך מיך ניט צו טבת מתחתן זיין. זיא גינגן איין וועק אונ׳ זאגטן צו טבת. דא שפראך טבת האב איכש ניט פר וואל גיווישט. נון ליבר זון לאז עש אויש דיינם זין ווען דואווילשט איינה נעמן איך וויל דיר געבן צו איינם ווייב הונדרט טויזנט גילדן. דא שפראך זמרי איך ווילש גערן לאזן אויש מיינם זין. דענוך גינג ער צו זיינר בריעה אז

אידרמן אין דער שול וואר אונ׳ דא זיא אין זאך העֶר גֵין דא וואר זיא גאר פרוא. אונ׳ ליש אין וויל קום זיין. אונ׳ ער הוב אויף זיין אויגן אונ׳ וויינט גאר זער אונ׳ זאגט איר וויא איר פאטר אים זיא ניט וואלט געבן דא וואר זיא וויינן אונ׳ שפראך גו״ט י״ת זאל זיך דר בארמן. דא זאגט זמרי צו בריעה איך וויל דיך איין בעט ביטן גוועֶר מירש דא זאגט בריעה ביט וואז דוא ווילשט דז זאל דיר גיוועֶרט זיין וועֶן איך ווייש וואל דוא וועֶרשט מיך ניט ביטן וואז מיר איין שאנד איז אדר זינד. דא שפראך ער איך וויל דיך ביטן דו זולשט קיין אנדרן מן נעֶמן נייערט מיך דא מאגשט מיט אירן ענטוורן אונ׳ מאג זיין זינט דז עש דיין פאטר ניט טון וויל דא וויל איך דיר גלויבן גלויב דוא מיר אויך. דא גלויבטן זיך אַך אננדר צו הנט אונ׳ ער זך זיא אוימר אן דען עש דוינקט אין ער זאך זיא קיין שענר מענש אין דער גאנצי וועֶלט אונ׳ ער זויפצט גאר זיר אונ׳ שפראך איך וויל דיך ביטן דז דוא מיך לושט קוישן דיך דא שפראך זיא דז זייא דיר דר לויבט. דא קושט ער זיא וואל טויזנט מאל אונ׳ זיא אין אויך......

זימרי געפינט זיין געליבטע בריעה אויף יענער וועלט.

...אונ׳ דא ער גאנץ אונ׳ גאר הין קאם פעֶר דיא טורן דא זאך ער זייני בריעה זיצין אין איינם טארין אונ׳ ער וואר גאר זיר פרוא דען ער וואלט מיינן דז זיא וועֶר לעבדיק אונ׳ ליף פלוקש צו קיגן איר. אונ׳ זיא ריף אין אנט־קיגן ליבר זימרי מיין ליבר פריינט גיא ניט נאהנט הער איך בין טוט. אונ׳ ער וואלט זיך ניט דראן קערן. דא שפראך זיא ליבר זמרי ווילשט עש ניט גלובן דז איך טוט בין דא נעם אין דיין האנט מיין גיוונט דא וועֶרשטו אינן מיין גרושי וויא טאג דיא איך מוז ליידן אום דש קושן וועגן דז דוא מיך גיקושט האשט. אונ׳ ער ריורט אן אירן גיוונט דא פר ברענט ער זיך זיין הנט. זא שריא ער איין גישרייא איין גרוש אונ׳ איין בימרש. דא שפראך בריעה גיא בלד צו דען באַך אונ׳ וואש דיא הענד דא וועֶרשטו גיהיילט וועֶרן. דא גינג ער צו דען באך אונ׳ וואר גיהיילט אונ׳ קאם ווידר צו זיינר בריעה, אונ׳ זיא שפראך וויש דז דאש איז דאש טור פון דעם גיהנם אונ׳ אין דער טורן

ריכט מן דיא זינדיקר פון ישראל אונ׳ דוא בישט קומן פון הויז דיינש פאטר אז אובן גשריבן שטיט אונ׳ דאז פפערד דז דיא דרויף גיריטן בישט דאז איז איין מלאך אונ׳ איבר דען דאז דוא בישט איברפארן אייטל שארמעסר דא אינן זיין אייטל נשמות דיא ניט אירי טעג האבן אויז גילעבט אונ׳ קומן ניט אין דש גן עדן ביז דיא זיבציק יאר אויש זיין וויא לז״ח זאגן אונ׳ גאט האט דיר דאש פפערד גשיקט דז ער דיר וויל ווייזן אלש אונ׳ וואז דוא הושט גיזעהן אונ׳ וואש דיא ווערשט זעהן דא ווערשטו זעהן איין מלאך דער הייסט דומה אונ׳ זיך עבן אויף ער איז ווייש גיקלייט אונ׳ איז גרעשר ווען דיא אנדרן אל: אונ׳ ער פירט מיט זיך זיבציג טויזנט-מלאכי שרת דיא דען לייטן איר טוט אב נעמן דיא אונזרש הער גיבאט ניט האבן גיהלטן. אונ׳ ווען דוא אין ווערשט זעהין דא ביט דריי ארלייא פון אים: איינש דז ער מיך פון הינן אויש ציכט דען איך ווער גאר הערטיגליך גריכט פון דאש קושן וועגן אונ׳ וויא וואל דז מיר עש האבן ניט צו ביזן מיינן צו פאר אויש דז דיא זעלביגן ווערן גיריכט מיט דען גרונט פון גיהנם אונ׳ מן ניט מיט אים שייצליך אום דז זיא וואלטן דז דיא וועלט העטן ניא אן גיזעהן. אזו גאר הערטיגליכן ווערן דיא גיריכט. אונ׳ דש אנדר דש ער דיר ווייזן זול דיא טור פון גיהנם אונ׳ וועם מן דינן ריכט אונ׳ וויא מן זיא ריכט. אונ׳ דז עש דיר ניט שאדן זאל ווען דוא אונטר זיא גישט. אונ׳ דאש דריט בעט דז ער דיר זאל ווידר געבן דאש פפערד דז דוא גריטן בישט אונ׳ דז עש דיך ווידר איין היים ברענגט. אונ׳ ער ווערט דיר אלש גווערן דז דוא אין ביטשט,,,,,,

די מעשיות פון דעם קרייז „מעשה־בוך"

(כתב־יד מינכען 100)

ליטעראטור:

שטיינשניידער, נר. 411 און „סעראפעאום“ 1866, ז. 1 וו.-דאַן שטערק-לייטצמאן, א. אָנגעוו. ארט, ווו ס'איז אויך פאראן די גאנצע ליטעראטור צום „מעשה-בוך“.

ב) די מעשיות פון דעם קרייז „מעשה בוך".

פון דעמזעלביקן יצחק רויטלינגען זיינען אין דעם מינכענער כתב־יד געשריבן 22 מעשיות, וואס געהערן כמעט אלע צום קרייז פון „מעשה־בוך". צום פארגלייך האב איך אונטער דער האנט בלויז דריי אויסגאבן פון דעם „מעשה־בוך", נעמלעך די אויסגאַבע אמסטערדאם 1701, געדרוקט ביי אשר אַנשיל בן אליעזר חזן ז"ל. שוהט דמתא. (וועלכער איז אלזא א דרוקער, ניט א מחבר,—בן־יעקבס גרייז). דאן די אויסגאבע דירנפורט, 1709, ביי שבתי משורר פון פראג. ענדלעך די רעדלהיימער אויסגאבע פון דעם מעשה־בוך, 1753, דורך יונה בן משה גאַמבורג, ביי קרל רייך. וועגן דער דירנפורטער אויסגאבע זאל קורץ פארצייכנט ווערן, אז זי איז אין אלגעמיין אידענטיש מיט דער אויסגאבע אמסטערדאם 1701, מיט דעם אונטערשייד, אז זי האלט 255 מעשיות, מיט איין מעשה מער ווי אמסטערדאם. אויסערדעם איז דער אויסלייג און די שפראך אין דירנפורט לגבי אמסטערדאם עטוואס מאָדער־ניזירט.—לויט שטיינשניידערן וועל איך אויך פארצייכנען דעם נומער פון דער עלטסטער אויסגאבע פון „מעשה־בוך, וואס איז צו אונדז דערגאנגען,— באַזעל, 1602.—די פארקירצונגען זיינען: מ"ב (ד. ה. אמסטערדאם 1701,) דאן: באַזעל (ד. ה. באַזעל 1602).

1) אן איבערשריפט פון אונדזער קאַפיטל: „דש מעשה שטיט אין ברכות". אָנהייב: „איין חסיד דער גינג אויבר וועלד אונ' אורט דא ביגיגנט אים איין הגמון".— די מעשה איז פאראן אין דעם מעשה־בוך (מעשה נר. 130, מ"ב—באַזעל.

2) איבערשריפט: „איין אנדר מעשה אין ברכות". אָנהייב: ר" פפוס צייטן וואר איין מלך איין גרושר רשע". (וועגן ר" פפוס און ר" עקיבא, וואס האט געלערנט די יידן תורה, און דערציילט דעם ר" פפוס דעם משל מיט די

פיש און דעם פוקס, פאראן אין מעשה-בוך. באזעל, נר. 20, מ״ב נר, 29).

3) איבערשריפט: „דש מעשה שטיט אין שבת״. אנהייב: „רבי חייא בר אבא זגט איין מול בין איך גיוועזן אין איינש קצוב הויז בייא איינום בעל בית אין לודקיה״. (מ״ב—באזעל, נר. 7).

4) „דש מעשה שטיט אויך אין שבת״. אנהייב: „רב יוסף מיוקר שבי דש איז וועד דען שבת אירט דער ווערט אויך גיאירט. עש וואר איין גוי אין זיינר שטט בייא אים דער וואר גר רייך״. (באזעל—מ״ב, נר. 6).

דער סוף איז זייער כאראקטעריסטיש: „אונ׳ וואורד איין מעכטיגר גרושר עשיר. („עשיר״ איז פאראן אויך אין מעשה-בוך מ. ע.) ער מוכט במ״ט (במזל-טוב. מ. ע.) שמעון גוינצבורג וואיל גלייכן מיט עושר (אונדזער קורסיוו. מ. ע.) דרום זול איין איטליכר גיוורנט זיין אונ׳ דען שבת אירן. זא ווערט אים הק״בה זיין ממון מירן״.

5) „איין מעשה אין מגילה״. אנהייב: „דא מרדכי אוף דש מלך פפערד רייטן זולט״. אינמיטן א גראם: „דא מושט זיך המן בוקן. אונ׳ מרדכי שט(יג) אים אויף זיין רוקן״. צום סוף: „אזא וואורד המן בולר לייד. אונ׳ מרדכי אייטיל פרייד״. (באזעל-נר. 129—מ״ב.).

6) „דש מעשה שטיט אין מועד קטן״. אנהייב: „רבי עקיבא דא ער תופת וואר אונ׳ ר״ יהושע וואר (זיין) משרת.—צום סוף: „דרום זול מן די הענדא וועשן ניט ור אכטן. (ר׳ עקיבא האט בעסער געוואלט שטארבן פאר דורשט, איידער ניט צו וואשן די הענד. ס׳איז מס״ עירובין, פרק עושין פסין. באזעל 78, מ״ב 77).

7) „דש מעשה שטיט אין כתובות״. אנהייב: „ר׳ עוקבא דר הט איין עני בייא אים זיצן דעם שיקט ער אל ערב יום כפור ויר הונדרט גוילדין״. (באזעל 94, מ״ב 93).

8) „דש מעשה שטיט אין מועד קטן״. אנהייב: „ר״ ביבי זון אביי דער וואר וואל ביקנט מיט דעם מלאך המות״.״—דער מלאך המות האט גישיקט זיין קנעכט צונעמען דאס לעבן ביי א פרוי,—וואס האט געהייסן מרים, האט ער געטויט גאר אן אנדער מרים, ווארום זי האט געקערט מיטן קרוק (קאטשערע) אין פייער. צום סוף: „דר הלבן זול איין איטליכי ורויא גיוורנט זיין. דש זיא קיין קרוק אודר איין שטעקן ור ברען. דען עש איז גרוש סכנה דר בייא. אז איר אין דעם מעשה גילייאט הט. אונ׳ הב גוט אכט. עש איז ניט דר דאכט:״ (ס׳איז מס״ חגיגה. באזעל—מ״ב 131).

2) „דש מעשה שטיט אין יומה”. אָנהייב: „רבי פרידה דער הט איין תלמיד. אונ׳ ווש ער מוש אים לערנן, דש מושט ער אַל מול ויר הונדרט מול מיט אים לערנן ביז ער קונט” (ס׳איז עירובין פרק כיצד. באַזעל־מ"ב נר. 132).

10) אָן אַן איבערשריפט. מיר ברענגען די מעשׂה אינגאנצן: „ר” שמואל חסיד גינג איין מולט אויבר ועלט[203] מיט צוויין ורומן יידן בייא איינר נכט. דא זיא איין וויל גט... (פאַרקלעפּט) ווארן. דא זאך ר” שמואל חסיד אויבר איין הייד[204] אויבר זיך. אונ׳ זאך דען הימל אובן[205] שטין. דא שפרך דער חסיד צו זייני חברים די מיט אים גינגן. איך זיך דען הימיל אובן שטין. ביט איין איטליכי איין בעט אן הק"בה זא ווערט עש אים גיווערט. דער איין בט אוף הויפשי קינדר. דער אַנדר אום רייכטום. דער חסיד בט דש ער זולט קינדר אויבר קומן. דיא תורה אונ׳ מעשים טובים אן אינן ווערן. אזא וואורד דען דרייאן איר גיבעט גיווערט. דא דער חסיד היים קאם דא גינג זיין וויפּ איבן טבילה. אונ׳ וואורד די זעלביג נכט טרגן במזל טוב רבנו אברהם אשל הגדול. דר נוך גינג אויש בון אים (ד. ה. פון שמואל חסיד. מ. ע.) ר” יודא חסיד. דא איך ויל בון גישריבן הב אים מעשה־בוך: (אונדזער קורסיוו מ. ע. פאראן אין באַזעלער מעשה־בוך, אלס די לעצטע (נר. 182) מעשה פון דעם ציקל שמואל און יודא חסיד־מעשיות. אין באזעלער מעשה־בוך איז אבער פאראן א גאנץ אנדער סוף: „אונ” גיוואן ר” אברהם, דר נוך גיוואן זי ר” יודא חסיד. גאט לוש אונש זיין זכות אָך גיניסן, אמן סלהו”[206] אין דעם אמסטערדאמער מעשה־בוך 1701 פעלט לגמרי, פעלט אויך אין דער רעדלהיימער אויסגאבע).

11) אָן אַן איבערשריפט, אָנהייב: „מעשה אן איינום חסיד אַל זיין קינדר דיא ער הט דיא שטורבן זיא אים אַל.” דער זון פון דעם חסיד, מתנה, נעמט אויף גיטפריינדלעך דעם מלאך המות, וואס האט זיך פארשטעלט אלס בעטלער, און בלויז די תפילה פון זיין כלה ראטעוועט אים פון טויט. די כלה פאררופט זיך אויפן פסוק, אז א חתן איז א יאר צייט פריי פון דינסט, בכדי ער זאל קענען דערפרייען די ווייב. צום סוף: „דרום איז ווארדן גיזגט איין ווייפּ איין בידר קרוינט אירן מן. אונ׳ וואל דעם דער זיך ביהפט אן זיין ווייפּ. אונ׳ אן קיין אנדרי. דער הלבן זול איין איטליכר גיווירנט זיין. אונ׳ זול קייני עני בחרפה מכן. אונ׳ זול אים צו עשן געבן נוך זייגום ור מויגן. אונ׳ זול קיין מצוה ור אכטן. וויא קליין זיא זייא. דען די ווייסט ניט דען לון בון מצות. אַז איר אין דעם מעשה גיזעהן הט” (פאראן אין מדרש,

אויך אין ספר טוביה. שטיינשניידער שרייבט, אז די מעשה פעלט אין דעם מעשה-בוך. אינדעראמתן איז זי פאראן, בלויז אין אן אנדער וואַריאַנטירונג, נעמלעך אין דעם מעשה-בוך (1701) נעמט דער חתן אויף דעם מלאך המות פריינדלעך, לויט דער עצה פון אליהו הנביא. עס איז די מעשה נר. 195 פון דעם אמסטערדאמער מ״בוך.)

12) אן א איבערשריפט: „מעשה גישאך אן דעם חסיד ר׳ שמואל ורומקייט אַז איר הוירן ווערט. אונזר חכמים הבן גיזגט וועלכי ורויא גיוואנט איז אן אירי טבילה גין די גיווינט זוין די תלמידים חכמים זיין. אז מיר הבין ור נומן ביי אלישע ווייפ״.—אין דער מעשה איז גארניט פאראן וועגן „ר׳ שמואל ורומקייט״—ס׳איז די געשיכשע פון אלישעס ווייב, וואס האט געבאָרן ר׳ ישמאל כהן גדול. (אויך די מעשה איז פאראן אין דעם מעשה בוך, קעגן שטיינשניידערס מיינונג,—ס׳איז נעמלעך דער מיטן פון מ״ב נר. 133).

(עס קומט אן אנזאג-צייכן „איין מעשה״ עס איז אלזא מעגלעך, אז ס׳פעלט דא א בויגן.

13) „דש מעשה בון דען דרייאן טויכטר״. (באזעל נר. 219, מ״ב נר. 220) דידאזיק כאראקטעריסטישי מעשה ברענגען מיר איינגאנצן, לויט אונדזער כתב-יד.

„עש וואר איין ורומר מן דער הט דריי טויכטר. די איין די ווש איין גנבת. דיא אנדר וואר בויל(207). דיא דריט וואר איין לויגרין(208) אונ׳ איין רכילת טרייברין. אזא קאם איין ורומר מן דר עט דרייא זוין. אונ׳ שפרך צו דעם מן מיט דרייאן טויכטר גיב דיין דרייא טויכטר צו מיינן דרייאן זוינן. דא שפרך ער ווידר צו אים לוש בון דייני רידן. עש מג אויך מייני טויכטר קיינר, וועץ(209) איין איטליכי הוט איין גיברעכן(210) איין בויזן דען ניט ליידן קאן. דא זגט ער ווש גיברעכן הבן דען זיא אן אינן. דא זגט ער דיא איין איז איין גנבת. דיא אנדר איז בויל. דיא דריט איז איין לויגנרין אונ׳ איין רכילת טרייברין. דא זגט ער ווידר צו אים וואש לייאט דארן. איך וויל עש אין וואל ור טרייבן. אזא וואר דש קנס גילעגט. אונ ער בוירט זיא מיט אים היים. אונ׳ דיא דרייא נדונית דר מיט. אונ׳ מכט איין הויפשי ביוילפט אונ׳ ווארן ורוילין: דא גב ער דער גנבת אַל זיין שלויסיל צו אל זיינום גוט. צו דער בוילן דינגט ער קנעכט און׳ מייד דיא איר די ערביט טעט: דער דריטן טעט ער אל איר ווילן, ווען זיא איין אודר אויש גינג. דא הלזט ער זיא אונ׳ קוסט זיא. אונ ווש זיא וואלט דש טעט ער. אונ׳ ור מיינט דר

מיט זיא בון אירס בויזן מעשים צו ברענגן: אונ׳ בון גרושר ליב דיא איר ואָטר צו אין העט. דא וואלט ער איין מול ביזיהן ווש זיין טויכטר טעטן. אונ׳ קאם צו זוני טויכטרן אונ׳ וראגט. ווש זיא טעטן. אונ׳ וויא עש אין גינג. אונ׳ וויא זיא מיט אירן מאנן לעבטן. אונ׳ וויא איר שוועהר זיא הילט. דא זגט דיא גנבת גילובט זייא גאט ית״ ליבר ואטר דש דו מיך הושט אין דש הויז געבן. ווען[209] מיין שוועהר אונ׳ מיין מן טון מיט מיר דש בעשט. דען איך הב אֲליש צו גיוואלט דש ער הוט. אונ׳ ווש איך בידארף דש קאף איך מיר אונ׳ דארף ניט גנבן. אונ׳ די אַנדר זגט אויך אזא. דען איך בידאַרף ניקש מין צו טון. דין מיין שוועהר אונ׳ מן. הבן מיר גידינגט קנעכט אונ׳ מייד. אונ׳ הלטן מיך וויא איין שאל נוס אַיי אונ׳ בידארף ניקש צו טון. דיא דריט דיא שפרך דו בישט וועהרליך איין הויפשר ואטר. עש אישט דער זיטן דש איין וטר גיבט זיינר טוכטר איין מאַן. זא הושטו מיר צווין געבן. איין ואטר אונ׳ איין זון. דען ווען מיין מן גיט אין דש ועלד אונ׳ טוט זיין ערבייט. זא קומט מיין שוועהר אונ׳ קוסט אונ׳ האלזט מיך אונ׳ וויל דר צו הבן איך זול בייא אים ליגן. דש איך מיכש ניט דר ווערן קאן. דארום ליבר ואטר ווילשטו מיר ניט גלויבן. זא קום מורגן ורויא זא ווערשטו עש זעהן דש איך וואר הב: זא טעט דיא טוכטר אירן ואטר אין איין חדר היימליך[211] דש ער וואל קונט זעהן. אונ׳ הוירן. צו מורגיש קאם דער שוועהר אונ׳ וואוינשט דער שנור איין גוטן מורגן. אונ׳ הלזט אונ׳ קוסט זיא. אונ׳ שפרך ליבי טוכטר ווש טושטו אישט דיר דיא ווייל ניט לנג. דש טעט ער בון רעכטר ליב אונ׳ ורומקייט ווילן. דש טעט ער אלש זיין דען ווארטן דש זיא בון אירן בויזן מעשים זולט שטין. אונ׳ דא עש דער וטר זאך. דא גידוכט ער אין זייגום הערצן. זיא העט וואר גיזגט אונ׳ שפרנג אויש דעם ור בורגן חדר מיט גרימן צרון. אונ׳ דר שטאך דען גוטן אלטן ורומן מן איר שוועהר. אונ׳ גינג דר נוך ווידר אונ׳ וואלט אנטלויפן. אונ׳ אז ער צום טור אויש ליף. דא קומן דיא זוין בון אירר מלאכה. אונ׳ זאהן אירן ואטר טוט ליגן. דא שריאַן זיא אונ׳ וואורדן דר צוירנט אונ׳ אויש גרושם צורן דר שטאכן זיא אירן אייגנן שוועהר: דא הוב דיא רכילת טרייברן אן צו שרייאן. מורט אויבר מורט. דא ור שטונדן זיא וואל דש דיא רכילת טרייברן דש אלש גי׳ שטיפט הט. דש איין זוילכר מורט דורך איר רכילת טרייבן גישעהן וואר. אונ׳ בון גרושן און מוט. אונ׳ און זיניג קייט ליפן זיא צו דער רכילת טרייברן אונ׳ שלוגן איר איין אַקיש[212] און קופפא דש איר דש הירן הרויש׳

ויל: אזא וואורדן דיא דרייא בון וועגן רכילת גיהרגת. דארום הוט גיזגט רב הונא עש איז הערטר אונ׳ בויזר לשון הרע. דען דיא דרייא עברות לא תרצח לא תנאף לא תגנוב: נון קום אונ׳ זיך דו זוינדיגר מענשא וויא גר בויז דינג איז אים לשון הרע. דען דש גיהנם קאן ניט בישטין בור אים. ווען הק״בה ווערט ריכטן. דיא דא ווערדן אויש גירויאט בון דעם עולם הבא דיא לשון הרע אונ׳ רכילת טרייבר. דא שפריכט הק״בה צו דען גיהנם טוא אוף דיין מונד. אונ׳ אנטפפינג דיא דא הבן גיטריבן לשון הרע. דא שפריכט דש גהינם ווידר רבנו של עולם. איך קאָן ניט בישטין צו ור אין. אים הימיל טואן זיא איר ריד. אַז דער פסוק שפריכט. זיא טון (אין) הימיל איר מונד אונ׳ זיין צונג אין דיא ערדן. דא שיסט (הק״בה213) זיין פפייל אַם ערשטן אן אין. דר נוך אנטפפנגט זיא דש גיהנם אזא אישט זיא הק״בה אַם ערשטן דן מיט זייגום גיריכט. דר נוך וואָרדן זיא גיריכט אים גיהנם: אָ מענשא הויט דיין צונג אים מונד. דש איז דיר גיזונד. לוש אידרמן דש זיין. שלג דיין מויל ניט דאריין. זא מגשטו מיט אירן בלייבן. אונ׳ אים גן עדן דיין צייט מיט ורייודן ור טרייבן.

14) „איין מעשה אין ברכות״, אָנהייב: „רבי דא ער שטערבן וואלט. דא ליש ער זיין קינדר צו אים קומן״. (מעשהלעך פון רבים טויט. באַזעל— מ״ב נר. 125. ס׳איז מסכת כתובות, פרק הנושא).

15) „דש מעשה בון דען צווייאן קינדרן״, אָנהייב: „מעשה גישאך אן אייער ורויאן. דיא הוט ניט מין אַז צווייא שיינא קינדר. אונ׳ אַם שבת וילן זיא אין איין ברונן״. (די באַקאַנטע געשיכטע פון ברוריה, דער פרוי פון ר׳ מאיר, וואס האט ביז הבדלה ניט דערציילט דעם מאַן פון דעם טויט פון אירע קינדער, כּדי ניט צופאַרשטערן דעם שבת. צום סוף קומט אַ מוסר־השכל וועגן דער וויכטיקייט פון מכבד זיין שבת, מיט אַ בילד פון קינדער און א ברונעם. פעלט אין מעשה־בוך לגמרי.—לשם קוריאָז וועל איך דערמאָנען, אַז דער זעלביקער פּראָפעסאָר גוסטאַוו געאָרג צעלטנער, וואס האט פאַרפאַסט אַ נישטיקע לאַטייניש אָפּהאַנדלונג וועגן רבקה טיקטינער (1719 אַלטדאָרף), האט אין דערזעלביקער סעריע פּובליקירט א ניטווייניקער שמאַטעדיקע שריפט וועגן ברוריה).

16) „דש מעשה בון איינום זון דער דין ויש ברוט גב״. אָנהייב: „מעשה אן איינום חסיד דער הט איין זון״. —ליידער, אין אונדזער כתב־יד דעפעקט: צווישן 80 און 82 פעלט א בלאַט. צום סוף א מוסר־גראַם: „דאָרום



א זייטל (83 ב) פון דעם מינכענער כתב־יד (נר. 100).

פון די מעשיות פון דעם קרייז „מעשה בוך", מעשה נר. 18. די אילוסטראציע—א פעדערצייכנונג פון יצחק רויטלינגען—שטעלט פאָר, ווי אליהו הנביא אַקערט אין פעלד און האַלט אויפן אַקער אייזן אַן אָפענעם ספר, זע ז. 187.

זול מן וואטר אונ מוטר אירן. זא טוט אים הקבה ויל ממון בישערן. אונ׳ זול דען אלטן וואלגן. זא טוט עש אים וואל גין. אונ׳ זאל זיינום וייפ ניט אלש ור טרויאן. זא טוט עש אין ניט גרויאן: דער הלבן זול זיך איין איטליכער וואל בידענקן. אונ׳ דש משל ניט ור אכטן. דא מיט הוט דש משל איין ענד. הקבה משיח זענד: אמן סלה.״ (באזעל נר. 193, מ״ב נר. 194, רעדלהיים נר. 202, נאר אין אלע אויסגאבן פון דעם מעשה-בוך האבן מיר א אנדערן וואריאנטן, אן איינפאכערן, ווארום צו דעם מינכענער טעקסט איז צוגעגעבן נאך א מאטיוו, אז מען טאר ניט אלץ פארטרויען דעם ווייב. אויף דעם מאטיוו איז געבויט אין דעם מעשה-בוך מעשה נר. 198, וועגן דריי עצות, וועלכע איינער פון דריי ברידער באקומט פון שלמה המלך.)

17) „דאש מעשה מיט דעם אבן טוב״. „מעשה גישאך אן איינום גוי דער וואר גר איין גרושר עשר אונ׳ היז זימא זון נתינה״. (ס׳איז די תלמודישע געשיכטע פון מסכת קדושין, פון דמא בן נתינה, וואס האט מקפיד געווען אויף כבוד-אב. באזעל-מ״ב נר. 127).

18) „איין מעשה בון איינום חסיד מיט זיינום זון.״ אנהייב: „מעשה אן איינום חסיד. דער וואורד אַלט אונ הט קיין זון. דא בט ער הק״בה ער זולט אים דוך איין זון בישערן״.—ער באַקומט א זון, נאך זיין טויט ווערט דער זון א סוחר, ער ווארפט אַבער דעם האנדל, ווארום ער איבערצייגט זיך, אז דער האנדל איז געבויט אויף אייטל שקר און גנבה. ער גייט אוועק וואנדערן און באגעגנט אן אלטן מאן, וואס אקערט אין פעלד און האלט אויף דעם אקעראייזן א אפגעגעם בוך און לערנט,—ס׳איז אליהו הנביא. אליהו ווייזט אים אן א כלה, ער האט חתונה, נאר פון גרויס ליבע צו זיין ווייב איז ער מבטל 7 טעג פון דעם תורה־לערנען, און אליהו הנביא זאגט אים אן, אז אלס שטראף וועט ער 7 יאר זיין א קנעכט, וכך הוה.—מיט אן אילוסטראציע פון אליהו הנביא, וואס האלט אן אָפן בוך אויפן אקעראייזן.—די בעסטע אילוסטראציע אין אונדזער כתב־יד, דאך נאך ריעבט פרימיטיוו.—באזעל נר. 216, מ״ב נר. 217).

19) „דש מעשה איין ורויא שטרופט איר טוכטר״. (ס׳איז פון בבא בתרא פרק חזקת הבתין, באזעל—מ״ב נר. 128). דידאזיקע מעשה ברענג איך איגגאנצן:

מעשה איין ורויא שטרופט איר טוכטער. דש זיא וואר איין הור214)
אופן בור215) אונ׳ זגט צו איר. ליבי טוכטר זייא איין חור אין דער היימליך קייט. דש עש די לויט ניט ווירדן גיוואר. אז איך מיין טג הב גיטון. איך הב ציהן קינדער. הב ניט מיין דען איינגיש מיט מייגום מן גיהט. אונ׳ דיא אנדרן

זיין אייטיל ממזרים. טוא אויך אזא. זא ווערשטו ניט צו שנדין:

דא זיא דש צו דער טוכטר זגט. דא הורט עש איר מן אונ' שוויג שטיל. אונ' גידוכט ווש זול איך בעו"ה טון. זול איך מיך אונ' מייני קינד זעלוורט צו שנד אונ שפוט מכן. ווילש ניט טון.

דא ער נון שטערבן זולט. דא טעט ער צוואה דש נון איין זון בון זיינן זוינן דש ממון אליין ירשן זולט. אונ' נענט קיין ניט. דא ער נון גישטורבן וואר. אונ מן דיא ירושה טיילן זולט. דא קריגטן זיא מיט אננדר. איין איט-ליכר וואלט די ירושה אליין ירשן. סוף דבר זיא קונטן דש הנדילש ניט אייניש ווערדן. אונ' קומן מיט אננדר בור דען ראש ישיבה. אונ' זגטן אים וויא איר ואטר צוואה גיטון העט. דש ער איין זון אונטר אינן זולט ירשן אונ' די אנדרן זולטן אל לער אויש גין. דען דיא אנדרן קינדר ווערן אייטיל ממזרים אונ' העט קייני גיגאנט. וועלכר זיין רעכטר זון ווער. דער הלבן ליבר ר געבט איר איין פסק דארום. דא שפרך דער ראש ישיבה איך וויש ניט וויא אים צו טון איז. דען דער דין איז מיר ור הולן בון מיר. אבר אייניש וויל איך אויך רוטן ווש איר טון זולט. גיט אל מיט אנגדר אוף דש בית החיים אוף אויערש ואטרש קבר. אונ' געם איטליכר איין שטיין אונ' קלופפט אוף אוירש וטרש קבר מיט דעם שטיין. אונ' שפרעכט ליבר ואטר זג אונש וועלכר אישט דיין רעכטר זון. דא גיגגן זיא אל מיט אנגדר אוף דש קבר אין. אליין216) אייגער וואלט עש ניט טון. אונ' שפרך אי217) איך דש טון וועלט. וויל אי דש ממון ור לורן זיין. אונ' דא דש דער ראש ישיבה זאך. דא זגט ער דער מוש ודאי דער רעכט זון אונ' ירש זיין. אונ' שפרך אים דש ממון צו. אונ' יעני מושטן אל לער אויש גין. אונ' וואורדן אל בחרפה. אונ' צו ממזרים דערקענט. דער הלבן ווען איין מענשא עבירות היימליך טוט. דא קומט עש צו לעצט דר צו דש עש אופן בור ווערט. דארום זול איין איטליכר גיווארנט זיין אונ' ור עבירות הויטן: (א מין אומקערונג פון שלמה המלכס משפט).

20) „איין מעשה פון יואב אין טגן שלמה המלך". אנהייב: שלמה המלך צייטן דא זגט ער יואב זון צרויה. אין דיא מלחמה. דש ער זולט מיט דען עמלקים שטרייטן. (באזעל-מ"ב נר. 145).

21) „מעשה גישיך אייגום חסיד דער הט איין וויב דיא היש שושנה" — ס'איז דער שושנה-אפאקריף, פעלט לגמרי אין מעשה-בוך.

22) „איין מעשה בון אייננם רשע דער אלי עבירות עובר ור.: „מעשה

גישך אן איינום רשע. דא וואונט איין עשר ניבן אים אין בבל. דער זעלביג עשר הט גר איין שוני ורומש וייפ. אונ׳ דער רשע הט לושט צו דער זעלביג חסידה אונ׳ גינג צו איר דא איר מן ניט דא היימן וואר אונ׳ ור היש(218 איר ויל געלט זיא זולט זיין ווילן טון. זיא וולט ניט אונ׳ שריא אונ׳ וויינט. אונ׳ דארפט אירם מן ניט זגן. דען זיא ביזרגט זיא מויכטן אן אנגדר הרגן. איין מול וואנדרט איר מן אויבר יס נוך סחורה. דא דש דער רשע גיוואר ווארד. דא גינג ער אם שבת אונ ברזיך אין איר הויז היימליך. אונ וואלט ביי איר ליגן. אונ׳ וואר מחלל השבת. אונ׳ לג מיט גיוואלט בייא איר. אונ׳ וואר עובר אוף לא תנאף. אונ׳ דא ער זיא הט גיפייניגט. דא דר הרגת ער זיא אונ׳ וואר עובר אוף לא תרצח. אונ׳ דר נוך ברך דער סוד אונ׳ דש ערש גיטון הט. אזא ווארט ער ור ממפט גישטולט דא שמדת ער זיך גר. דער הלבן זא זיך איין איטליכר מענשא ווש בון איינר זולכי עברה קומן מג. „דער הלבן הויט זיך איין איטליכר דר בור. זא ביהלט ער זייני נשמה ריין״: (באזעל 218, מ״ב 219.)

ווען איז אנטשטאנען דער „מעשה-בוך״.

די 22 מעשיות אין דעם מינכענער כתב-יד 100 ווארפן אן אייגנארטיקן ליכט אויף דער אנטשטייונגס געשיכטע פון דעם „מעשה-בוך״. ס׳איז אגב ניט די איינציקע יידיש-טייטשע האנדשריפטלעכע זאמלונג פון מעשיות, וואס געהערן צום קרייז פון „מעשה-בוך״. אין אָקספארד געפינט זיך א כתב-יד (אפפ. 1706, שטיינשניידער נר. 410), וואס האלט אויף 83 בלאט 9 מעשיות, דערהויפט פון מעשה-בוך קרייז, געשריבן ניט פריער ווי אין יאר 1579. אפשר האט צום מעשה-בוך א שייכות אויך דער כתב-יד סאָרבאָנע נר. 158.

אונדזערע מינכענער מעשיות זיינען געשריבן ארום דעם יאר 1580, בעת די ערשטע צו אונדז דערגאנגענע אויסגאבע פון דעם „מעשה-בוך״ איז דערשינען אין באַזעל אין יאָר 1602. אַן עקזעמפליאר פון דערדאזיקער זייער זעלטענער אויסגאבע געפינט זיך איצט אין דעם בריטישן מוזעאום; שטיינשניידער באשרייבט זי אין „סעראפעאום״ אין יאר 1866, ליידער האט דאן שטיינשניידער ניט געהאט די מעגלעכקייט דידאזיקע אויסגאבע צו פארגלייכן

גענויער מיט דעם מינכענער טעקסט. שוין דאן איז שטיינשניידער געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די אויסגאבע באזעל 1602 איז ניט די ערשטע אויסגאבע פון דעם מעשה־בוך, און אז דער מחבר האט געלעבט אין מערב־דייטשלאנד אין דעם לעצטן דריטל פון דעם 16 יארהונדערט. די מאטיוון, אויף וועלכע שטיינשניידער בויט זיין השערה, אז די באזעלער אויסגאבע איז ניט די ערשטע, זיינען נעמלעך די, אז די באזעלער אויסגאבע האלט סך־הכל 257 מעשיות, אויף דעם שער־בלאט רעדט זיך אבער פון „דרייא הונדערט אונ׳ עטליכי מעשים". ווארשיינלעך האט אלזא דער באזעלער דרוקער, יעקב בן אברהם פון מעזריטש (ער איז געווען א מוכר־ספרים אין באזעל 1598—1603 און איז זיכער ניט דער מחבר פון דעם מעשה בוך) געקירצט די ערשטע אויסגאבע, ארויסגעווארפן אן ערך 50 מעשיות, און מעכאניש איבערגעדרוקט דעם שער בלאט פון דער ערשטער אויסגאבע (די הקדמה שטאמט אבער ווייזט אויס פון אים). כאראקטעריסטיש פאר דעם קאנסערוואַטיזם פון די דרוקער איז, אז זיי האבן יארהונדערטער כמעט שפעטער כסדר איבערגעחזרט אין דעם שער־בלאט דעם אנזאג פון „דרייא הונדרט אונ׳ עטליכי מעשים" און צום סוף געדרוקט אן אנטשולדיקונגס־פארמולע: „נאך דעם דאז מן פארגן אין דען שער האט גישטעלט. דרייא הונדרט אונ׳ עטליכי פופציג (!) מעשים וועלכש ניט זיין, דען מן האט זיא נאך די פרעגער גימאכט אונ׳ אך נאך די פראנקפורטר, אבר עז איז איין טעות נון מיר זיא נאך גיזעהן האבן זוא זיינן עז ניט מין אלז צווייא הונדרט אונ׳ עטליכי פופציג, אונ׳ אך זיין צוויי מעשים אין דאז אלטי מעשה בוך טאפלט גידרוקט גיוועזן דרום וועןן עטליכי לייט זיין דיא וואלטן מיינן עז ווער אויז גילאזן עטליכי מעשים קענן דאז אלט מעשה בוך נאך זעהן; זוא ווערן זיא זעהן דאז עש וואר איז" (אמסטערדאם 1701, דירנפורט 1709); כאראקטעריסטיש איז, אז מען אנטשולדיקט זיך פאר „דרייא הונדרט עטליכי אונ׳ פופציג מעשים", בעת מען האט אין דעם שער אנגעזאגט בלויז „דרייא הונדרט אונ׳ עטליכי"; די רעדלהיימער אויסגאבע, וואס האלט 259 מעשיות, זאגט אבער אן אין דעם שער „דרייא הונדרט אונ׳ פיר אונ׳ פופציג אנדרי מעשים". ווארשיינלעך האבן די עלטערע אויסגאבן פון דעם מעשה־בוך, פון דעם 17 יארהונדערט, געדרוקט אין דעם שער־בלאט אן אנזאג פון דרייהונדערט פיר און פופציק מעשיות, ד. ה. מיט א קיילעכדיקער מאה מער, איבערלאזנדיק רויק דעם לעזער זיך משער צו זיין, אז ס׳איז פארגעקומען א דרוקפעלער צווישן צוויי און דריי, איך האלט אויך פאר מעגלעך, אז זיי זיינען געווען געראכט, די

דאזיקע עלטערע דרוקער, און אז דער באזעלער דרוקער האט גארניט געקירצט, און אז די גאנצע מיספארשטייעניש בארוט אויף א דרוקפעלער.

אסאך וויכטיקער ווייזט מיר אויס צו זיין שטיינשניידערס צווייטער מאטיוו, אז אין דעם באזעלער דרוק זיינען פאראן עסהארצישע גרייזן, אפילו אין די איבערשריפטן, אשטייגער „ברוכת" פאר „ברכות", אדער „יון שלמי" אנשטאט „ירושלמי", און דער מחבר וואלט עס באשטימט ניט דורכגעלאזן, ווען ער וואלט אנוועזנד געווען ביים דרוקן.—אזויפיל שטיינשניידערס וויכטיקסטע מאטיוון. גראד אבער די מינכענער מעשיות גיבן, לויט אונדזער מיינונג, גע-נוגנדיקע באווייזן, אז דער מעשה-בוך איז אנטשטאנען נאך פאר 1580.

1) קודם-כל לאמיר פעסטשטעלן, אז יצחק רויטלינגען איז בלויז א קאָ-פיסט פון דידאָזיקע מעשיות, בשום אופן ניט זייער מחבר. ער איז צו דעם א צו גרויסער עם הארץ ער שרייבט „מֶלֶך מַלְאֲכֵי הַמְּלָאָכִים"! „חוגה" פאר חָגא, „ר' יוֹסֵף מיוֹקָר (!) שבִּי". שוין דאס ריכטיקע אויסלייגן פון העברעישע און אראמעישע ווערטער איז פאר אים א שווער שטיקל ארבעט. דאס איבערזעצן פון אראמעיש-תלמודישע טעקסטן פאדערט אבער א גרויסע בקיאות, וועלכע יצחק רויטלינגען האט לחלוטים ניט פארמאגט.—אויך זיין פארווּף אויף די תלמודישע מקורים איז אפט פארגרייזט.

2) נומערירנדיק לויטן אמסטערדאמער מעשה-בוך, באקומען מיר אזעלכע רעזולטאטן: צוויי פון די מינכענער מעשיות פעלן לגמרי אין דעם מעשה-בוך. (אונזערע נומערן 15 און 21). לויטן סדר פון מינכען באקומען מיר פאָלגנדיקע נומערן פון דעם אמסטערדאמער מעשה-בוך: 130, 29, 7, 6, 129, 77, 93, 131, 132, 182 באזעל, 195, 133, 220, 125, 0, 194, 127, 217, 128, 145, 0, 219. אין דעם סדר פון דעם מעשה-בוך גייען די מינכענער מעשיות ווידער אין אַזאַ ארדנונג: 6, 7, 29, 77, 93, 125, 127, 128, 129, 130, 131, 132, 133, 145, 182, 194, 195, 217, 219, 220. אויפפאלנדיק איז דא די סעריע 125—133, ווו ס'גייען כמעט נאכאנאנד 8 מעשיות, אמת, אין אונדזער כתב-יד שרעקלעך צעדרייט לויטן סדר. ספעציעל דידאזיקע סעריע שאפט דעם איינדרוק, אז יצחק רויטלינגען האט בכיוון פונאנדערגעווארפן דעם סדר פון די איבערגע-שריבענע מעשיות, אפשר בכדי צו געבן זיין אויסוואל דעם שיין פון א ארי-גינעלער שאפונג.

3) דעם אנטגילטיקן ענטפער אויף דער שאלה, צי זיינען די מינכענער

מעשיות איבערגעשריבן פון דעם מעשה־בוך, גיט סוף־כל־סוף דער טעקסט אליין, שטיינשניידער איז פארזיכטיק משער, אז אפגעזען פון צייטלעכע און לאָקאלע שינויים, שטימט דער מינכענער טעקסט מיט דעם טעקסט פון דעם מעשה־בוך, ס'איז ניט אינגאנצן ריכטיק. אפילו פארגלייכנדיק מיט דעם אמסטערדאמער טעקסט פון דעם יאר 1701, ווי מען מוז אלזא כסדר נעמען אין אכט דעם צייט־אונטערשיד פון 120 יאר, מוז מען דעם מינכענער טעקסט צעטיילן אויף דריי גרופן. די ערשטע גרופע זיינען די מעשיות, וואס ווייזן אויף מינימאלע און פארשטענדלעכע שפראכלעכע און סטיליסטישע שינויים לגבי דעם טעקסט פון דעם מעשה־בוך, שינויים, וואס זיינען בלויז לאָקאלע און צייטלעכע, עטוואס רעדאקציאנעלע דיפרענצן. דא געהערן די מינכענער מעשיות נר. 1, 3, 5, 7, 8, 9, (10), (12), 13, 14, 18, 19, 20, 22. אָפט פעלט אין דעם מינכענער טעקסט א מוסר גראם, וואס איז גראד פאראן אין דעם „מעשה־בוך”, אשטייגער אין נר. 1, נאך עפטער פעלט דער מינכענער גראם אין דעם „מעשה־בוך”. גאר כאראקטעריסטיש איז די גרויסע מעשה 13, וועגן דעם אלטן מאן מיט זיינע 3 טעכטער, ווו דער מינכענער טעקסט האט כמעט ווארט אין ווארט דעמזעלביקן מוסר־השכל, ווי דער מעשה־בוך.— אייניקעריימען פון דעם מינכענער טעקסט שטאמען ווייזט אויס פון יצחק רויטלינגען.—נר. 10 האב איך געשטעלט אין קלאמערן ,ווארום ער איז פאראַן בלויז אין דער באַזעלער אויסגאבע. נר. 12 שטייט אין קלאמערן, ווייל ס'איז בלויז אן אויסצוג פון א מעשה־בוך דערציילונג.

אזוי צי אזוי, דער רוב פון די מינכענער מעשיות שטימט מער־ווייניק מיטן טעקסט פון דעם מעשה־בוך, אפט אזוי ענג אין די סטיליסטישע אויסדרוקן, אין דעם ווארטאוצר, אין די ווענדונגען, אז ס'איז אוממעגלעך צו לייקענען, אז מיר האבן צו טון מיט א טעקסט, וואס איז געשאפן געווארן דורך איין מחבר.

די צווייטע גרופע זיינען די מינכענער מעשיות, וואס שטימען לויטן סיפור־המעשה מיטן מעשה־בוך, שטעלן אלזא ניט פאר קיין באזונדערן ווארנאנט, און דאך ווייזן זיי אויף אזעלכע שטארקע סטיליסטישע, שפראכלעכע און הויפטזעכלעך רעדאקציאנעלע ענדערונגען לגבי דעם „מעשה־בוך”, אז זיי מאכן דעם איינדרוק גיכער פון איבערדערציילונגען, אדער באשרייבונגען פון זיכרון, און ניט קיין קאָפּיעס פון א טעקסט. בפרט האט אונדזער קאָפּיסט אייניקע מעשיות שטארק געקירצט, און די קירצונגסטענדענץ באמערקט זיך ביי אים אין אלע כמעט מעשיות.—אויסגעשפראכן צו דער גרופע געהערן: 2,

4, 6, 17. פאראן אבער מעשיות, וואס דערנענטערן זיך פון דער ערשטער גרופע צו דער צווייטער, א שטייגער 3, 12.

די דריטע גרופע בילדן מעשיות, וואס שטעלן פאר א גאנץ נייעם וואריאנט לגבי דעם מעשה־בוך־טעקסט, ווו ס'איז אלזא געדנדערט אויף דער סיפור־המעשה. דא געהערן די מעשיות: 11, 16. ניטקלאָר איז די מעשה 16, בפרט, וואס עס פעלט דא א בלאט צווישן 80 און 82. אפשר געהערט בלאט 82 שוין צו אן אנדער מעשה? לויט דעם מוסר־השכל דארף מען זיך משער זיין, אז מיט דעם ערשטן מאטיוו, וואס איז געבויט אויף כיבוד־אב, איז פארעמאלצן געוייארן א מאטיוו, אז מען דארף ניט אלץ פארטרויען דער ווייב. און פון דעם פראגמענט פון בלאט 82 דערוויסן מיר זיך, אז דער מאן הערט אן עצה פון א ראָב און א האן, ער זאל בעסער גוט אנשלאגן די ווייב, וועט זי אויכהערן אים מאטערן, וכך הוה. וועגן דעם, אז מען טאר ניט איבערגעבן קיין סוד דער ווייב, דערציילן די מעשיות נר. 198, 228, אמסטער־דאַם, נאר אין א אנדערע וואריאנט. צו דער דריטער גרופע דערגענ־ענטערט זיך פון דער צווייטער מעשה נר. 4, וועגן יוסף מוקיר שבת.

ענדלעך איז פאראן א מעשה, וואס בארוט אויף א מיספארשטייעניש מצד דעם קאָפּיסט: ס'איז מעשה נר. 12, וואס הויבט זיך אן מיט די ווערטער: „מעשה גישאך אן דעם חסיד ר' שמואל ורומקייט אז איר הוירן ווערט", אין דער מעשה איז ניטא קיין וועגן „ר' שמואל ורומקייט", און דער קאפיסט האט איילנדיק געגעבן די איבערשריפט צו א מעשה וועגן ישמעאל כהן גדול. דידאזיקע מעשה און נר. 10 זיינען די איינציקע שפורן פון דעם לעגענדן־ציקל ארום יודא און שמואל חסיד.

די מעשה 10 ענדיקט זיך מיט דעם זאץ: „דר נוך גינג אויש בון אים ר' יודא חסיד. דא איך ויל בון גישריבן הב אים מעשה בוך", וועלכן שטיינ־שניידער וויל פארשטיין אין דעם זין, אז איך האב פיל פון אים געשריבן אין דעם א י צ ט י ק ן מעשה־בוך", בעת שטערק־לייטצמאן (ז. 324) ווילן האבן, אז דער מחבר דערציילט, אז ער האט פון יודא חסיד פיל געשריבן אין א א נ ד ע ר ן מעשה־בוך, וואס איז ווארשיינלעך געווען געווידמעט די ביידע רעגענסבורגער חסידים. דערדאזיקער שלוסזאץ פעלט אין דער באזעלער אויסגאבע.

4) רעזיומירנדיק: איך גלויב, אז דער מינכענער טעקסט גיט גענייגנדיקע באווייזן, אז יצחק רויטלינגען האט זיינע מעשיות קאָפּירט פון דעם מעשה־

בוך, וואס איז אלזא דערשינען נאך פאר 1580. ער האט זיך אבער אייניקע מאל זייער זעלבשטענדיק באצויגן צום טעקסט, קירצנדיק און רעדאגירנדיק אים לויט זיין געשמאק, אייניקע מאל אויך וואריאירנדיק דעם סיפור-המעשה. דאס, וואס 8 מעשיות פון דעם מעשה-בוך, וואס גייען דארט אייגע נאך דער אנדערער, זיינען אריין אין דער רויטלינגען-זאמלונג, רוקט ארויס די השערה, אז די ערשטע אויסגאבע פון דעם מעשה-בוך האט אין אלגעמיין געהאט די זעלביקע רעדאקציע און סדר, ווי באזעל און די שפעטערדיקע אויסגאבן, ווער ווייס, צי איז ניט אין דעם שער-בלאט פון באזעל אריינגעפאלן א דרוקפעלער, ד. ה. אז אויך די ערשטע אויסגאבע האט פארמאגט ניטמער ווי צוויי הונדערט עטליכע און פופציק מעשיות. אויב אבער די ערשטע אויסגאבע האט באמת פארמאגט מער מעשיות, דאן קאן מען ארויסזאגן די השערה, אז ס'זיינען אויך אריין אין איר א ריי אפאקריפן, א שטייגער דער שושנה-אפאקריף פון דעם מינכענער כתב-יד, דער זרבבל-אפאקריף און דער יהודית-אפאקריף, וועלכע זיינען פאראן אין דעם דערמאנטן אקספארדער כתב-יד, א. א. וו.

5) איך ברענג איצט צום פארגלייך מיט דעם מעשה-בוך 1701: פון דער ערשטער גרופע אלזא מעשיות, ווו דער מינכענער טעקסט גייט זיך גאר ווייניק פונאנדער מיטן מעשה-בוך,—די מעשה נר. 9. וועגן ר' פרידה און זיין תלמיד. פון דער צווייטער גרופע, וואס ווייזט אויף שטארקע רעדאקציא-נעלע ענדערונגען—די מעשה מיט יוסף מוקיר שבת. (פארגל. אויך וואגענזייל, צווייטע אויפלאגע ז. 324 דאן גרינבוים, ז. 455—456).

אא) מינכענער טעקסט (בלאט 76א) דש מעשה שטיט אין יומה:

רבי פרידה דער הט איין תלמיד. אונ' ווש ער מיט אים לערנט דש מושט ער אל מול ויר הונדרט מול מיט אים לערנן ביז ערש קונט. איין מול רופט מן ר' פרידה צו איינר מצוה. אונ' ער לערנט איבן מיט אים איין פרק. אונ' ער קונט אין דוך ניט. דא זגט דער ר' ווארום ור שטישטו הוייט מינדר דען געשטערט. דא זגט ער בון דעם מולט דש מן אויך צו דער מיצוה גירופן הוט. דא הב איך קיין אכט מין אוף דש לערנן געבן. איך גידיכט אומרדר איצונדר ווערט איר גיין. דא זגט ער גיב נוך אכט דרוף. זא וויל איך דען פרק נוך ויר הונדרט מול מיט דיר לערנן. אזא טעט ערש. דא קאם איין בת קול בון דעם הומל אונ' זגט ר' פרידה וועלכש איז דיר ליבר. דש דוא נוך ויר

הונדרט יאר זולשט לעבן. אודר דש דוא אונ׳ דיין גישלעכט זולן אין דש גן עדן קומן, דא זגט ער איך וויל דש גן עדן הבן. זא יגט הקב״ה דיא ווייל דו ניט לעבן ביגערשט זולשטו זיא אל בייד הבן. גן עדן אונ׳ לעבן,

אב) „מעשה-בוך״ 1701, מעשה קל״ב. עירובין פרק כיצד.

מעשה רבי פרידא דער האט איין תלמיד דער וואר איין גרושר עם הארץ, אונ׳ אלז וואש ער מיט אים לערנט, דאש מוזט ער פיר הונדרט מאל מיט אים לערנן אי ער עש קענט ביהאלטן. איין מאל האט רבי שוין פיר הונדרט מאל אים גילערנט, דא רופט מן עבן רבי פרידא צו איין מצוה, דא קאנט דער תלמיד נאך ניט וואש ער מיט אים האט גילערנט. דא זאגט רבי פרידה צום תלמיד וויא קומט עש דש דוא איצונדרט וויניגר קענשט אזאיין אנדר מאל וויא וואול איך האב שון פיר הונדרט מאל מיט דיר גילערנט. דא זאגט דער תלמיד ווידר זיין רבי. פון דעם מאל אן דש מן אייך האט צו דער מצוה גירופן. דא האב איך קיין אכטונג דרויף גיהאט. דען איך האב גידאכט איצונדרט ווערט דער רבי גין, דא זאגט רבי פרידא מיין ליבר זון האב דאך קיין אכטונג דרויף. איך וויל נאך פיר הונדרט מאל מיט דיר לערנן. אונ׳ לערנט אך נאך פיר הונדרט מאל מיט אים ביז ער עש קאנט. דא קאם איין שטים פון הימל. אונ׳ זאגט צו ר׳ פרידא וועלכש איז דיר ליברש. דאש דוא נאך פיר הונדרט יאר זאלשט לעבן. אודר דוא אונ׳ דייני גבירד זאלן גלייך אין דש גן עדן קומן. דא זאגט רבי פרידא איך וויל ליבר דש איך אונ מיין גיבירד אין דש גן עדן זאלן קומן. דא זאגט הקב״ה גיבט דעם צדיק אלי בייד. דאש גן עדן. אונ׳ פיר הונדרט יאר נאך צו לעבן. דר האלבן איר ליבן לייט זאל איינער וואול לערנן מיט זיין תלמידים:

בב) מינכענער טעקסט (בלאט 74ב). דש מעשה שטיט אויך אין שבת:

רב יוסף מיוקר שבי דש איז ווער דען שבת אירט. דער ווערט אויך גיאירט. עש וואר איין גוי׳ אין זיינר שטט בייא אים דער וואר גר רייך. דא זגטן דיא שטערן זעהר צו דעם גוי מיר זעהן אין דעם גישטירן. דש אל דיין גוט ווערט דעם ורומן יוסף יודן צו טייל ווערדן דער דען שבת אזא אירט. דער גוי גינג הין אונ׳ קויפט איין הופש פערלן אום זיין ממון. אונ׳ ליש אים אום זיין הויב מיט אייטיל פערליך שטיקן. אונ׳ זעצט דש גרוש פערלין דאריין. ער ור מיינט ער ווערט עש וואל ביהלטן ון אים. דש עש אים יא ניט צו טייל וואוירד. עש וואוירד אים ניט ועלן. עש וואר ניט לנג דר נוך

דא וואר איין גרוש חוגה דש טעט זיך דער גוי הויפ (ש?) אן אונ׳ זעצט דש הוייבלן אויך אויף. אונ׳ וואלט צו זיינן ורוינדן וואנדרן. אונ׳ זיא היים זוכן. דא מוש ער אויבר איין וושר דא גינג איין פריק היניבר. אונ׳ אז ער אויף די בריק קאם. דא קאם גר איין גיוואלטיגר גרושר שטורם ווינדא. אונ׳ווארף אים דש הייבלין מיט דען פערליך אינש וושר. אזא קאם איין גרושר ויש אונ׳ ור שלנד דש הייבלין מיט זאמיט דעם פערלין. אויבר איין צייט לנג קאם איין וישר אוף דש וושר אונ׳ וואלט ויש ונגן. אונ׳ וינג איבון דען ויש. דער דש הייבלין ור שלונדן העט. אזא טרוג דער וישר דען ויש אין דיא שטט דא ר׳ יוסף דא היים. וואר אונ׳ עש וואר אן איינום ורייטיג דש דיא יודן ויש קפטן. אזא וואר דער ויש צו טויאר איינום ארמן צו קויפן. דא זגטן די לויט עש קאפט דען ויש נימט אזא יוקר אז דער יוסף דער דען שבת אירט. אזא טרוג אין דער וישר צו אים. דא קויפט ער אין אב. אונ׳ גינג היין אונ׳ טעט דען ויש אויף. דא ונד ער דיא פערליך אין זיינן גיטערם. דיא ווארן גרוש ממון ווערט. אונ׳ ער ור קויפט דיא פערליך אום הונדרט טויזנט גוילדן. אונ׳ קויפט עקיר אונ׳ וועדיר. אונ׳ קנעכט אונ׳ מעגט. אונ׳ אוקש אונ׳ איזיל. אונ׳ווארד איין מעכטיגר גרושר עשיר. ער מוכט במ״ט שמעון גוינצבורג וואל גלייכן מיט עושר. דרום זול איין איטליכר גיוורנט זיין אונ׳ דען שבת אירן. זא ווערט אים הק״בה זיין ממון מירן:

בג) מעשה־בוך 1701. מעשה ו. מסכת שבת פרק כל כתבי.

מעשה גישאך אן איינם דער הייסט יוסף מוקר שבת דאש איז טייטש יוסף דער דען שבת טוט ערן. דען וואש ער קענט לכבוד שבת בקומן דאש קויפט ער. עש וואר אים ניקש צו טייער אויף דען שבת וועז עש נייארט עפיש גוטש אויף דען מרק קאם דא קויפט ערש עש וואר אים קיין גרושר פיש צו טייאר ווען ער אים נייארט קריגן קונט. נון האט דער יוסף איין נאכפערן נעבן אים וואונן דער וואר איין גרושר עשיר דער שפאטיט דען יוסף אל צייט אויז. אונ׳ זאגט צו אים וועש העלפט דיך דאש. דאש דוא דען שבת אזו טושטו ערן. דוא בישט דאך ניקש דרום דער רייכר. איך עהר דען שבת ניט אזו וואול אונ׳ בין דאך רייכר ווערר דוא. אבר דען גוטן יוסף לאג ניקש דראן אונ׳ פר טרויאט זיך צו הש״י דער ווערט עש אים ווידר בש בשערן. נון ווארן שטערן זעהר אין דער זעלביגן שטאט דיא זגטן ווידר דען עשיר מיין ליבר פריינט ווש העלפט עש דיך דאז דוא אזו רייך בישט דוא דרפש

דאך קיין גוטן פיש אום דיין געלט עשין מיר האבן גיזעהן אין דיא שטערין
דאש דיין ממון ווערט אין דעם יוסף מוקר שבת זיין הנד קומן דער עסט
דאך איין גוטן בישן אום זיין געלט, דער עשיר דר נאם דיא ריד פון דעם
שטערן זעהיר אן. אונ׳ גינג הין אונ פר קויפט אל דז זיין אונ קויפט אייטל
אבנים טובות ומרגליות אום זיין ממון אונ׳ מאכט דש אלש אויף איינם הוט
שנור, אונ׳ וואלט אין איין אנדר לנד ציהן אונ׳ מיינט דא מיט ער וואלט
דען יוסף זיין ממון מיט איין וועק פירן אונ׳ צוך איבר ים, דא קאם איין
ווינט וויא ער אויף דען וושר וואר אונ׳ וואלט דאש שיף דער טרינקן אונ׳
וויאט דען עשיר דען הוט אב אונ׳ פיל אין דאש וושר דא קאם איין גרושר
מעכטיגר פיש אונ׳ שליגד דען הוט איין, דא מיט דער עשיר גאר ארום
וואַרד. נוא בגאב עש זיך איין מאל אויף איין צייט דז אן איינם פרייטאג
איין גרושר פיש וואר גיפאַנגן, דער וואַרד אויף דען מרק גיבראַכט. אידר
מאן פיילט דען פיש מן באט אים גאר טייאר דז אידר מאן דער פון גינג
אונ׳ וואלט נימץ דען פיש קויפן אונ׳ אידר מאן זאגט דען פיש קויפט
נימנט דען נייארט יוסף מוקיר שבת דער קויפט אַל דיא פיש דיא גרוש זיין
דיא זיין אים ניט צו טייאר. אין דעם קאם דער גוט יוסף צו גין אויף דען
מרק אונ׳ וואלט גלייך פיש קויפן אויף דעם שבת דא זאך ער דען גרושן
פיש פייל דאז וואר אים נעבן דען יוסף מוקר שבת זער איין גרושה פרייד
דז ער איין זעלכן פיש אויף שבת ביקומן. אונ׳ גידאכט אין זיין זין דער
פיש זאל מיר ווערליך ניט צו טייאַר זיין. ווען ער גלייך הונדרט גילדן
קאָשט. נון פיילט ער דען פיש מן ביטט אים גאר טייאר. נון ער וואר יוא
מיט דען מן צו פרידן דז ער אים קויפט אונ׳ טרוג אין איין היים אין
גרושן פריידן. אַלז ער דען פיש אויף טעט דא פאנד ער דיא שנור פערליך
אין דעם פיש דיא דער עשיר האט פר לארן אונ׳ דא וואַרד נון גישעהן
וואש דיא שטערן זעהר האטן גיזאגט ווידר דען עשיר זיין ממון דש ווערט
אין דען יוסף מוקר שבת זיין הנט קומן. דא פרייאט ער זיך גאר זער אונ
וואר גיווארדן איין גרושר עשיר דען דיא שנור וואר איין גנץ מלכות ווערט.
דא קאם איין אלטר מאן דער זאגט ווידר דען יוסף ווער אויף דען שבת פיל
באָרגט דא ביצאלט דער שבת ווידר פיל. דש מיינט אזו ווער דען שבת טוט
מיט גוטן ערין. כפל כפלים טוט אים השם יתברך ווידר טאפיל בשערן אמן:

ד) יצחק ראָטלינגען און שמעון גינצבורג.

איך דער מעשה וועגן יוסף מוקיר שבת האָב איך אונטערגעשטראָכן דעם כאַראַקטעריסטישן צוזאַץ: „און' וואַרד איין מעכטיגער גרויסיר עשיר, ער מוכט במ"ט שמעון גינצבורג וואָל גלייכן מיט עושר". דער צוזאַץ איז בלתי-ספק יצחק ראָטלינגענס המצאה, וואָרים דער מחבר פון דעם מעשה-בוך מאַכט קיינמאָל ניט אַזעלכע ריין-פּערזענלעכע זייטנשפּרונגען. ס'איז אַ וווּנדער, אַז שטיינשניידער האָט דעם זאַך ניט באַמערקט. ווער איז אָטאַ דער שמעון גינצבורג, דער רייכער בן-דור פון יצחק ראָטלינגען? מיר האָבן גראָד ידיעות וועגן אַ שמעון גינצבורג, וואָס האָט געלעבט אין דער-זעלביקער צייט. עס איז אונדז נעמלעך באַקאַנט אַן אַרויסגעבער שמעון לוי גינצבורג, וואָס איז 1590 און 1598 געווען אין מאַנטואַ און ווענעציע, און און 4—1593 האָט ער געדרוקט אין טאַנהויזען מיט אַ שותף אַ סידור (שטיינשנ. טעראַפּעאָום, 1866, ז. 12. באָדליאַנאַ-קאַטאַלאָג ז. 2626)—טאַנהויזען איז בכלל דער איינציקער אָרט אין מערב-דייטשלאַנד וווּ מען האָט געדרוקט נאָך 1560, נעמלעך די דערמאָנטע סידור-אויסגאַבע (ערשט 1616 איז אַנטשטאַנען די דרו-קעריי אין האַנוי) צי איז עס דער זעלביקער שמעון גינצבורג? דאַן וואָלט עס געווען אַ מין חנופה-זאַך, און ס'קאָן זיין, אַז יצחק ראָטלינגען איז געשטאַנען מיט דעמדאָזיקן פאַרלעגער אין באַציונגען, און אפשר האָט ער עפּ פאַר אים געגרייט זיינע ראָמאַנען-באַאַרבעטונגען? דער צווייטער טייל פון דעם מינכע-נער כתב-יד איז אָגב געשריבן פון בנימין בן יוסף מרקש אין יאָר 1600 אין טאַנהויזן.—(וועגן יצחק גינצבורג, וואָס איז געשטאַנען אין באַציונגען מיט דעם דרוקער חיים שחור, זע שטיינשניידער, „העברעישע דרוקן אין דייטשלאַנד", אין ל. גייגערס צייטשריפט, 1887, ז. 285. וועגן דער משפחה גינצבורג—זע שטערנבערגן, געש. דער יידן אין פּוילן, 1878, ז. 145).

ה) וויאַזוי איז אַנטשטאַנען דער „מעשה-בוך".

(זע אויך גרינבוים, ז. 458—385, וווּ ס'זיינען פאַראַן די קוועלן פון די הוספות אין דער רעדלהיימער אויסגאַבע, אויך אינטערעסאַנטע פּאַראַלעלן צו די מעשיות.

וועגן דעם גייסט פון דער יידישער מעשהלע איז עד היום די בעסטע און כמעט איינציקע אַרבעט ש. אַנסקיס „די יידישע פאָלקסשאַפונג", ווילנע, 1921,

ז. רייזענס איבערזעצונג.

וויכטיקע שפורן ברענגט די נייסטע ארבעט אויפן געביט פון פארגלייכנדיקער מעשה-וויסנשאפט:

A. Wesselski, Märchen des Mittelalters, 1925, Berlin).

דער מעשה-בוך האלט אין פארשיידענע אויסגאבן 254 ביז 257 מעשיות. עטוואס אן אנדערע רעדאקציע האט די רעדלהיימער אויסגאבע, וואס האלט 259 מעשיות, האט אפט אַן אנדערן סדר און פארמאגט צוגאבן פון פארשיידענע ספרים. נאך פאר דעם געוויינלעכן סדר פון דעם מעשה-בוך קומען אין דער רעדלהיימער אויסגאבע 13 מעשיות, נעמלעך 3 מעשיות לויטן זוהר (מעשה ר' חזקיה, וועגן דעם ווי משיח וועט קומען, וועגן דאם טויט פון ר' שמעון בן יוחאי, ענדלעך וועגן א ווונדערבארן קינד, וועלכן ר' חזקיה באגעגנט אין דער געזעלשאפט פון ר' יוסי) ,6—4 זיינען מעשיות פון דעם מקובל ר' יצחק לוריא, 7—די לעגענדע פון משה רביגוס טויט, 8—וועגן חורבן בית המקדש, 9—וועגן דעם רמ"בן, ווי ער האט אנגעהויבן גלויבן אין קבלה. 10—וועגן אלישע און זיין זון ישמעאל כהן גדול. 11—וועגן ר' יודא, א גדול ביי דעם מלך כוזרי, און ווי אברהם אבן עזרא איז געווארן זיין איידעם. די צוועלפטע געשיכטע דערציילט פון ר' יהושע בן לוי, וואס האט ארומגעוואנדערט מיט אליהו הנביא, און וואס פארא משונהדיקע מעשים אליהו הנביא טוט אפ. די 13 געשיכטע איז די מעשה מיט דעם זון, וואס האט מקיים געוועזן דעם פאטערס צואה און געווארפן ברויט די פיש.—דאן גייט דער סדר מער-ווייניק לויט דער אנגענומענער רעדאקציע פון דעם „מעשה-בוך".

דעם אינהאלט פון דעם „מעשה-בוך" קאן מען אין אלגעמיין. צעטיילן אויף דריי גרויסע ציקלען. די ערשטע 157 מעשיות שטעלן פאר א זאמלונג פון תלמודישע לעגענדעס און אגדתות. דער מחבר האט, ווייזט אויס, געהאט בדעה די מעשיות סיסטעמאטיזירן לויט די מסכתות פון דעם תלמוד, אלזא אויסשרייבן צוערשט די אגדתות פון שבת, ברכות, סנהדרין א, א, וו, ד, ה, נאך דעם אפשליסן פון א מסכת זאָלן שוין מער ניט קומען קיין מעשיות פון דעם זעלביקן תלמוד-טראקטאט. אין אייניקע אויסגאַבן פון דעם מעשה-בוך האבן מיר טאקע נאך אַ גרופע מעשיות פון דערזעלביקער מסכת די שלוס-פארמולע: סליק מסכת שבת, סליק מסכת סנהדרין א, א, וו. דאך איז אין דעם ניט פאראן קיין קאנסעקווענץ, ווארום אפט קומען מעשיות פון א מסכת, וואס אין

שוין אפגעשלאסן געווארן, אויסערדעם געפינען מיר אויך אין דעמדאזיקן ציקל א ריי מעשיות וועלכע שטאמען ניט פון דעם תלמוד.

נאך דער 157 מעשה קומט אן איבערשריפט:

„אל היא וועל איך נון אן היבן צו שרייבן דיא מעשים פון רבי שמואל חסיד אונ' פון זיינם זון רבי יודא חסיד פון רעגענשבורג. וואש זיך אין איר צייטן פר לאפן האט". די מעשיות 182—158 זיינען דער צווייטער ציקל פון דעם „מעשה-בוך", פאלקסמעשיות, מיסטיש באפארבט און ארומגעוועבט ארום די געשטאלטן פון שמואל און יודא חסיד.219) 257—183 זיינען דער דריטער ציקל פון דעם „מעשה-בוך", פארשיידענע געשיכטן, אפט פון זייער א טונקעלער אפשטאמונג. אינטערעסאנט איז, אז אין דער באזעלער אויסגאבע קומט צום סוף א רשימה פון די מעשיות, וואס צופאלט זיך בולט אין די אנגעוויזענע ציקלען; צוערשט קומט אן איבערשריפט: (אונדזער טראנסקריפציע) „אל היא וויל איך נון שרייבן די סימנים פון דאש מעשה-בוך..." דערדאזיקער רעגיסטער גייט בלויז ביז מעשה 157. דאן קומט אן איבערשריפט „אל היא וויל איך נון שרייבן די סימנים פון דיא מעשים פון רבי יודא חסיד אונ' פון זיינם פאטר רבי שמואל חסיד וואש זיך ור לאפן האט אין איר צייטן", אונ' ס'קומט א ספעציעלער רעגיסטער צו דעם רעגענסבורגער לעגענדנציקל. מען קאן ארויסזאגן די השערה, אז נאך פאר דער אויסגאבע פון דעם „מעשה-בוך" האבן די שמואל-יודא-חסיד מעשים עקזיסטירט אלס א באזונדערע, אפשר שוין געדרוקטע זאמלונג, אפשר האט איך דידאזיקע זאמלונג באארבעט און רעדאגירט דער מחבר פון דעם מעשה-בוך, און שפעטער זיי אריינגעצויגן אין זיין גרעסערן מעשה-בוך.

אזוי צי אזוי—דער מעשה-בוך אין זיין באזעלער געשטאלט איז דאס ווערק פון איין רעדאקטאר. דאס הייסט, ניט מעכאניש איז דאס ווערק געוואקסן, דורך דעם, וואס ארויסגעבער און דרוקער האבן קאמפילירט פארשיידענע מעשה-ביכלעך און זיי מעכאניש צוזאמענגעבונדען, ווי מיר זעען עס צ. ב. אין דער רעדלהיימער אויסגאבע,—ס'איז פארקערט א ווערק פון איין פערזאן, וואס האט אליין איבערגעזעצט די תלמודישע לעגענדן, צוזאמענגעבונדען מיט דעם רעגענסבורגער לעגענדנציקל, וועלכן ער האט אפשר אליין פארשריבן און רעדאגירט,—און צוגעגעבן א ריי מעשהלעך, וואס האבן מינדלעך קורסירט אין דעם יידישן געטא, אדער וועלכע ער האט געלייענט אין

געדרוקטע ביליגע קליינע מעשה-ביכלעך, און זיי פֿאַרקירצט אריינגעשטעלט אין זיין גרויסער זאמלונג. א סאך מעשהלעך פֿון דעם מעשה-בוך מאכן דעם איינדרוק פֿון פֿארקירצטע גרעסערע דערציילונגען. אַזאַ מין קירצן קאָן זיין די פֿארענטפֿערונג פֿון די פֿארשיידענע ווארינאנטן פֿון דער מינכענער מעשה נר. 16 און דעם מעשה-בוך טעקסט. איך וויל דאָ נאָך אויפֿמערקזאם מאכן, אז די גרויסע מעשה, וועלכע גליקל האמעל ברענגט אין אירע זכרונות (קויפמאַן—אויסגאבע, פֿראנקפֿורט-מיין, 1896, ז. 57—39) איז אין אירע עיקרדיקע שטריכן, מערגיט אין א שטארקער קירצונג פֿאראן אין דעם מעשה-בוך, ס'איז געמלעך לויט אמסטערדאם 1701—נר. 222. גליקל האמעל האט די מעשה איבערגעשריבן ווארט אין ווארט און ניט איבערדערציילט פֿון זיכרון, וואס איז צו זען פֿון דעם סוף, ווו גליקל חזרט איבער דעם גאנצן טראדיציאָנעלן ריימען—שלוסווארט פֿון דעם מחבר. גליקל גיט אפֿילו אָן איר קוועלע: „דיזוש מעשה האב איך אין (אויז? מ. ע.) איין ספר גישריבן וועלכיש איין אדם חשוב האט גימאכט איין פֿרעגיר בשמו...״ דא קומען ביי קויפֿמאגען פֿיגטעלעך, און מיר דארפֿן זיך משער זיין, אז דער כתב-יד איז באשעדיקט? (צי אויך דער צווייטער כתב-יד פֿון גליקלס זכרונות איז אין דעם ארט באשעדיקט? א. לאַנדוי האט שוין אויפֿמערקזאם געמאכט, ווי ווייט איז קויפמאַנס פּובליקאציע פֿון שטרענגער וויסנשאפֿטלעכער פֿינקטלעכקייט), בלייבן מיר אלזא בלויז ביי דער ידיעה, אז דער מחבר פֿון דער גליקל-מעשה איז געווען א פּראָגער. אפשר האט ער פֿארברייטערט דעם מעשה-בוך-מאטיוו, אפשר האט דער מחבר פֿון דעם מעשה-בוך געקירצט זיין מעשה,—אלנפֿאַלס זיינען ביידע מעשיות שטארק פֿארוואַנדט. דער אינהאַלט פֿון דער מעשה-בוך דערציילונג נר. 222 איז מער-וויניציק אזא: א עושר שטארבט און לאזט איבער זיינע קינדער א צוואה, אז זיי טארן ניט אין קיין שום פֿאל שווערן. איינער פֿון זיינע זין האלט זיך שטרענג ביי דעם פֿאטערס געבאט, און דער רעזולטאַט איז, אז פֿארשיידענע געמיינע לייט נוצן עס אויס, פֿאדערן פֿון אים געלט, ער וויל אין דעם געריכט ניט שווערן, צוליב דעם פֿארלירט ער אלע פּראצעסן, ער מוז אָפּגעבן אלץ, וואס ער פֿאַרמאָגט, און מען זעצט אים נאך אריין צוליב זיינע חובות אין תפיסה. זיין פֿרומע און שיינע ווייב וואשט וועש און שפייזט דערמיט איר מאן און אירע קינדער. איין מאל ווען זי שטייט ביי דעם וואסער און וואשט, קומט צופֿארן א שיף, און דער שיפסמאן גלוסט די פֿרוי און באַשליסט דורך א רמאות זי ארייצוציגארן צו זיך אין

שיף. ער גיט איר אלזא צו וואשן זיין העמד, באַצאלט איר פארויס אַ גילדן, און איצט איז שוין די פרוי געווען אימשטאנד אויסצולייזן איר מאן פון דער תפיסה. אָבער צומארגענס, ווען די פרוי איז געקומען אָפּגעבן די העמד, איז דער שיפסמאן מיט געוואלט אוועקגעפארן און זי מיטגענומען קעגן איר ווילן. די קינדער דערציילן זייער מאטן וועגן דעם אומגליק. אין קורצן ווערט אבער אויך דער חסיד צושיידט פון זיינע קינדער, ווארום זיי קומען אן אין א מקום, ווו די יידן באַשטימען דעם חסיד פון גרויס רחמנות פאר א שאף-פאס-טוך, און נאך א קורצער צייט קומט די שיף, ווו די פרוי איז געפאנגען געווארן, און נעמט צו מיט געוואלט די קינדער און פארט מיט זיי אוועק. פון גרויס יאוש באַשליסט דער חסיד זיך צו דערטרינקען, אבער דאַן הערט ער א שטים פון הימל, וואס הייסט אים גראבן אונטער א בוים, ווו ער וועט געפי-נען אן אוצר, וכך הוה. דאן גייט אוועק דער רייכגעווארענער חסיד צום מלך און פועלט אויס, יעדע שיף זאל מוזן פארבייפארן זיין הויז און אָפּצאלן ביי אים דעם מכס פאר דעם מלך. אויף אַזאַמין אופן געלינגט אים געפינען זיין ווייב און קינדער.—דער קערן פון ביידע מעשיות שיינט מיר איבריקנס צו זיין די עאו-סטאַכיוס לעגענדע, זע „געסטא ראָמאַנאריום“, נר. 192, דאן נר. 47 ביי אַ. וועסעלסקי (ז. 236).

תלמודישע אגדתות,—און יידישע פאלקסלעגענדן—דאס זיינען די וויכ-טיקסטע קוואלן פון דעם מעשה-בוך-מחבר. דער דריטער, ניטווייניקער וויכטי-קער מקור זיינען קריסטלעכע מעשה-שטאפן, מיט וועלכע דער פערפאסער פון דעם מעשה-בוך האט געמוזט זיין גוט באַקאַנט. אייניקע פירט ער אריין אן וועלבן ס'איז פרווו זיי אויסצוגלעטן, צופאסן צו דעם כאראקטער און ציל פון זיין ווערק, אזוי צ. ב. די ציגישע מעשה פון דעם בן-מלך, וואס איז געווען א זולל וסובא און א נואף דערצו, און האט ביי זיין גאנצער גאריש-קייט באוויזן אפצוטאן א ריי מיאוסע שווינדלען. די דאזיקע מעשה איז פאראן שוין אין די עלטערע אויסגאבן פון דעם מעשה-בוך (להיפך צו דער מעשה פון דעם געוועט פון דעם וויצעקעניג און דעם סטודענט, וואס דערמאנט א באָקאַטשיאָ-מעשה, און איז פאראן בלויז אין דער רעדלהיימער אויסגאבע), זי קלינגט ווילד אין דעם שטילן און פרומען בוך.

שטערק—לייטצטאן האבן שוין באמערקט, אז מיר זיינען סוף-כל-סוף ניט ווייט אוועק פון שטיינשניידערס און גרינבוימס פארשונגען וועגן דעם אנטשטיין פון דעם מעשה-בוך. נאך שטיינשניידערן זייגען אבער אונדז

געבליבן ניטמער ווי השערות, אמת, זייער וויכטיקע השערות. און גרינבוים האט געגעבן ניטאזויפיל א מקורים-פארשונג פון דעם „מעשה-בוך“, ווי דעם ליטעראטור-פארגלייכנדיקן אפאראט, א ריי אינטערעסאנטע און וויכטיקע פאראלעלן. דער הויפטפארדינסט גרינבוימס איז באשטאנען אין דעם באקאנען די קריסטלעכע און ניטווייניקער די יידישע וועלט מיט דעמדאזיקן גרויסן, אפשר דעם גרעסטן אוצר פון דער אלטיידישער ליטעראטור, איבערגעבנדיק דעם אינהאלט, און אפט דעם טעקסט פון די שענסטע מעשהלעך פון דעם „מעשה-בוך“. וויסנשאפטלעך זיינען מיר געבליבן ביי השערות. און שטיינשניידערס וויכטיקסטער ארטיקל צו דער פראגע איז דערשינען 1866, גרינבוימס ווערק— 1882.

צו די וויכטיקסטע אויפגאבן פון דער יינגער „יידישיסטיק“ געהערט א וויסנשאפטלעכע אויסגאבע פון דעם באַזעלער טעקסט, מיט דעם גאנצן פארגלייכנדיקן אפאַראט פון די שפעטערדיקע אויסגאבן, און פון דער מאדערנער פארגלייכענדיקער ליטעראטור-וויסנשאפט. ניטווייניקער וויכטיק פון דעם נאציאנאלן שטאנדפונקט איז אן אויסגאבע פון דעם מעשה-בוך אין א מאדערנעם יידיש, אן אויסגאבע, וואס זאל צוריק אויפלעבן דידאזיקע פאעטישע און ליבהארציקע מעשהלעך פארן פאָלק און פאר דער שול.

ווארום דער מעשה-בוך איז דוכט זיך דאס גרעסטע ווערק פון דער אלטיידישער ליטעראטור, מיט זיין פאעטישן, חנוודיקן און דאך איינפאכן סטיל, מיט זיין שטילער און תמימותדיקער אטמאספער, מיט דער פליסיקייט און פאלקסטימלעכקייט פון זיין סיפור-המעשה. צייט, ער זאל אליין רעדן צום יידישן לעזער מיטן גאנצן צויבער פון א פארלאשענער, גלויביקער און דאך אזוי לעבנסדורשטיקער עפאכע.

ו) „טיל אוילנשפיגל״.

ליטעראטור:

עס האט נאך אלץ ניט פארלוירן איר ווערט לאַפּענבערגס קלאַסישע אויסגאבע:

Dr. Tomas Murners Ulenspiegel. Herausg. von I. M. Lappenberg, 1854.

ניידרוק מיט א הקדמה פון דעם „אוילנשפיגל״:

Neudrucke deutscher Litteraturwerke des 16 u. 17 Jh. Halle, 1884. B. 55/56.

זייער גוט איז די אויסגאבע: מיט א הקדמה פון פעליקס באָבערטאג.

Deutsche Nationallitteratur. Bd. 25.

זע אויך:— Goedeke, I. 355—47.

צום יידישן „אוילענשפיגל״: שטיינשניידער, נר. 10, 388. אָווע-לאַלע-מאן, באנד 3, ז. 6—485.

דער דייטשער שטארק פּאָפּולערער און באליבטער פֿאָלקסליץ טיל אוילענשפיגל איז ווייזט אויס געווען א היסטארישע פּערזענלעכקייט, ד. ה. ס׳זיינען פאראן אסאך ראיות, אז עס האט באמת עקזיסטירט אין דער ערשטער העלפט פון דעם 14 יאר הונדערט א לוסטיקמאכער מיט דעם דאזיקן נאמען, און מען דארף אויך אננעמען פאר ריכטיק די טראדיציאנעלע זאגע, אז ער איז געשטארבן אין דעם יאר 1350 אין מעללן (Möllen), היינט פּראווינץ שלעסוויק-האלשטיין. דארט געפינט זיך אפילו א מצבה מיט א וויציקער אויפשריפט, וואס שיינט אבער ניט צו זיין אויטענטיש און שפּעטער צוגעארבעט. ארום דעמדאזיקן ליץ האבן זיך געוועבט אסאך מינדלעכע לעגענדעס; די ערשטע צו אונדז דערגאנגענע דייטשע דרוקאויסגאבע איז דערשינען 1515, עס זיינען אבער פאראן סימנים, אז ס׳איז ניט די ערשטע אויסגאבע, און ווארשיינלעך איז דער „אוילנשפיגל״ געדרוקט געווארן שוין אין יאר 1483. קאפּענבערג האט אויף א שארפזיניקן אופן אויסגעטיילט פון דעם „אוילנשפיגל״ זיין אייגנטלעכן קערן,—צו וועלכן ס׳האבן זיך שפּעטער צוגעשטעפּט א ריי אנדערע מעשהלעך, פאר וועלכע ס׳לאזן זיך דערווייזן שפּעטע מקורים. דערדאזיקער אזוי אויסגעשיילטער קערן זאגט עדות, אז די אוילנשפיגל-מעשהלעך זיינען א פּראדוקט פון דעם פויערן-הומאר, פון שווערן, ווייניק סימפּאטישן און הילצערנעם וויץ, וואס איז דערעיקר געווענדעט קעגן דער שטאדט, איבערהויפּט קעגן די בעלי-

מלאכות. דער דייטשער פויער האט אויף אזא מין אופן נקמה גענומען פאר יענע אומצייליקע פאסטנאכטשפילן, מעשהלעך און וויצן, אין וועלכע די שטאט האט אויסגעלאכט דעם פויער. ס'איז אלזא ניט קיין וואונדער די פאפולאריטעט פון דעם „אוילנשפיגל" ביי די דייטשע פאלקסמאסן, און ניט נאר ביי די דייטשע: ער האט אויך געוואנדערט אין אנדערע לענדער, אומעטום מיט דעמזעלביקן דערפאלג. אפילו אין פוילן האט דער „אוילנשפיגל" באוויזן שטארק פאפולער צו ווערן, ס'זיינען פאראן פעסטע ראיות, אז נאך אין דעם 16 י"ה איז ער געווען גוט באקאנט אין פוילן, ווו ער איז ניט נאר איבערזעצט געווארן, נאך אויך פארפוילישט געווארן, אוילנשפיגל איז פארוואנדלט געווארן אין „Sowizdrzal" (פון „סאווא"—אוילע, און „זוויערציאדלא—שפיגל).

עס איז ניט ריכטיק די אנווייזונג פון אייניקע יידישע ביבליאגראפן, אז אין יידיש־טייטש האט זיך דער „אוילנשפיגל" באוויזן גלייך נאכן דערשיינען פון דעם דייטשן דרוק. די צו אונדז דערגאנגענע דרוקאויסגאבן זיינען שפעט דערשינען, ערשט אין דעם 18 יארהונדערט, עס זיינען נעמלעך באקאנט 3 יידיש־טייטשע דרוקאויסגאבן פון דעם „אוילנשפיגל": 1) א פארקירצטע אויסגאבע. פראנקפורט־מיין, פאר 1721. 2) א פולע אויסגאבע, מיט 102 היסטאריען הומבורג, 1736. 3) א דריטע אויסגאבע, ווייזט אויס פון דעם 19 יארהונדערט, פון וועלכער אוועלאלעמאן ברענגט אן אויסצוג. דער טיטל פון דערדזיקער אויסגאבע איז:

איינע וואנדערבאהרע געשיכטע

אילען פאן שפיגעל

וויא עס איהם געגאנגען איזט פאן זייגער יוגענד אן, ביס אן שפעטעסטען אלטער, פאן זיינעם פערנונפט אונד פערשטאנד ווי עס איין יעדער לעזער עמפפינדען ווערט.

(עס קומט א האלצשניט)

ברעסלוי

געדרוקט אין דיזעם יאהר,

ווא דאס בייער טייאר וואהר.

דעם עלטסטן טעקסט פון א יידיש־טייטשן אוילנשפיגל ברענגט דער מינכענער כתב־יד נר. 100, בלאט 191—134, פולער טעקסט מיט 102 היסטאריען. דער קאפיסט איז בנימין בן יוסף הרופא ז"ל ממשפחת מירקש, געענדיקט שרייבן 1600, דעם 11 אקטאבער (מיטוואך, ג' מרחשון שס"א), אין טאנהויזען.

עס איז לײדער פון דעם שטאנפּונקט פון יידישער ליטעראטור־וויסנשאפט א גאר ווייניק אינטערעסאנטער טעקסט. בנימין מירקש האט איינפאך איבערגע־שריבן אין העברעישע אותיות א דייטשן טעקסט, אן קיין שום ענדערונגען כסדר אפילו „אונד” אנשטאט דעם טראדיציאנעלן „אונ’”. בלויז אין דעם ערשטן קאפּיטל האט ער זיך ניט געקאנט אנטשליסן באנוצן דאס ווארט „טויפן”, און דערציילט: „וויא טיל איילי שפּיגיל גיבארין אונד צו דרייא מאלין גישמד וואַרד”. דער נאמען פון דעם לץ ווערט שוין הויכטייטש אויסגעלייגט („איילישפּיגיל” ניט „אולישפּיגיל”), וואס קומט פאר אין די דייטשע טעקסטן ערשט ארום 63–1557; די דייטשע פארלאגע פון אונדזער טעקסט איז אלזא פאר דער לעצטער דאטע ניט דערשינען, און, ווי כ׳גלויב, האט בנימין מירקש אפגעשריבן די דרוקאויסגאבע 1586 (אן ערך די אכצענטע, אן דרוקארט, זע קאפּענבערג, ז. 198). איך בין אויך משער, אז די אויסגאבע 1586 איז אידענטיש מיט דער אויסגאבע 1618. די לעצטע שטימט כמעט ווארט אין ווארט מיט דעם טיטל פון אונדזער כתב־יד, פאראן אפילו דער כאראקטעריס־טישער סוף־זאץ:

Jetzundt wider frisch gesotten und new gebacken.

1618 האלט אויך 102 היסטאריען.

דער טיטל פון אונדזער מינכענער כתב־יד:

טיל איילי שפּיגיל

וואונדרפאַרליך אונד זעלצמי הישטאריען טיל איילין שפיגילש. איינש פויארין זון, פירטיג אויז דעם לאנד צו ברוין שווייג גייאליך אויש זעקזישר שפּראך אויף גוט האך טייטש ווער טאלמעטשט זער קורצווייליג צו לעזין,

איצונט ווידר וריש גיזוטין אונד נייא גיבאכן.

אין אלגעמיין איז אלזא דאס דאזיקע פאלקסבוך פון דעם דייטשן פוילערן־לץ אויף דער יידישער גאס ניט פאפולער געווארן, וואס איז ניט קיין וואונדער. אסאך א גרעסערן איינפלוס האבן געהאט די פראכטפולע מעשה־לעך פון דער דייטשער נאראנים־שטאט, פון די שילדבירגער, וואס זיינען צוזאמענגעשטעלט געווארן דורך א אומבאַקאַנטן מחבר סוף 16 י״ה (די ערשטע דייטשע דרוקאויסגאבע איז דערשינען ארום 1597), און וואס האבן אונדז געגעבן דעם שטויס צו די אומעגדלעכע געשיכטעס פון די כעלמער נאראנים. (שטיינשניידער, 288. א אויסצוג פון אן יידיש־טייטשער אויסגאבע ברענגט אַווע־לאַלעמאַן, ז. 488–477).

דריי אינדישע ראמאנען

בּאָארבּעט אין יידיש-טייטש,

ליטעראַטור:

דונלאָפּ־ליבּרעכט, „געשיכטע דער פּראָזאַדיכטונגען”, בּערלין, 1851— דער דאַטן־מאַטעריאַל איז שוין שטאַרק פאַרעלטערט! ס׳האָט נאָך אַלץ ניט פאַרלוירן דעם ווערט בּענפעי׳ס פּראַכטפולע בּאַהאַנדלונג פון דער „פּאַנטשאַ־טאַנטראַ”: Th. Benfey, „Pantschatantra“, Leipzig, 1859, צוויי בּענד.

פון דער נייסטער ליטעראַטור:

וועסעלאָסקיס דערמאַנט בּוך „Märchen des Mittelalters“ Berlin 1925,

שטיינשניידער: „העבּרעישע איבּערזעצונגען”; אַריינפיר אין צווייטן בּאַנד.

5. לאַנדוי, די ערשטע קאַפּיטלען פון „Arturian Legends“ דאָן M. Landau, die Quellen des Decamerone, Stuttgart, 1884 צווייטע אויפלאַגע.

I. אלגעמיינע באמערקונגען.

די יידיש-טייטשע ליטעראטור פארמאגט אויך באארבעטונגען פון דריי ראמאנען, וועלכע זיינען לויט זייער אפשטאמונג אינדיש. דאס זיינען: „די זיבן וייזן מייסטער", קאלילא-ווע-דימנא" און „בן המלך והנזיר". בלויז די לעצטע באארבעטונג איז געפלאסן דירעקט פון דעם העברעישן טעקסט און שטעלט פאר א באדייטנדיקן ווערט.

אלע דריי ראמאנען, אדער ריכטיקער—מעשיות, ציקלען און זאמלונגען—זיינען געווען שטארק פאפולער אין דעם שפעטן מיטלאלטער; זיי האבן דורכגעוואנדערט א וייטן וועג פון אינדיען, אדורך כמעט די גאנצע וועלט אין איבערזעצונגען, באארבעטונגען, פלאגיאטן, וואריאנטירונגען. זיי זיינען אנטשטאנען מיט טויזנטער יארן צוריק, און אפשר האט דער בודדיזם געגעבן דעם שטויס צו דער קאדיפיצירונג, צום אפשליסן פון דער רעדאקציע פון די ערשטע צוויי ראמאנען. דער דריטער ראמאן, דער „בן המלך והנזיר", איז א ראמאן פון בודדאס לעבן. (בודדא איז געשטארבן אין יאר 543 פאר קריסטוסן).

דער אומגעווייגלעך רייכער מעשהלעך-אוצר פון די הינדוסן איז געווארן א באשטאנדטייל פון דעם פאלקלאר פון די פארשיידנסטע פעלקער. מיט דעם בודדיזם האט דער אינדישער זאגנשטאף געוואנדערט אין טיבעט, כינע, יאפאן, מאנגאליע. די מאנגאלישע חיילות (די טאטארן) האבן אים מיטגעבראכט אין די סלאווישע לענדער. די מוסולמאנישע כוואליע, וואס האט פארגאסן גאנץ אזיען, האט אים מיטגעבראכט און פארשפרייט אין פאדעראזיען, אין אפריקע און אייראפע. ס'אנטשטייען פערסישע און אראבישע באארבעטונגען פון די אינדישע ציקלען. א וויכטיקע פארמיטלערישע ראליע שפילן דא די יידן. זיי האבן אריבערגעווארפן די בריק צווישן דעם אינדישן מעשהלעך-שטאף און

אייראפּע פון דעם שפּעטן מיטלאלטער. די יידן נעמלעך האבן תמיד פאר־מאגט צוויי שפּראכן, די לאנד־שפּראך און זייער אייגענע אוניווערסאלע שפּראך, העברעיש, וואס האט קורסירט בכל תפוצות ישראל, פון דעם מזרח צום מערב און צוריק, אומעטום, ווו ס׳זיינען געווען פארשפּרייט און צעווארפן די יידישע קהילות. יידן האבן אייפריק, מיט אסאך התמדה און געטריישאפט איבערזעצט פון אראביש אין העברעיש, און די העברעישע איבערזעצונגען פון „פּאנטשא־טאנטראַ״ (קאלילאַ—ווע־דימנאַ) און „משלי סנדבר״ (די זיבן ווייזן מייסטער) זיינען גאר וויכטיקע ליטעראריש־היסטארישע מקורים, סיי צוליבדעם, וואס זיי שטעלן פאר עלטסטע נוסחאות פון די דערמאנטע ציקלען, סיי צוליב דער געטרייער־קאָנגעניאלער פארם פון די העברעישע איבערזעצונגען. פון העברעיש זיינען ווידער געפלאסן איבערזעצונגען און באארבעטונגען אין לאטיין. ס׳רוב דאס ווערק פון משומדים. אזוי צ. ב. האט דער משומד יאָהאַן פון קאַפּואַ צווישן 1262—78 איבערזעצט די „קאַלילאַ—ווע—דימנאַ״ פון העברעיש אין לאטיין, און זיין זייער שלעכטע איבערזעצונג—יאָהאן פון קאַפּואַ האט שוואך געקאָנט העברעיש און נאך שוואכער לאטיין,—איז געווארן דער מקור פון אלע אייראפּעישע ווערסיעס פון דעמדאזיקן אינדישן ציקל. אבער אויך פון אנדערע אייראפּעישע זאמלונגען פון מעשהלעך, ווי די בארימטע „געסטא ראָמאַנאָרום״—„דער שפּייכלער פון דער איטאליענישער נאָוועליסטיק״ א. א. א גרויסן איינ־פלוס אויף דער אייראפּעישער נאוועלע האט געהאט די זאמלונג פון דעם משומד פּעטרוס אלפאָנסוס (1062—1110) „דיסציפּלינאַ קלעריקאַליס״, א זאמלונג פון 39 מעשיות, ס׳רוב פון אינדיש־אראבישע מקורים. ניטווייניקער פון א דריטל פון דער „דיסציפּלינאַ קלעריקאַליס״ איז אריבער אין די „געסטאַ ראָמאַנראום״. פון די אלע זאמלונגען האט מיט א ברייטער האנט געשעפּט באָקאַטשיאָ פאר זיין „דעקאַמעראָן״ (ארום 1348—1358). (פאר 90 מעשיות פון דעם „דעקא־מעראָן״—וואס האלט 100 מעשיות—לאזן זיך פעסטשטעלן פרעמדע מקורים!)

דער כאראקטעריסטישער שטריך פון אלע דריי באהאנדלטע אינדישע ראמאנען איז, אז זיי זיינען ניט ראמאנען אין אונדזערן, אייראָפּעישן, זין פון ווארט,—ווערק, וואס שילדערן דעם שיקזאל פון איין אדער עטלעכע העלדן, מיט א קאנצענטרירטער איינהייטלעכער אקציע. דער אינדישער ראָ־מאן איז פארקערט א זאמלונג פון אומצייליקע מעשיות, וואס פלעכטן זיך איינע נאך דער אנדערער, און אפט איינע אין דער אנדערער; ס׳פארבינדט זיי אלע ריין־מעכאניש א געמיינזאמע ראַם, א מין אקט, אויף וועלכער זיי ניזשען

זיך אן, ווי קרעלן אויף א דינעם פאדים. זיי זיינען אלזא אלע ראַמן ווערק, די ראַם איז פארשיידן, ס׳רוב אבער די דערציילונגען פון א חכם אדער חכמים. ס׳קאן זיין, אז קאַדיפיצירט האבן דידאזיקע פאלקסמעשהלעך יועצים-מיניסטארן, אדער חכמים-דערציער פארן יונגן מלך, בכדי אים דורך משלים, דורכזיכטיק און דאך פארהילט באלערן וועגן די מעטאדן פון רעגירן און באַהאנדלען זיינע אונטערטאנען. ווייטער זיינען כאראקטעריסטיש פאר די אינדישע ראמאנען די פסוקים און מאראלישע סענטענצן, מיט וועלכע עס זיינען דורכגעוועבט די מעשהלעך. ס׳רוב שטאמען זיי פון הייליקע ספרים, אמאל ווידער זיינען זיי א פאעטישער רעפלעקס פון דער מעשהלע, אמאל א הקדמה אדער א רעזיומע,—תמיד זיינען זיי קנאפּ, קורץ, מאלעריש און פּאָעטיש, און זיי ווירקן אפט אויף אונדז, מאדערנע מענטשן, מיט א גרעסערן צויבער, ווי די האלבנאיווע, האלבקלוגע, האלבנארישע מעשהלעך, יעדע מעשהלע איז אלזא א משל, און איר ציל איז א מאראליזאטארישער. דאך איז כאראקטעריסטיש, אז דידאזיקע מעשהלעך, וואס זיינען אנטשטאנען אין די ערשטע יארהונדערטער פון בודדיזם, אטעמען מיט שטארקער לעבנסלוסט, און די מאראליזאטארישע טענדענץ בלייבט תמיד הינטערשטעליק לגבי דעם בעלעטריסטישן שטאף. פארקערט, די שפּעטערדיקע אייראפּעישע ווערסיעס האבן פארשטארקט דעם מוסר-עלעמענט, און ניט האָבנדיק קיין געפיל פאר דער בילדערישער פאעטישקייט פון דער אינדישער סענטענץ, האבן זיי צוגענומען אסאך לעבן ביי דידאזיקע אריגינעלע און פארביקע ראמאנען.

2. „די זיבן ווייזן מײַנשטר״.

ליטעראטור: בענפעי, פּאַנטשאַטאַנטרא, 1, 23 א. א.—דונלאָפּ—ליברעכט, ז, 198—196—גערעקע, 1 ז. 351—348.

P. Cassel, „Mischle Sindbad", Berlin, 1888.

זענגעלמאנס איבערזעצונג פון „משלי סנדבר":

H. Sengelman. Das Buch von den sieben weisen Meistern, Halle, 1842.

פגל. דעם ארטיקל „משלי סנדבר" אין שטיינשניידערס „המזכיר" (העבר. ביבליאגראפיע, בערלין, 126—XIII,—53, 13—XIV,—שטיינשניידער, נר. 59, 181, 185, 399. „העברעישע איבערזעצונגען", צווייטער באנד, ז. 893—887,

ווי ס'איז אויך אנגעגעבן די גאנצע ליטעראטור. (מ. לאנדוי, ז. 88—28, — וואו ס'ווערט געבראכט אויך א טאבעלע פאר דער פארשפרייטונג פון די „זיבן מייסטער").

„די זיבן ווייזן מיינשטר" זיינען געווען — און זיינען אויך היינט — א גאר פאפולערער פאלקסבוך. פון אינדיש זיינען זיי איבערזעצט געווארן אין פערסיש און אראביש, פון אראביש אין העברעיש אפשר אין 11 יארהונדערט. די ערשטע העברעישע דרוקאויסגאבע איז דערשינען 1516, (פגל. קאט. באָד. ז. 623). פון העברעיש אין לאטיין און פון לאטיין כמעט אין אלע אייראפעישע לאנד־שפראכן. די טעמע פון דעם בוך איז גאר־נאענט און ליב דעם פאלקסלעזער: ס'איז א בוך וועגן דער פאלשקייט און פארפירערישקייט פון פרויען. די ראם פון דעם ראמאן איז א פאלגנדיקע: א מלך גיט איבער די דערציונג פון זיין זון זיבן חכמים, זיי זאלן אים לערנען שבע חכמות, דערווייל האט דער מלך חתונה א צווייטן מאל. ווען די דערציונג פון דעם ייגנן בן מלך איז פאר־ענדיקט, פאדערט אויף דער מלך, דער יינגל זאל צוריקקומען אויף דעם הויף. די חכמים זעען אבער אין די שטערן, אז ס'דראט זייער תלמיד א גרויסע סכנה, און דער איינציקער מיטל אפצווענדן די סכנה איז, ער זאל א געוויסע צייט ניט רעדן. זיי ברענגען אלזא דעם שטום־געווארענעם בן־מלך צום פאטער, וואס נעמט אים אויף מיט א סאך ליבע, אבער אויך מיט צער צוליב זיין אומדערווארטעטער שטומקייט. אבער די שטיפמוטער פון דעם פרינץ גלוסט צום שיינעם יינגל, און ווען ער ווארפט אפ מיט עקל איר שענדלעכן פארשלאג, באשליסט זי נקמה צונעמען, און באשולדיקט צים פארן מלך, אז ער האט גע־וואלט זי מאנס זיין. דערפאר פארמשפט דער מלך זיין זון צום טויט, און מען פירט דעם יינגל צו דער תליה. אויפן וועג באווייזט זיך אבער דער ערשטער „מיינשטר" און דערציילט דעם מלך די ערשטע מעשה וועגן דער פאלשקייט פון פרויען איז די ווירקונג, אז דער מלך הערט אויף צו גלויבן זיין ווייב און שאפט אפ דעם פסק־דין אויפן זון. ווען ער קומט אבער צוריק אהיים און גיט עס איבער דער קיניגין, ברעכט זי אויס אין טרערן און דער־ציילט אים א קאָנטר־מעשה, וואס דארף אים ווארענען פאר פאלשע יועצים און פסעוודאָ חכמים. דער מלך ווערט איבערצייגט, און ווידער פירט מען דעם אומגליקלעכן יינגל צו דער תליה. דא באווייזט זיך דער צווייטער חכם, וואס דערציילט א נייע געשיכטע וועגן דער פאלשקייט פון פרויען, א. א. וו.

אויף אזא אופן באשטייט דער ראמאן פון 15 מעשיות, צו זיבן דער־ציילונגען פון די חכמים און פון דער קיניגין, די פופצנטע און לעצטע מעשה דערציילט דער באפרייטער בן־מלך, וועמענס אומשולד ווערט ענדלעך דער־וויזן.—ס'איז די שענסטע מעשה אין דעמדאזיקן ציקל.—און די עלטערע ווערסיעס, צ. ב. אין דער העברעישער, קומען אויף יעדע מעשה פון דער קיניגין צוויי מעשיות פון די חכמים.—אין יידיש־טייטש איז באקאנט א דרוקאויסגאבע פון „די זיבן ווייזן מיינשטר", דערשינען אין אמסטערדאם, אין יאר 1677. דער איבערזעצער איז יעקב בן מאיר פון מארשן (א שטעטל אין דער פראווינץ אוטרעכט, האלאנד), די איבערזעצונג איז ווייזט אויס געמאכט פון האלענדיש. דאן זיינען באקאנט געקירצטע דרוקאויסגאבן: פון מארשנס איבערזעצונג: בערלין, 1704, אפענבאך, 1714. אויך איינצעלנע דערציילונגען פון די „זיבן מיינשטר" זיינען באזונדער דערשינען. א שטייגער די מעשה פון אלעקסאנדער, קאט. באד. ז. 623 נר. 3931.—ביי דער פאפולא־ריטעט פון דעמדאזיקן ראמאן ווילט זיך ניט גלויבן, אז ערשט צום סוף פונם זיבע־צענטן יארהונדערט איז דער ראמאן דאס ערשטע מאל געדרוקט געווארן אין יידיש־טייטש. צי זאל האבן עקזיסטירט אן אויסגאבע באזעל 1602, ארויסגעבער יעקב בן אברהם פון מעזריטש? מיר דוכט, אז אויף דער עקזיסטענץ פון א יידיש־טייטשער דרוקאויסגאבע פון אונדזער ראמאן נאך פאר 1602 קאן מעיד זיין דאס פאררופן זיך אין דעם „בראנטשפיגל" פון משה העגוכש ירושלמי: „אין משלי סנדבר דש מן הייסט דיא זיבן מיינשטר שטיט פיל קלוגהייט פון ווייבר דיא דא האבן בטראגן דיא מאנן" (פרק י"ד. ציטירט לויט דער צווייטער דערגאנ־גענער אויפלאגע, פראג 1610). דער „בראנטשפיגל" איז אבער דערשינען שפעטסטנס 1602, 220).—אין דער מינכענער מלוכהשער ביבליאטעק געפינט זיך אין כתב־יד אין דעם האנטשריפטלעכן זאמלבאנד נר. 100—די עלטסטע צו אונדז דערגאנגענע יידיש־טייטשע באארבעטונג פון „די זיבן ווייזן מיינשטר". דער מינכענער טעקסט איז געשריבן פון צוויי קאפיסטן. דער ערשטער איז אונדז אומבאקאנט, ער האט יעדנפאלס געשריבן סוף 16 יארהונדערט (בלאט 90—116), זיין ווערק האט פארענדיקט דער שרייבער פון „טיל איילנשפיגל" אין דעמזעלביקן זאמלבאנד, אלזא בנימין בן יוסף מעריקש, געשריבן אלזא ארום 1600. דער מינכענער טעקסט איז אויף אזויפיל ניטאינטערעסאנט, אז ער איז אן איינפאכע טראנסקריפציע פון א דייטשן טעקסט, מיט א איין־איינ־ציקן העברעישן ווארט: משל—פאר ביישפיל.

„די זיבן ווייזן מײנשטר".

(כתב־יד מינכען, נר. 100)

טיטל:

די זיבן ווייזי מײנשטר וויא בונטיונוש דער קייזר צו רום זיין זון דיא לורליינם?221) דען זיבן ווייזי מײנשטר ביועלט222) דיא זיבן ורייאן קונשט צו לערן, אונ׳ וויא דיא זעלביג223) הער נוך דורך אונטרייא זיינר שטיף מוטר זיבן מולט צום גלגן224) גיבורד225) אביר אל וועגן דורך דיא בייא שפיל דער זיבן מײנשטרן בום טוט אר רעט226). איין גיוועלטיגר קייזר צו רום ווארד227). גילוישטיג אונ׳ קורצווייליגווידר228) דער ווייבר אונטרייא צו לעזין:

די דערציילונג פונם צווייטן חכם (בלאט 99ב–101ב)

דש אנדר מײנשטר משל.

עש ווש229) אין איינר שטאט אין גיזעץ אונ׳ רעכט וועו מן אימנט עש ווער מן אודר ורויא בייא נכט אויף דער גשן230) דער גרייף231) נוך דעם דש מן דען וועכטירן גילויט הוט232). דער מושט דיא זעלביג נכט אים טורן233) ליגן אונ׳ צו מורגנש שטילט מן אין אים ברנגאן234) ואר אלים מעניקליך. נון ווש איין ריטר איין ורומר אלטר מן אין דער זעלביג שטט. דער הט איינש שוין יונגש ווייב דיא הט ער אזו ליב דש ער אַלי נאכט דיא הויז טיר זעלבש צו שלויש235) אונ׳ ליגט דיא שלויסיל אונטר זיינן קאָפפא. דא נון דער ריטר אלט וור אונ׳ מוכט ניט מער מיט זיינום ווייב אַזו אופט שימפפאן אים בעט אז זיא עש גערן גיהט העט. דרום גיוואן זיא איין אנדרן בולן236) ליב. אונ׳ אַלי נאכט וועו נון דער ריטר אנטשליף. זא נם זיא דיא237) אונטר אירש מנש הייבט.238) אונ׳ אויפנט דיא הויז טיר אונ׳ גינג צו אירם בולן. אונ׳ ברך איר אי מיט אים239) אונ׳ גינג דר נוך אל מול ווידר היים. אונ׳ ליגט זיך ווידר אונ׳ ליגט דיא שלויסיל אך240) ווידר אונטרי אירש מנש הייבט. איין מולט אז דיא הור241) צו אירם בולן וואש גנגאן דא ארוואכט דער ריטר אונ׳ ואנד242) זיין ווייב נוך זיין שלויסיל ניט בייא אים. ער שטונד ביהענד243) אויף אונ׳ ואנד דיא הויז טיר אופן דיא בישלוס ער אונ׳ וריגלט244) זיא אייני וויניג לאשט וואל אונ׳ גינג ווידר היניף אונ׳ ציגט זיך אן ווענשטר דש ער הירב245) אויף דיא גשן זיהן מוכט אונ׳ ואר דיא טויר. דא דש בויז ווייב איר בושהייט246) גינוג גיטריבן הט. גינג זיא היים,

און׳ ואנד דיא טויר בישלוסן. דא וואלט זיא אויף גישלוסן הבן מיט דען שליסלן דא זיא דש ניט קונט. דא ערליג זיא אויב[247]. דוך ער קענט[248] זיא און׳ קלופפט אן. דער ריטר לג[249] אם וענשטר און׳ שפרך או דו בויזא הור איצונד הון איך גיבונדן דש דן. אופט בון מיר בישט גנגאן און׳ דייני אי גיבראכן ור וואר דו מושט דוא בלייבן. ביז דיך דיא וועכטר ארגרייפן און׳ ארטילן[250] דיא גיזיך דש שטט רעכט אן דיר. דיא ורויא שפרך ווארום זגט מיר זולכי שנד אויף מיך איך בין בייא מיינר מוטר גיוועשט. זיא שיקט איין בוטן[251] נוך מיך זיא וועך קראנק און׳ דא איר אזו שליפט מוכט איך אויך ניט וועקן. און׳ נאם דיא שליסל און׳ גינג צו איר און׳ הון די קרנק גילושן אונ ווידר צו אויך גיוואלט. דרום דש איך אויך ניט דר צוירן[252] דרום טוט מיר אויף. דער ריטר שפרך דו לייגשט[253] דו ואלשי הור. דוא מושט דוישן בלייבן ביז דיא וועכטר קומן דש זיא דיך מורגן אין ברנגאר שטעלין דא ווערט דיר אונ אל די דייני שנד....[254]

דיא ורויא שפרך וואלט איך מיך יא ניט איין לושן דא וויל איך אין דיזן ברונן שפרינגאן. דער דא בייא אונזרר הויז שטיט. און׳ וויל דארינן הר טרינקן. אי[255] איך אין ברנגאר וויל גישטעלט ווערדן. דער ריטר שפרך איך וואלט דו ווערשט הר טרענקט ווארדן אי[256] דו דש אויבל גיטון האשט. דא גינג זיא און׳ נאם איין גרושן שווערן שטיין. און׳ וויש ער[257] גר ויגשטר. און׳ שפרך נון ביועל איך מיין זיל אין מיין הימל רייך. און׳ דען לייב אין דש גראב. מיט זוילכן ווארטןווארף זיא דען שטיין אין דען ברונן מיט קרעפטן דש ער איין גרושן פלומפא טעט. דש הארט[258] דער ריטר. און׳ ליף דיא ורויא ביהעגדן[259] און׳ שטעלט זיך הערט נעבן דיא הויז טיר דש מן זיא ניט גיזיהן קונט אים וענשטר דען עש וואר גר ויגשטר. דא נון דער ריטר דיזן פלומפא דעש שטיינש הארט[260], דא גידוכט ער זיין וויינ ווער אין דען ברונן גישפרונגאן. און׳ שפרך אך מיין ארמיז ליבש וייב. און׳ לוף שנעל הירב צו דעם ברונן און׳ שפרך איך וויל איר העלפן. אי[261] זיא דר טרינקט. און׳ זא בלד אז זיא[262] די טויר אויף טעט. און׳ צום ברונן קאם. דא לוף דיא הור צום הויז הניין. און׳ וריגלט דיא טויר איין וויניג צו דש דער ריטר ניט ווידר הינייין קונט קומן. און׳ ליף אן דש וענשטר און׳ הוירן. וויא זיך דער ריטר אויבל גיהיבן וואלט[263]. דער ריטר וואושט ניט דש דיא ורויא אין דש הויז קומן וואר. זונדר ער מיינט זיא ווער נוך אים ברונן. דא ער זיא נון ניט אנפפנד[264] אין דעם ברונן מיינט ער זיא ווער שון טוט[265].

און׳ אן דען גרונד גיוואלן266), זא וואורד ער ביטרליך וויינן. און׳ שפרך ור ולוכט זייא דיא שטונד דר אינן איך ור איר בישלוטן267) הב. דש הארט דיא הור אן דעם ועגשטר דז לכט זיא היימליך און׳ טעט איר גר זאנפט. און׳ שפרך צו אים אז דו ואר ולוכטר ריטר ווארום שטישטו אום דיזי צייט דאוישן. דא האשטו ניט גינוג אן מיינם יונגאן לייב. גישטו דר צו אלי נכט צו דיינן הורן. און׳ לושט מיך אליין. דא דער ריטר זיינר ורויאן שטים הארט דא וואורד ער ורא268) און׳ שפרך. גילובט זייא גוט ית״ דש דו נוך לעבשט... (עס העלפן אָבער ניט אלע בקשות פון דעם ריטער, פארקערט, די פרוי די צדיקת מוסרט אים, פארוואס ער גייט אוועק ביינאכט צו אנדערע פרויען, און וויל אים בשום אופן ניט אריינלאזן אין שטוב. עס קומען אָן די נאכטוועכטער, פארהאלטן דעם אומגליקלעכן ריטר און ער ווערט צומארגנס אומשולדיק געשטעלט צום שאנדסלופ). (פגל. „דעקאַמעראָן“ נאוועלע נר. 64; אויך מ. לאנדוי, ז. 264—262, וואו ס׳איז פאראן דער פארגלייכנדיקער אפאראט).

3. „בוך דער אלטן ווייזן“ (קאלילא־ווע־דימנא).

כתב־יד מינכען נר. 355.

ליטעראטור: בענפי, „פאַנטשאַטאַנטראַ“, לייפציג. 1859.—ר. שמידט, פאנטשאטאנטראם, 1901. דוגלאפ־ליבערכט, ז. 196־194. גערעקע, I, 366. שטיינשניידער, נר. 392. שטיינשניידער, „העברעישע איבערזעצונגען“ II, ז. 883—872, וואו ס׳איז אויך פאראן די גאנצע ליטעראטור. מ. לאנדוי ז. 26—5, ברענגט אויך א טאבעלע פאר דער פארשפרייטונג פון „קאלילא־ווע־דימנא“.

„קאלילא־ווע־דימנא“. אזוי הייסט די אראבישע און העברעישע באאר־בעטונגען פון דעם גרויסן אינדישן משלים־אוצר „פאַנטשאַטאַנטרא“, וועמענס פארפאסער זאל לויט דער לעגענדע זיין דער אינדישער פילאָזאָף און דיכטער בידפּאַאי. ס׳איז א זעלטן באליבט און פאפולער ווערק, ס׳זיינען באקאנט 112 איבערזעצונגען אין 38 שפראכן; אין דעמדאָזיקן אינדישן משלים און מעשיות קרייז גייען אריין אייניקע משלים פון דעם גריכיש־עגיפּטישן ציקל, וועלכע זיינען צו די אינדער אריבער אין דער צייט פון די גריכישע מלוכות אין אינדיען. אין אלגעמיין אָבער אונטערשיידט זיך דער אינדישער משל שטארק פון דעם אייראָפּעישן: ער איז מער מעשהלע, ווי משל; דער מאראליזאטאר־

שער עלעמענט שפילט ניט אין אים די הויפּראָליע, און די חיות זיינען לחולטים ניט באטירלעך, זיי האנדלען און שמועסן ווי מענטשן. קאַלילאַ און דימנא—דער נאר און דער דורכגעטריבענער—דאס זיינען די נעמען פון צוויי שאקאלן, ארום וועלכע ס'פלעכטן זיך די מעשהלעך פון דעם ספר.

יאָהאן פון קאַפּואַס איבערזעצונג איז אין דייטש באַאַרבעט געווארן אין 15 יארהונדערט דורך אַנטאָניוס פון פפאָרע. די ערשטע ידיעה פון דעם דייטשן איבערזעצער האבן מיר פון יאר 1455, ער איז אין דעם יאר דעקאַן און ענדינגען, ביי פרייבורג. די לעצטע ידיעה פון 1477, ווען ער זאל שוין זיין גאר אן אלטער מאן. זיין איבערזעצונג האט ער געווידמעט דעם גראף עבערהארדט פון ווירטעמבערג. אנגערופן זיין ווערק האט ער

„Das Buch der Beispiele der alten Weisen“.

פאן פפארעס איבערזעצונג האט געהאט א גרויסן דערפאלג. די ערשטע אויפלאגע איז דערשינען שוין אין דעם יאר 1483, און ביז דעם יאר 1592 זיינען באקאנט 22 אויסגאבן פון זיין ווערק. און אין תוך איז זיין ווערק לאנגווייליק און טרוקן ביז גאר, די לעבעדיקע און פּאָעטישע מעשהלעך פון דער „פּאַנטשאַטאַנטראַ“ זיינען אין דעמדאזיקן שפעטן גילגול כמעט ניט צו דערקענען.

קיין שום יידיש-טייטשע דרוקאויסגאבע פון דעם דאזיקן ציקל איז ניט באקאנט. אין דער מינכענער מלוכה-ביבליאטעק געפינט זיך אבער א יידיש-טייטשער כתב-יד (נר. 355), וואס אנטהאלט דעם גרעסטן טייל פון די ערשטע פיר קאפיטלעך פון אנטאניוס פאן פפארעס איבערזעצונג. דער כתב-יד באשטייט פון 7 לויזע בלעטער און 96 געבונדענע—אין א שטארק באשעדיקטן צושטאנד, די לעצטע זייט איז ניט פארשריבן, דער קאפיסט האט זיך אלזא אפגעשטעלט אינמיטן און ניט פארענדיקט זיין ווערק. געשריבן איז דער כתב-יד אין דער צווייטער העלפט פון דעם 16 יארהונדערט. ער איז אויך אזויפיל ניט אינטערעסאנט, אז ער שטעלט פאר א פשוטע טראנסקריפציע אין העברעישע אותיות פון דעם דייטשן טעקסט. איך האב צום פארגלייך אונטער דער האנט די דייטשע אויסגאבע פון פאָן פפארעס איבערזעצונג פון דעם יאר 1565, פראנקפורט-מיין, דער מינכענער טעקסט שטימט ווארט אין ווארט מיט דעם דייטשן טעקסט, א קליינע דיפערענץ שטעלט בלויז פאר די איבערשריפט פון די קאפיטלעך, אין דעם יידיש-טייטשן טעקסט קומט נאך יעדן קאפיטל א פארמולע, וואס

רעזיומירט קורץ דעם אפגעשלאסענעם קאפיטל און זאגט אן דעם קומענדיקן, בעת אין דייטשן טעקסט ווערט בלויז אנהייב קאפיטל קורץ איבערגעגעבן זיין אינהאלט. אזוי צ. ב. קומט אין דעם מינכענער טעקסט נאכן צווייטן קאפיטל: „היא הוט איין ענד דש אנדר קפיטל דיש ליבן אונ׳ אוקשן אונ׳ אישט בון בטריגן אונ׳ נייד אונ׳ היבט נון הין נוך אן. דש דריט קפיטל אונ׳ אישט בון דער גיטוט דימנא אונ׳ וויא ער אר ברונט וורד אונ׳ אישט בון דים דער זיין נוץ מיט אייניש אנדרן שדן זויכט אונ ווש דים צו ליטש בון גו׳ דארוים אר אכטיט ווירט״. אויך דער אונטערשיד איז ווארשיינלעך שוין געווען אין יענער דייטשער אויסגאבע, וועלכע ס׳האט איבערגעשריבן אונדזער אומבאקאנטער קאפיסט.

איך ברענג בלויז א קורצן אויסצוג פון דעמדאזיקן וויכטיק אינטערעסאנטן כתב־יד.

כתב־יד מינכען נר. 355, ז. 66א—64ב.

עש אישט גיוועשט אין איינר שטט איין צימרמן[269] דער היט איין הויפש וייפ די היט איין בולן דער ווש איין מאלר. צו דים[270] שפרך די ברויא[271] איך וויל דש דו מיר איין צייכן מכשט דא בייא איך דיך נכטן[272] אר קען[273]. דש דיר ניט נוט זייא[274] צו רופן אדר קלופפן. דער בול שפרך איך וויל מיר מכן איין קלייט הלב ווייש אונ׳ שווארץ אונ׳ ווען דו דש קלייט זיכשט זא מירק[275] דש איך דא זייא. עש גביל[276] דער ברויאן[277]. דיז אר הורט דער הויש קנעכט[278] אונ׳ נם[279] דא רויף אכט. אונ׳ זך[280] דין[281] בולן נכטיש אלזו בויר דער טויר אונ׳ די ברויא דים צייכן נוך צו אים יך[282], אונ׳ אויף איין מולט בגב זיך[283] דש דער מאלר אובנט אין דיש קויניגש הוב[284] ערבייטן מושט אונ׳ דער צימרמן ניט דא היימן ווש. דא צווישן גינג דער קנעכט צו דיש מאלרש וייפ אונ׳ בט זי אים צו לייאן דש גימולט קלייט אירש מן, אונ׳ לייט[285] דש אן אונ׳ גינג צו זיינש מיינשטרש הויש. זא בלד די ברויא דש קלייט אר בליקט און[286] בוירטר[287] אר ברונג[288] אונ׳ ברוג אנפפינג זיא דין קנעכט אונ׳ טעט זיינן ווילן. דאהר נוך ברוכט ער דער מאלרין איר קליידר ווידר. דאהר נוך קם דער מאלר היים אונ׳ לייט דיז קלייט אן אונ׳ גינג דיש צימרמנש הויש. די ברויא גינג אים אנגיגן אונ׳ שפרך ווש גימיינט דש דו זא בלד אויף דיזי נכט ווידר קומט זא דו בור[289] און לנגש[290] דיין ווילן בול ברוכט מיט מיר הושט. דא



א זייטל פון דעם מינכענער כתב־יד פון
„בן המלך והנזיר" (נר. 347).

דיש דער מאלר הורט ער אר שרק אונ׳ מירקיט דש אימנט אנדרש בייא איר גיוועזן ווש אונ׳ גינג היים אונ׳ אר בור291) זיין ווייפ אום דש קלייט. אונ׳ דא ער דש אויש לייאן בבאנד292) דא שלוג ער זיין ווייפ אונ׳ ור ברנט דש קלייט.

4. „בן המלך והנזיר".

(כתב־יד מינכען נר. 347)

ליטעראטור: וועגן דעם בודדיסטישן כאראקטער פון דעם ראמאן זע:
F. Liebrecht, Zur Volkskunde. Heilbronn, 1879. 441—460 .ז
P. Cassel, Litteratur u. Symbolik, Leipzig, 1884. :דאן
N. Weisslovitz, Abraham b. Sam. he-Levi, München, 1890.
דונלאפ־ליבּרעכט ז. 32—27, 62—461.
ניט שלעכט איז מייזעלס דייטשע איבערזעצונג פון אבן חסדאיס ראמאן:
W. A. Meisel, Prinz und Derwisch, 1847, Stettin.
שטיינשניידער, „מאַנאַ", בערלין, 1847. שטיינשניידער, באָדלעיאַנא־קאַטאלאג, ז. 673 און אַנד. שטיינשניידער, נר. 393, 434, 446. שטיינשניידער „העברעישע איבערזעצונגען", ז. 867-863—II, ווו ס׳איז אויך פאראן די גאנצע ליטעראטור.

אין קענגנזאץ צו די פריער באהאנדלטע יידיש־טייטשע טעקסטן פון אלטאינדישע ראמאנען, איז דער מינכענער כתב־יד נר. 347 אן אמתער שפּראכלעכער און ליטעראר־היסטארישער אוצר, ער אנטהאלט א גרויסן פראגמענט פון א יידיש־טייטשער פּאעטישער איבערזעצונג פון דעם העברעישן עטישן ראָמאַן „בן המלך והנזיר".

„בּארלאַאַם און יאָזאַפאַט"—אזוי הייסן די קריסטלעכע ווערסיעס פון דעמדאזיקן ראָמאן, „פּרינץ און דערוויש"-די אראבישע, און „בן המלך והנזיר" -די העברעישע. דריי פארשיידענע רעליגיעס האבן אַדאַפּטירט דאסדאזיקע ווערק, אנגעפילט מיט אייגענעם רעליגיעזן אינהאלט, מיט אייגענע פרומע און מאראלישע באטראכטונגען. דער ראמאן איז אבער לויט זיין אפשטאמונג אינדיש־בודדיסטיש. זיין קערן איז די לעגענדע פון דעם יינגען בן־מלך בודדא, וועמען זיין פאטער האט אפגעשלאסן פון אלע ליידן און יסורים פון

דער וועלט, ארומגערינגלט מיט תענוגים און פרייד, ביז דער צארטער און עמפינדלעכער פרינץ דערוויסט זיך איין טאג פון דעם יאמער פון דער וועלט. ער דערזעט אלטקייט, פארקריפלטקייט, יסורים, טויט. מיט דעם מאמענט ווערט אים פארמיאוסט זיין פאטער, זיין מלכות, זיין ביזאיצטיקע געדאנקלאזע עקזיסטענץ. ער הארכט די שטילע, ריינע ווערטער פון דעם נזיר, און זיין נשמה דערוואכט צו א נייער, טרויעריק-רייפער און ציכטיקער וועלטבאנעמונג.— די געשיכטע פון דעמדאזיקן ראמאן איז דער בולטסטער באווייז, ווי נאענט און פארוואנדט עס זיינען די עטישע לערן פון די גרויסע וועלטרעליגיעס.

אין אנהייב פון דעם 13 יארהונדערט האט א יידישער געלערטער, דער בארצעלאנער רב אברהם בן שמואל הלוי אבן חסדאי הנשיא איבערגעזעצט דעם ראמאן פון אראביש. ער האט אים שטארק פארייִדישט, צעשפרייט אין דעם טעקסט ביבלישע און תלמודישע אויסדרוקן, פסוקים, בילדער, פארגלייכן, די לעצטע 4 קאפיטלעך, געהאלטן אין נייפלאטאנישע בילדער, שיינען ניט צו זיין זיין אייגענע ארבעט. דערדאזיקער רב האט גרויסע פארדינסטן פאר דער העברעישער ליטעראטור, בפרט צייכנען זיך אויס זיינע מייסטערהאפטע איבערזעצונגען פון אראבישע פילאזאפישע שריפטן. ער איז געווען א פראקט-פולער דיכטער, מיט א געשליפענער, רייכער און קינסטלערישער שפראך, זיין פאעזיע שטייט אונטער דעם שטארקן איינפלוס פון דער אראבישער דיכ-טונג, און פון דער פעדער פון דעמדאזיקן רב רייסט זיך פון צייט צו צייט ארויס א הייסערע סטראפע, שורות, פול גליענדיקן אטעם, אזוי צ. ב. אין אונדזער ראמאן אין דעם קאפיטל י״ח, וואס באזינגט די ליבע. ווי אין אלע ראמאנען, וואס שטאמען פון אינדיען, איז דער טעקסט דורכגעוועבט מיט שפרוכן, קורצע לידער, געזאנגען, און אין דידאזיקע פאעטישע אינטער-מעצאס איז סיי די שפראך, סיי די קאנסטרוקציע באזונדערס קינסטלעריש און געמייסטערט. גאנצע קאפיטלעך פון דעם ראמאן זיינען עד-היום אמתע פאעטישע שעדעווערן. ס׳רוב ציען זיך אבער לאנגווייליקע מוסר-געשפרעכן צווישן דעם פרינץ און דעם נזיר, בפרט צעצויגן זיינען די ערשטע קאפיטלעך. באלעבט ווערט דער טעקסט בלויז דורך די דערמאנטע פאעטישע שפרוכן און געזאנגען און דורך א ריי משלים און פאראבאלן, וואס דער רוב פון זיי איז געווארן אן אייזערנער באשטאנדטייל פון דער מוסר-ליטעראטור ביי אלע פעלקער.

די ערשטע דרוקאויסגאבע פון דעם העברעישן טעקסט איז דערשינען אין

קאָנסטאַנטינאָפּל שוין אין יאר 1518 (זי ווערט אגב דערמאנט אין אליהו בחורס בריוו צוווידמאנשטאטן, 1543—פגל. פערלעס ז. 158). העברעישע דרוקאויסגאבן מיט יידיש-טייטשער איבערזעצונג באווייזן זיך ערשט אין דעם 18 יארהונ-דערט, עס זיינען נעמלעך באקאנט: אן אויסגאבע פראנקפורט-מיין, 1769, ארויסגעגעבער אייזיק הומבורג פון אופנבאך. דער איבערזעצער אין יידיש-טייטש איז ראובן בן אברהם הלוי. די דאזיקע אויסגאבע איז איבערגעדרוקט געווארן אין פורט, 1783, עס זאל נאך עקזיסטירן א זשאלקאווער אויסגאבע, 1771?
אין דער מינכענער מלוכה-ביבליאָטעק געפינט זיך אבער אין כתב-יד א יידיש-טייטשע איבערזעצונג פון דעם העברעישן טעקסט, וואס איז געשריבן ווארשיינלעך אין דער צווייטער העלפט פון דעם 16 יארהונדערט. ס'איז צו באדויערן, וואס דידאזיקע איבערזעצונג איז קיינמאל ניט געדרוקט געווארן, ווארום מיר האבן דא צו טאן מיט א גרויסן דענקמאל פון דער אלטיידישער ליטעראטור, א ווערק, וואס זיינע עסטעטישע מעלות דערלויבן אים אוועקצושטעלן אין איין ריי מיט די גרעסטע ווערק פון יענער עפאכע פון אונדזער ליטעראטור, מיטן „שמואל-בוך", „מעשה-בוך", א. א. וו.

דער מינכענער האנטשריפטלעכער זאמלבאנד נר. 347 האלט צוויי ווערק. דאס ערשטע ווערק איז „בן המלך והנזיר", דאס צווייטע,—בלאט—109—86,— איז א יידיש-טייטשע אסתר-פאראפראזע. ביידע ווערק זיינען געשריבן דורך איין און דעמזעלביקן קאָפּיסט. די אסתר-פאראפראזע איז לויט שפראכלעכע סימנים פארפאסט געווארן אסאך פריער, אפשר נאך אין דעם 14 יארהונדערט. דער קאָפּיסט שטעלט זיך פאר צום סוף פון דער פאראפראזע אלס אלטער, גרויער מאן: (ליידער פעלן אין ביידע ווערק די לעצטע זייטן):

„דיש גיטרעכט. אישט מיין גימעכט: הוט (הורט?) איר יונגן אונ' איך אלטן. ווי אירש מיט פורים שפיז זוילן האלטן. דען איך הון די יור אונ' בין גריזא. דש איך ווייש דער לאנדא וויזא. אונ' הון אווך גיוואנדילט דוריך די לאנט. דש מיר ויל שפיזא זינט בקאנט. דוך זא הלטן איך מיך נוך ריינישם זיטן אונ' גיוואונהייט. זו צו שטראופן ווער מיר לייט. זי פפלעגן צו מיטגאן צו היבן, צו ריכטן דען טישא אונ' וואול צו לעבן. בון אירשט די הענדא צו וועשן. ברכה זול מן ניט בר געשן. זו זול אוף דעם טישא שטון. וועקא אונ' ויין דש בעשט דש מן מג גיהון. רויקן בראט אונ' זויאר וויין. דש זול ניט דא זיין. ברכת זול מן מאכן... (דא ווערט איבערגעריסן דער כתב-יד).

שווער צו גלויבן, אז דער דאזיקער בדחנישער קאָפּיסט זאל זיין דער

מחבר פון דער טיף-פאעטישער איבערזעצונג פון אונדזער ראמאן. בלויז א גע-נויע שפראכלעכע אונטערזוכונג וועט קאנען פארענטפערן דידאזיקע פראגע, אויך פעסטשטעלן, צי איז די איבערזעצונג ניט אנטשטאנען פריער, ווי אין דער צווייטער העלפט פון דעם 16 יארהונדערט.

דער מינכענער טעקסט פון דעם יידיש-טייטשן „בן המלך והנזיר" באַ-שטייט פון איין לויזן בלאט (וועלכן מען האט אריבערגעטראָגן פון דעם כ"י נר. 355), און וואס אנטהאלט דעם סוף פון דעם 9 קאפיטל און דעם אנהייב פון דעם צענטן. דאן קומען 85 געבונדענע בלעטער-פון דעם מיטן עלפטן קאפיטל ביזן סוף ראמאן.—(דער „בן המלך והנזיר האלט 35 קאפיטלעך). דער כתב-יד ווערט לײדער איבערגעריסן בײַ די לעצטע שורות. צוזאמען האלט אלזא דער מינכענער טעקסט 86 בלאט. דער סוף איז: „דא ער דאך קיין קלאגן העט בר געשן. זיין רייך מיט בר נויפט הט ער בזעשן. גרושש איר מיט גוטש"...—אבער אויך דער געבונדענער טייל איז באַשעדיקט. ס'פעלן: א בלאט צווישן 79 און 80 (סוף 32 און אנהייב 33 קאפיטל), און א בלאט צווישן 84—83 (סוף 34 און אנהייב 35 קאפיטל).

דער מינכענער יידיש-טייטשער טעקסט פון דעם „בן המלך והנזיר" איז א באווייז, וואס פאר א הויכע שטופע פון אנטוויקלונג יידיש און יידישע ליטעראטור האבן שוין דערגרייכט אין יענע ווייטע יארהונדערטער. וויל מען פארשטיין די גרויסקייט פון דעם אומבאקאנטן איבערזעצער, מוז מען נעמען אין אכט, וואס פאר א געוואלטיקע שוועריקייטן עס שטעלט פאר אבן חסדאיס רייכע, אפט געקינצלטע, ניטאלעמאל אפילו פארשטענדלעכע פאעטישע שפראך, וואס פאדערט גרינדלעכע קענטענישן פון העברעיש. און דער יידישער איבער-זעצער האט זיך דערצו באמיט צו געבן אקאָנגעניאַלע איבערזעצונג. ער איז געטרייַ נאכגעגאנגען דער שוויריקער פארם פון אבן חסדאיס מאקאמען, אמת, פון צייט צו צייט היפט ער איבער גרעסערע און שווערערע לידער, אזוי צ. ב. סוף קאפיטל י"ח ארויסגעלאזן דעם סוף-שיר, אין 13 קאפיטל איבערגע-היפט צוויי לידער, אין 15 א גרויס ליד, אין 16 איבערגעהיפט די לידער מיט תנכישע מאטיוון, אזוי אויך דעם גרויסן ליד סוף 16 קאפיטל, דעם געזאנג פון דעם יינגל וועגן ליבע אין קאפיטל י"ח א. א.

דער ציל פון דאָרדאזיקער נאטיץ איז בלויז ווענדן די אויפמערקזאמ-קייט אויף דעמדאזיקן גאר וויכטיקן דענקמאל פון דער יידיש-טייטשער פאעזיע, וואס פארדינט בלי-ספק א ברייטע און אויספירלעכע באהאנדלונג.

„בן המלך והנזיר".

(כתב־יד מינכען 347 בלאט 28 ב. 34 ב.)

וועגן ליבע:

דש י"ח שטוק

ווי ווערט אישט רעכט וערטיג מויט[293]
אֻיבר אלי שאץ אונ' אליש גויט:[294]

דער גאיישליך[295] **שפרך** הער איר טוינדא[296] גיגן מִיר גלייך
אליש איין יונגר הט איין ואטר רייך
טעט מיט איינם אלטן מן.[297]

דער יונגר קויניג שפרך נוין[298] זג מיר אן.

דער גיישליך שפרך עש ווש איין יונגר בון רייכטום גישלעכט.
זיין ואטר ליגט אל זיין גיטרעכט
וויא ער וועלט אים זיינש ברוידרש צו איינם ווייבא געבן
דער ווש רייך אונ' הט נוך ווייניג צו לעבן
אונ' דיא טוכטר הט ער אונ' קיין קינט מען[299]
זיינש גויטש[300] ווש ויל אליש איך דש ווען[301].
דש וואולט דעם זוין ניט וואול גיבאלן
זיינם ואטר וואולט ער ניט נוך קאלאַן[302]
זיינש ואטרש צאורן דער דא גראם[303]
דער זוין דא ולויכט[304] בון אים דא נאם.
ער ולאוך[305] ויל וער[306] אין ורעמדי לאנדא
צו לערנען אין בבל ער דא ארוונט
ויל צייט ביש ער בר לאנגן הט[307].
דער קנאבא גינגא אליין אין דער שטאט
ער גינגא הין אונ' ווידר היא בויר
ער ארזאך[308] דא זיצן בור איינר טויר
איין מעגטלין[309] גר צויכטיג אונ' גר פין
שון גישטאלט אונ' גר קלור אז דש ליכטש שיין.
זיא הט איינן ארמן ואטר צוואר
דער ווש אלט ביל[310] מעניגי יור,

דש מעגטלין גביל אים וואול אונ׳ ואשט311)
צו איר הולט שפּט312) טרויג ער גרושן לאשט
דער הולט שאפט וויש ער זיך ביצוואונגן
דיא ער טרויג צו דער שטולצן מעגטין יונגן.
ער גינגא צו איר אונ׳ שפרך ליבש מעגטין
וועש טוכטר בישטו אודר וועך מג דיין ואטר זיין.
דש מעגטין שעמט זיך אונ׳ ולוהך305)
דיא טויר זיא ואשט צו איר צוך.
זיא שטוינדא הינטר דער בשלושן טויר אונ׳ רעטא:
מיין ואטר אישט ארים אונ׳ היווט313) ארמויט זיין זעט.
דער קנאבא גינגא אונ׳ קלופּפט אן
מיט קלאגן אונ׳ וויינן וינגא ער אן:

שפּרויך:

וויש בישלוישטו314) דיריין
בר מיר אליין
אין איינם וואלדא ווער זי׳ וואול ביהויט—
אישט נוין איר גיר
דש זי רידא מיט מיר
אז יואָב הינטר דער טויר
מיט אבנר בר גוש זיין בלוייט315)—

דא דער קנאבא בר נוימן הט אונ׳ קלאג עש מעגטין בר נאם316)
הינטר דער317) זיא צו אנטוורט קאם
זיא וויש דער ליבשאפּט ורוא
ווידר אין שפרך זיא אלזו:
ביראויבט איך בין
אל מיינר זין
דיין זוישי שפּרויך וועלט ליבשאפּט זויכן—
דו בוירשט איין ווייזא
ווי דיך גילוישט דער שפּייזא
אליש אמנון גילוישט תאמרש קויכן318)—

דא דער קנאבא בר נוימן הט
איר זוישי וואורט זעגיפט אונ׳ גילט
דא רויפט ער צוויכטיקליכן דען אלטן הער אויש,
דער קאם צו אים בור דש הויש.
צו אים שפרך דער קנאבא: איך בין קומן הער
איוור טוכטר צו איינם ווייבא איך בגער
איך האבא דוך ויל זילבר אונ׳ גולט
אונ׳ האבא זי אויש דער מושן[319] הולט
מיר זינט גר וואול גיבאלן איר זיטן
איך לוש עש גר אוים ניכצט בר גויטן
זינט און צווייביל אל איוור לעבן[320]
אל איוור נאוטוריפט[321] וויל איך אירליך אויך געבן
דש איר איוור אלטר וואול טויגן לעבן
אונ׳ ביש איוור ענדא זוילן גינויג האבן.
דער אלטי שפרך ווש גילוישט דיך מיינר ארמויט
דו וינדשט וואול דיא דיר גיבט גירושש גויט
וועז דו בישט דוך אווך בון דען רייכן
היבא דיך אן דיין גלייכן:

דער קנאבא שפרך מיר אישט וואול צו ווישן
עש אישט אלזו בון גר״ גבלישן
דער הוט אלזו גיטראכט
ווען איר גיגן איר ליבא שאפט אישט מיר ניכצט גיאכט.
איך בין גילאופן בון לאנדא אונ׳ גיבוירט
דש מיר ניט גיבוירט
דש מיר ניט רייך ווייבא וואוירדא.
מיין ורוינדא וואולטן מיר ווייכן
אונ׳ בון מיינם גישלעכט אייני צו שייכן
דיא דא הוט זילבר אווך גולט
דער זעלבן איך ניט האבן וואולט.
איוור טוכטר אישט אין מיין הערץ גיזענקט
איר ליבא שאפט מיך בון הערצן קרענקט.

אונ׳ אכטן מיר ניט דש בור איין טורהייט דער יונגן(322)
דש איך בין מיט דער ליבא שאפט בין ביצוואוינגן
די זיך איר לוישט לושן ביצוואוינגן
אונ׳ אונטר שטונלן דעש צו באולן ברינגן(323)
ווען די ווייזן(324) פרייזן(325) דען לוישט ביזוינדר
און(326) ציל בור איין גירושש וואוינדר.
זיא שפרעכן גילוישט דש אישט איין הוהר ארט
איר גלייכן ניא גיבוינדן וואַרט
זיא אישט איין אוירזך אלר גשיכט אונ׳ לישטן.
דען קאריגן מאכט זיא אוף שלישן דיא קישטן(327)
דיא בר שטופפן הערצן מכט זיא אופן(328)....

דער אלט מן שפרך דיין וואורהייט זיינט זויש(329) זער
אונ׳ מיט צויכט אונ׳ לער
איך ורויען מיך זיינר (דיינר?) גרושן טויגנט
דיא אן דיר אישט בייא דיינר יוגנט.
אבר דו זעליגש קינט
וויא וואול דיין וואורט זויש אונ׳ צימליך זינט
וויש בר וואור דש דער לוישט
ברענגט דעם מענשן גרוש בר לוישט.
ווילכר איר לוישט אלוועגן וויל בוישן(330)
צוואר מיט היין לעשיקייט זיא מוישן
בון אלן איר זאכן לון
אונ׳ זוישט קיינרלייא זך נוך גון
דען נויארט טרינקן אונ עשן
אונ׳ דש אל צייט זייא בולא דיא ולעשן
אונ׳ גויטר שפייזא אונ׳ גיזאנקא
אונ׳ וויא אלזייטן שפייל(331) גאנגא:

שפרויך:

מיין זון דיך הויט
מיט אל דיין גימויט
אונ׳ שטעק איין שאריך שווערט אין דיין ברוישט—

אֵי דו וועלשט בר טראגן
דיינם הערצן צו ייאגן
דש דו בר הענקשט אל דיינש הערצן גילוישט;[332]

(דערויף ענטפערט דער בחור מיט א משל פון א בן-מלך, וואס איז געוועזן זייער אויסגעלאסן, ער האט זיך אבער פארליבט אין א מיידל, וואס האט אים ניט געוואלט פארטראגן, ביז ער וועט ניט תשובה טאן און ניט פארלאזן זיינע שלעכטע וועגן. די ליבע ווירקט אזוי שטארק אויפן בן-מלך, אז ער ווערט א גאנץ אנדערער, זיטלעכער מענטש. לוסט קאן אלזא אויך גוטץ אויפטאן. דאן פרעגט דער אלטער מאן, צי וועט ער איינגיין צולעבן מיט אים און זיין טאכטער אין דחקות און נויט? דער יינגל גייט דערויף איין מיט פרייד, ווארפט אַראָפּ זיינע רייכע בגדים און טוט אָן די ארעמע קליידער — ערשט דאן אנטפלעקט אים דער אלטער זיין גאנצע, אומבאשרייבלעכע רייכקייט).

אייניקע קורצע לידער („שפרוכן") פון דעם מינכענער כתב-יד:

בלאט 1א

אובא דיין ברוידר ואלט
זא היליף אים באַלדא
ניט זייא טרעג זיינר הוליף נוך ייאג —
ניט בר ציך ביש מורגן
זער אישט בר בורגן
ווש דא מאג ברענגן דען מוירניגן טאג;[333]

בלאט 1ב

ווער קאן גיזאגן
אובא זיך מער זול קלאגן
איין רייך מאן דש ער מויש שטערבן —
אודר דער דא גברישט
און׳ אים און׳ מער אישט
אין זיינר ארמויט מויש ארלענגן זיין לעבן;[334]

בלאט 4ב (מען פרעגט איובן, פון וואס ליידט ער צומייסטן, ענטפערט ער, אז דאס, וואס זיינע שונאים האבן אויף אים א נקמה):
דער מיך ורוגט ווש
מויכט גזיין דש

מיך מיישט בקוימרט אין דער צייט—
איך אנטוורט אים
מיט צאורנש גרים
דש דיא שעליק335) גזיגן אין דעם שטרייט—
אונ׳ מיינש ווייבא בר שמעהן336)
איך מויש אויבר זעהן
מיינר ורוינט (?337) ויגדא ורונדא מיר אלר מיישט אן ליגט:

בלאט 40א

דיז וועלט אויבר אל
די אישט דער שטאל
די צייט איין הירט, די לויט דש ביך זינט—
דער טאוט די היר
די אין זוילבר ווער
קליין גרוש ווייבא אלט אונ׳ קינט—
דש גראבא איין פפורט
הוט אימנט גיהורט
ווי אלדא ווש מן דא הינטר וינט:338)

בלאט 46א

אין דער צייט קין
דא ער ורוגט וועז
אישט גו׳339) גזיין אודר וואו ער אישט—
גו׳ אישט גיבונדן
צו אלר שטונדן
אין הערץ דעש ביגערר צו אלר ורישט340)—
אי ער אישט גזיין
אונ׳ נוך הין אונ׳ הין
זיין גינאודא אונ׳ קרפט נוימר גיברישט:341)

בלאט 61א

אלי צייט בוריכט גו׳
אונ׳ הלט זיין גיבוט
ניט ורוג דארויבר נוך דארוינטר—
בוריכט אין אונ׳ גיבא אים איר

נוך דעם אונ׳ ער אישט מיר

מיט קראפט שווישט[342] ער בליץ אונ׳ טוינדר[343]—

האבא בור אים שאנדא

אז אובא ער גיגן דיר שטאנדא

ווען נוך זיינר זין גרושי וואונדר:

בלאט 76ב

אינש שוינש ווייפא

ניט בטריג דיין לייבא

איר ברענדן וואנגן שון זולטו ניט ארקענן—

זיך ווי איין בויער

גיט דען שיין טויער

גנעהשטו אים ואשט. צוואר עש ווירט דיך ברענן:[344]

א פראגמענט פונם העברעישן טעקסט.

צום פארגלייך ברענג איך דעם העברעישן טעקסט—א פאראלעלן פראגמענט פון דעם 18 שער, לויט דער צווייטער העברעישער אויסגאבע, וואס איז דערשינען ביי דעם ארויסגעבער יוסף בן יעקב פון פאַדואַ אין מאַנטואַ, סיון ש״יז (1557).

חשער השמנה עשר.

יתרון הנועם והכשר
על הקנין והעושר:

ויאמר הנזיר משלך עמי אתה בן המלך. כמשל בן העשיר אשר התחתן עם איש ההלך:

אמר בן המלך ואיך היה:

אמר הנזיר אמרו כי נער אחד מבני עשירים רצה אביו להשיאו בת אחיו: והאיש גדול מאד. בעל נכסים ומאד: וכבוד ומכל בנים גדל לא נשאר לו כי כי אם הבת ההיא השרידה. ורק היא יחידה:

וימאן הנער אותה ולא ישרה בעינו. ויחר אף אביו עליו ויגער בו ויברח מפניו: וילך עד קצוי תבל. אל ארץ רחוקה אל בבל: ויצא הנער לשוט בעיר לראות הארץ וירא נערה אחת יושבת בפתח אחד מבתי העניים יפת תואר ויפת מראה ותיטב הנערה בעיניו ותשא חסד לפניו:

ותדבק נפשו בה, גדולה האהבה אשר אהבה: ויאמר לה אחותי רעיתי הגידי נא לי בת מי את: ותסגור הדלת לפניו. ותעמוד מאחוריו: ותאמר לו אדני, בת איש זקן ומסכן אני: וידלג הנער ברוח נבהלת, ויגש אל הדלת, וישא את קולו וישורר:

מה תס-גרי יעלה דלת לפני הלא
די שו-מרים לך בצפ-עוני לחי-ידך:
אל תח-פצי לי בתוך שער לדבר דבר
יואב לאבנר וצור חרבו בעיני-ידך:

ותען הנערה אל קול הנער, מאחרי השער, מרוח חשק מצער:

תגזול לבבי בעין גוזל ואיך תאמר
עפרה בשרי לאהבתך מאד ס-מר:
תתאב צבי חן למטעמות ידידות כ-
אמנון באות לביבות מ-ידי ת-מר:

ויהי כשמוע הנער נעם שיריה. וחלק אמריה: קרא בקול גדול בשם הזקן. ויאמר לו הזקן הטוב תן לי בתך לאשה כי היא ישרה בעיני. ואני כל עוד חיותיך. אפרנסך בכבוד אתה וביתיך. ואכלכל את שיבתך:

ויאמר לו הזקן בני מה לך לקחת בנות העניים והדלים. ואתה מבני העשירים והגדולים: אמר הנער אדני דע באמת כי עתה ידעתי כי מאת השם היא סבה ואהבתיה אהבה רבה: כי אני יצאתי ממחוז חפצי. מעירי ומארצי. על אודות האשה אשר רצו קרובי. לתת לי בת נכבדים ממשפחת ומבית אבי. ולא רציתי בה ולא חמדתיה. רק שנאתיה ולא אהבתיה: אבל בתך ירדה בממעקי לבי וחשקתיה. ועליה אמרתי:

צביה מ-אסה אותי וחשקי
עדי תברח לבלתי או-חזה:
ולא די לה עדי תגזול שנתי
לבלתי בחלומי אחזה:

(פעלט אין דער מינכענער איבערזעצונג).

ואל תחשבה לי הזקן הטוב לקלות. ולחסרון דעת וסכלות. כי כבר אמרו החכמים וזכרו מהחשק דברים גוראים. ומעשים מאד נפלאים: אמר אחד מהם כי החשק הוא מדה יקרה . . . .

נאך דער רעדע פון דעם ייִנגל וועגן דעם כוח פון ליבע קומט א גרעסערע שירה:

אני חשק ידידות משכנותי

וצבאות גיל וחדוה מחנותי... א. א. וו., וואס פעלט אין דער מינכענער איבערזעצונג.—איך ברענג נאך די ווייטערדיקע קורצע שירה פון דעם אלטן:

נשוק אחי בפי חרב ונשק
ואל תהיה שפת חושק כנושק:
בחר לנפול ביד גוזל ועושק
ואל תבחר להתחבר בחשק:

באמערקונגען

1) ווארשיינלעך האבן אויך קירצערע רעליגיעזע און ראמאנטישע לידער אנגעהערט צום רעפערטואר פון דעם יידישן שפילמאן. א שטייגער די „געט־לעכע לידער", אדער „דש גיזאנק דוד" („דיא שירה בון דוד המלך" לויטן ליווא־כתב־יד), וואס איז געזונגען געווארן ווייזט אויס אויך מחוץ דעם „שמואל־בוך"; דאן ראמאנטישע לידער פון דעם טיפ „הילדעבראנט־ליד" אין דער אָקספאָרדער זאמלונג פון אייזיק וואַליך—(נויבויער נר. 2420, פ. ראזענ־בערג נר. 47) א. א.

2) אבער גליקל האַמעל האט ניט געהאט קיין שום באגריף וועגן דעם „שמואל־בוך"; די בעסטע ראיה איז, אז דעם אמנון־תמר־עפיזאד, וואס ווערט אזוי בידלעך—און פיקאנט—דערציילט אין דעם יידיש־טייטשן „שמואל־בוך", ברענגט זי לויט א קריסטלעכער קוועלע! (ז. 89—279 פון דער קויפמאן־אויסגאבע, פראנקפורט־מאַין, 1896. גליקל האַמעל האט געלעבט 1719—1645).

3) מיר פארמאגן פון דער דאזיקער צייט א האנטשריפטלעכן דאקומענט פון אליהו בחור: ס'איז א קאפיע פון דעם ספר „מאזני העיונים", געשריבן דורך א"ב אין יאר 1503 (כתב־יד ווין נר. 47). אליהו בחור דערציילט וועגן זיך אין נאכווארט, אז ער איז „צעיר החרזנים, שפל המדקדקים ומקרי דרדקים". זע שווארצ'ס קאטאלאג, 1925, 162.

4) צי איז אליהו בחור אין 1540 געווען אין אויגסבורג? ער איז אלנפאלס געשטאנען אין באציונגען מיט חיים בן דוד שוואַרץ (שחור) און זיין איידעם יוסף בן יקר, ווארום ס'איז פאראן זיינער א שיר אין זייער אויסגאבע פון „ארבע טורים" פון יאר 1540, וואו אליהו בחור דערציילט, אז דער דרוק איז פארענדיקט געווארן קרוב חודש ניסן. וואס פארא באציונגען זיינען דאס געווען? די זאך איז נאך טונקל.—חיים שווארץ, יוסף בן יקר און פוילוס עמיליוס האבן ווייזט אויס בשותפות ארויסגעגעבן דעם „מלכים־בוך" און „שמואל־בוך" (1543/44)—פגל. פערלעס, ז. 179. שטיינשניידער „העברעישע דרוקן אין דייטשלאנד", אין גייגערס צייטשריפט ז. 225, 1887.

5) זע „שטאפלען" זייט 77.

6) לאָמפּארטן=לאָמבארדיען? וואַש=אלטע פארם פאר וואַר=ער איז געוועזן. 7) דעגן=שווערט, דאָ ריטער, 8) אָן. 9) פעלט אין דער אמסטערדאמער אויסגאבע. 10) דאָ=מיידל. 11) אי=שידוך. 12) אויסדערווײלט. 13) גיבערד=האלטונג, געשטאלט. 14) ייעהן=זאגן, דאָ=שרייען. 15) ביברייא=זנות. 16) זצרט=זעט. 17) ווי אזוי זאל זי דערהארגענען איר זון, אז ס'זאל קיינמאל ניט אנטדעקט ווערן. 18) מה ריוח=וואס פאר א געווינס. 19) ולוקש=שנעל, גלייך. 20) גיצן=קוקן. 21) די גישריפטן=דער כתב, געמיינט ווערט דא דער איטאליענישער אריגינאל. 22) אי—דאָ=איידער. 23) ראפפן-זיך ממיתן, זיך די האר אויסרייסן. 24) איך האב דא דורכגעלאזן אַ פאר ניטאינטערעסאנטע סטראפן. 25) גליאה—גאַלעאַ=אזא מין שיף. 26) צומגעפער, אזוי זיך. 27) וואמע=לייבל=Kaftan 28) בחור. 29) לוישפרט=שעפטשעט. 30) סרוויר מיר=באדין מיך. 31) מונעסטר=דא=געריכט (זי וואלט גערן געהאט אנאנדער געריכט, אנאנדער שפייז). דא באדייט עס אלזא ניט ministro,=דינער. 32) צונטר=פייער, פלאם. (לעקסער, 3, 1176). 33) אסאך לענגער דויערט עס ביי אונדז, ווי ס'האט ביי אים געדויערט, אזוי זאגט מען אין די קינדערמעשהלעך. 34) איידן=שבועה. 35) די האט ער ניט צו פארקויפן. 36) קורבר=קאָרב, 37) מינבליין=מאָנאַכל. 38) שייצליך=מיאוס. 39) איך האב דא דורכגעלאזן א פאר ווייניקער אינטערעסאנטע סטראפן. 40) לייטן=קלינגען. 41) קניטלין=נאהייקעס. 42) די גייסטלעכע. 43) היינט bonáccia, ווינדשטילקייט. 44) basto. 45) פון friggere, באַקן, בראָטן? 46) Timone. 47) טורבאַן. 48) Taverna 49) מיר ניט קלאר, 50) פאָרט. 51) Pazieuza 52) Puttana 53) Pater noster=דא אין זין פון 54) Różaniec 55) ? 56) Festo Regazzo=Ragazzo—א לויפער (רעך), א יינגל, א בחור.

57) ס'איז צו באוואונדערן די אבסאלוטע ניט מוזיקאלישקייט פון דעם קאָפּיסט פון A: ער האט קיין שום חוש ניט פאר ריימען. 58) ס'איז פאראן נאך א דריטער כתב-יד פון דעם יידיש-טייטשן ארטור-ראמאן, אין פריוואט באזיץ פון דר. גינזבורג אין לאנדאן. א נאטיץ וועגן דעם דאזיקן כתב-יד גיט נויבויער אין „לעטערבאָדע", XI, ז. 5–164 (1884—95). דער אנהייב פון דעם כתב-יד פעלט. דער סוף איז: „דער דש בוך גשריבן הוט, דער איזנט (אישט? גינבט? מ. ע.) בון גוטיין אויז דער שטאט... שעפטיל מיט זיין נאמן גינבט, זה הספר שלי ווידבילט (ווידוויילט? מ. ע.) ברענדלן שתי' אשת היקר והמשכיל

יקותיאל כ"ץ יצ"ו בן משה יעקב זצ"ל מווינייזייא".—די יידישע פילאלאגיע מוז זיך פאראינטערעסירן מיט דעמדאזיקן כתב-ידן, וואס שיינט צו זיין נאך וויכטיקער פון די האמבורגער כתב-ידן און א וויכטיקע דערגאנצונג פון זיי, ווארום ער פארמאגט דעם סוף פון דעם ראמאן.

59) דאס דאזיקע שפּריכווארט איז אגב פארצייכנט אין יאָה. אַגריקאָלאַס זאמלונג פון 750 דייטשע שפּריכווערטער (געדרוקט 1548), נר. 668: „Es gehet zu, wie in König Artus Hofe“ 61) ראפן, רויפן-זיך ממית זיין, באַזונדערס זיך אויסרייסן די האר. Lexer, II—515. 62) (באר) פעלט אין כתב-יד. 63) ורויא=פרי. 64) בייטן=ווארטן, זוימען. 65) Lexer I, 161 אין כתב-יד שטייט לייט, ניט לייכטר (א גרייז פונם קאָפּיסט. 66) אוימיר-אימער, תמיד. 67) רעכין=נקמה נעמען. 68) הובירן=געזעלשאפט לייסטן, דינען 69) Lexer I, 1371 קא-גליך,-גרייז פון דעם קאָפּיסט, דארף זיין קלאגליך. 70) גוד=מתנות, געשאנקן. 71) דז גירעט=די אלע זאכן (פעלט נאָדאלש-גאב). 72) גוט=גאָט. 73) הולד חסד, גנאד. 74) בידר מן=אן ערלעכער מאן. 75) הייט=לאנקע. 76) בור ייעהן=דערציילן. 77) Lexer. III—137 איך זיך-איך זע. 78) ס'באדייט: עס זאל איר קיינמאל ניט גוט גיין. 79) אונטר ווינדן=אונטערנעמען. 80) קושט=קאָסט. 81) האַלט-אפילו. (Lexer, I, 1159). 82) ראבר-רויבער. 83) ביגונד=האט אנגעהויבן. 84) לושן ווערן אינן=איבערצייגן. 89) גיזינד=זיינע לייט. 86) צו אויגן געבן=פאר אייגן געבן, ד. ה. שענקען.

87) באם=א גרייז פון קאפּיסט, דארף זיין קאם. 88) הירן=מוח. 89) דעגן=ריטער. 90) גוף=גיך, איילענדיק. 91) ענצליט=פנים, געזיכט. 92) קיין=קעגן. 93) זיל=זעל, נשמה. 94) בייכניש=זארג. 95) גיבעלט=גיפעלט. 96) ווו-ער(?)-א גרייז פונם קאָפּיסט, דארף זיין: טויער. 97) הולץ=דא=וואלד. 98) בוייער=פייער. 99) בור זענקט=איינגעפאלן, חרוב. 100) ורישט=איר זאלט איינהאלטן, רעטן אייער יונג לעבן, 101) Lexer, III, 522 שטורם=מן-הסתם א גרייז פון קאפּיסטן דארף זיין שטרוס=וועג. 102) שוש=שאָס. 103) און מוש=אָן-מאָס. 104) צו בושצופוס. 105) וועטיך=עק. 106) טרעג=פויל, פאסיוו. 107) הייל=דא וואונדער, נס. 108) שפערי=שפּיז.

109) דער יסוד פון די לעגענדעס ארום דער מילה-פארבאָט זי איז א היסטארישער. דער רוימישער קייזער האַדריאַן האט נעמלעך פארבאטן די מילה, און דער קייזער אַנטוינינוס פּיוס האט דעם פארבאט אפגעשאפן. פון דאנען איז דער מאטיוו אריין אין דעם ציקל לעגענדעס וועגן רבי און אנטיגינוס. פגל. Margazin f. d. W. I, 1892, ז. 51

110) אין כתב־יד קומען די העברעישע ווערטער מיט נקודות (אפטמאל פאלש לויט דעם העברעישן דקדוק). צוליב טעכנישע סבות איז דער נקוד פון די העברעישע ווערטער אין דעם דאזיקן טעקסט און אויך אין די ווייטערדיקע אפטמאל דורכגעלאזן. (באמ. פונם ארויסגעבער).

111) אם נעשן=אַמנאָענטסטן. 112) מען פלעגט ברענגען קרבנות. 113) צנק=שטרייטן, וויכוח. 114) הייבטר=קעפ. 115) טויט איר געריכט=טוט זייען משפט. 116) דא פעלט ווייזט אויס א שורה. 117) נאך „היש" אין כתב־יד אַ לאָך. 118) קנט=קאַן, געשיר. 119) לגט=לויבט. 120) קוישליך=köstlich=פיינער. 121) דעמויטיק=באשיידן, צניעותדיק. 122) פרייאט=פארבעט, לאדעט איין (אפשר פון פראנצויזישן prier). 123) איך האב נאך א שענערע זאך. 124) זי איז געוועזן דער באמת שיינער מענטש. 125) צייכטיגליך-באשיידן. 126) בורט=פירט. 127) זינטמול=זייט. 128) בישטריקט-געפאנגען, ארומגעפלאכטן. 129) פיט=ביט=איך בעט. יצחק רויטלינגען שרייבט כסדר פיט־אנשטאט ביט, טוא־אנשטאט דו א. וו. 130) ור היישן=צוזאגן. 131) דער זין איז: איך האב אייך נאך מער ליב, ווי איר מיך. 132) געסט. 133) וואו=דא-אויב. 134) ואליג=פאלג. 135) די איי גי־היישן=צוגעזאגט די חתונה (איי־Ehe). 136) גירב דיך? 137) אן ליגן=זארג. 138) היש=צוגעזאגט. 139) רוישט אויך=רייט אייך. 140) ברויליפט=חתונה. 141) צו בלד=צו שנעל. 142) רייך=דא מלוכה. 143) איך וואלט זי גיכער דער־טרונקען. 144) קויביל=קובל. 145) ניטקלאר, צי אין כ"י שטייט „בוטשפט" אדער „פוטשפט"=ידיעה. 146) פט=באַט=ער האט זיך געבעטן. 147) אין כ"י א גו יין=אר אנשטאט איר. 148) שפעטן, אויסלאכן. 149) מאיעסטעט. 150) גאט זאל דערבארעמען. 151) דו זאלסט זי מיר דערלויבן, דערפילן. 152) אין כ"י פארפלעקט. 153) שיר=דא=איינגיכן. 154) אלטיידישער אויסדרוק פאר דאוונען, ראמאניש-בעטן=orare 155) צוועל=טוך, האנד צוועל=האנטוך. 156) גיהעב דיך ניט אויבל=זיי דיך ניט מצער. 157) אין כ"י זיכט? 158) אין כ"י א גרייז, בויא אנשטאט בייא. 159) אין כ"י צווייטמאל איבערגעחזרט „אונ". 160) ור=דא=רייער, 161) אין=אָן. 162) ור פיט=פארבאטן. 163) א קליינע סתירה, ווי האט בריעה געהערט, וואס דער פאטער האט געטראכט? 164) ווישר מוז זיין א גרייז, דארף זיין וויש. 165) וואגן=ריזיקירן. 166) וויכשיל=ווערקסלשטוב. 167) אייטיל גרושן=בלויז גראשן. 168) מיר ניט פארשטענדלעך. אפשר פארגרייזט כומרים, ד. ה. קאטוילישע גייסטליכע? 169) ניט קלאר, צי אין כ"י שטייט גרופן אדער גרובן=גראפן. 170) וויש מגש=וועיר איז ער. 171) טרבנטן=טראַבאַנטן, לייב־היטער,

172) ביואליך=פארגרייזט ביול=ער האט באפוילן. 173) ניט קלאר, צי עס שטייט „וריג" אדער „ורוג"=פרעג. 174) ניט פארשטענדלעך, לויטן זין דארף דא קומען: פרעג וואס דו ווילסט, כ'דערלויב אבער גארנישט ריידן וועגן די יידן. 175) וועלט איר=אין כ"י צווייטמאל איבערגעחזרט. 176) אפשר „בין" אנשטאט „בון"? 177) גרייז, דארף זיין בישניטן. 178) פויל, 179) זנט=זאמד. 180) ביגובן=שענקען מתנות. 181) ערבייט=ארבעט. 182) דער זין איז: אויב זי איז ניט שיין געוועזן, איז זי איצט שיין געווארן. 183) רושט זיך=גרייט זיך. 184) גרייז, דארף זיין: דיגגן=מיט אלע זאכן. 185) אל גימך=לאנגזאם, פאמעלעך. 186) וויז=לאנקע. 187) דא מייאן, דר=אפקוען, זיך דערקוויקן. 188) אומרדר-כסדר. 189) בלויז=אויסער. 190) עבן=טייכל. 191) שטרוס=וועג. 192) אפשר פון מ"הד schrage (Lexer, II, 783)=דא מעסערס, וואס זיינען צוזאמענגעפלאכטן אין דער פארם פון א קרייץ. 193) שאר מעסר=שארפע, בלאנקע מעסערס. 194) אונדז איז ניט גוט און ניט שלעכט (א מין קף-הקלע?) 195) לויט דער שולד, וואס מען האט. 196) מקרא=צופאל, געשייעניש (פארגרייזט מקרה). 197) בייטן=בלייבן, זוימען. 198) די שטריכעלעך שטייען אין דעם כתב-יד, בלויז אויף „גלב" זיינען נישטא קיין שטריכן. 199) פארקלעפט אין כתב-יד. 200) אין כ"י פארקלעפט. 201) טריטן=אנשטאט דריטן. 202) לויט שטיינשניידער-אונ'. אין כ"י=וועז. 203) איבער פעלד. 204) הייד=לאנקע. 205) אפן. 206) אונדזער טראנסקריפציע. 207) פויל. 208) ליגנערקע. 209) וועז=באדייט אין אלטיידיש אפט=דען, וויל, ווארום. 210) גיברעכן=פעלער, חסרון. 211) היימליך=בסוד. 212) אקס. 213) פארקלעפט אין כתב-יד. 214) הור=זונה. 215) עפנטלעך. 216) אבער, בלויז. 217) אי=איידער. 218) האט צוגעזאגט.

219) ר' יודא חסיד בן שמואל בן קלונימוס בן יצחק בן אלעזר הגדול=איז געבארן און דערצויגן געווארן אין שפייער, פון וואנען ער איז ארום 1195 אוועק אין רעגענסבורג. געשטארבן דעם 22/II 1217 אדער 1213. זע „מאנאטסשריפט", 1909, ז. 601.

220) דרך אגב: אין דער רשימה פון פראגער יידן פון יאר 1546 איז פאראן א העגוך „פון דער אלטער שול", פון זיינע קינדער גייט אויפן ערשטן ארט משה—ס'איז מן-הסתם דער שפעטערדיקער מחבר פון דעם „בראנט-שפיגל", משה העגוכש ירושלמי אלטשולער (פגל. ל. גייגערס „צייטשריפט", 1887, ז. 185). 1546 האט אלזא אונזער מחבר שוין געלעבט, 1610 האט ער נאך געלעבט (ווי ס'איז צו זען פון דעם שער-בלאט פון דער פראגער

אויסגאבע 1610); וואלפס דאטע, אז ער זאל האבן געשטארבן 1648, איז אלזא ניטווארשיינלעך. א העברעישע אויסגאבע פון דעם „בראנטשפיגל" 1572 איז אומגעלעך (ווי ל. צונץ חזרט איבער נאך וואלפן (III, ז. 750) אין זיינע „אנגאלן פון פראגער דרוקערייען)—דער „בראנטשפיגל" איז אן אָרי־גינאל־ווערק, לכתחילה געשריבן אין יידיש, וואס איז בלויז צו זען פון דעם מחברס התנצלות אין דעם צווייטן פרק, וואס אַרגומענטירט, פארוואס דער ספר איז יידיש געשריבן.—דאך האלט איך א יידיש־טייטשע אויסגאבע פאר 1602 ניט אויסגעשלאסן;—וועגן „בראנטשפיגל" וועל איך אן אויספיר־לעכע שטודיע פובליקירן אין אן אנדער צוזאמענהאנג. 221) ? אומפארשטענד־לעכער גרייז. דער זין הייסט דיאקלעציאן. 222) ביוועלט—באפעלט. 223) דא־דערזעלביקער. 224) גלגן—תליה. 225) געפירט. 226) ווערט גערעטעט. 227) ווארד—געווארן. 228) ווידר—קעגן. 229) ווש—איז געוועזן. 230) אויף דער גאס. 231) דער גרייף—כאפט. 232) נאכדעם, ווי מען האט געקליגגען (געגעבן דעם סיגנאל) צו די וועכטער. 233) תפיסה, גרוב. 234) ברנגאן—פראנגער—שאנדסלופ. 235) צושליסט. 236) בולן־געליבטן. 237) פעלט דא: שלויסיל—שליסל. 238) הייבט—קאפ. 239) אי—חתונה. דער זין איז: און האט מיט אים געבראכן די טריישאפט צום מאן. 240) אך—אויך. 241) הור—זונה. 242) ואנד—פאנד, האט געפונען. 243) ביהענד—שנעל. 244) וריגלט—פארריגלט. 245) הירב—אראפ. 246) בושהייט—דא אירע שלעכטע מעשים, איר זינד. 247) ס'איז איר ניט גוט געווארן. 248) ער קענט—דא דארף מען ליינען צוזאמען, דערקענט זי—קומט צו זיך. זי אנטשליסט זיך. 249) לג—ער איז געלעגן. 250) ארטילן—אורטיילן, משפטן. 251) בוטן—שליח 251) בכדי אייך ניט צו דערכעסן, האב איך געלאזן די קראנקע מוטער און צוריקגעקומען. 253) דו זאגסט ליגן. 254) איך האב דא דורכגעלאזן אפאר שורות, ווען די פרוי בעט זיך ביים מאן זי ארייג־לאזן, און דער ריטער בלייבט עקשנותדיק ביי זיין אפזאג. 255) אי—דא—איידער. 256) זע באמ. 255. 257) ווארשיינלעך דארף זיין „עש". 258) הארט—הערט. 259) און די פרוי איז שנעל אוועקגעלאפן. 260) זע באמ. 258. 261) זע באמ. 255. 262) גרייז, דארף זיין „ער". 263) ווי דער ריטער וועט זיך מצער זיין. 264) אנפפנד—האט געפונען. 265) טויט. 266) געפאלן אויפן גרונט. 267) פארשלאסן. 268) ורא—פריילעך. 269) צימרמן—צימערמאן, טישלער. 270) דים—דעם. 271) בריא—פרוי. 272) גכטן—ביינאכט. 273) אר קען—דערקען. 274) דו זאלסט דארפן. 275) מירק־מערק, נעם אין אכט. 276) עס איז געפעלן.

277) זע באַם, 271. 278) הויזדינער, משרת. 279) נם=האט גענומען, 280) זך=האט געזען. 281) דין=דעם. 282) אימפערפעקטום פון יעהן-זאגן? 283) איז פארגעקומען, 284) אין דעם קעניגס הויף. 285) לייט=לייגט, 286) און-אָן. 287) בוירטר-פריערדיקער. 288) אר ברונג=דערפארונג, 289) ביר=פריער, 290) ניטלאנג, 291) האט דערפארן, דערוואוסט זיך. 292) געפונען.

293) ערליכער מוט=ערלעכער געמיט. 294) גויט=גוט=פארמעגן. דער זין איז: ערלעכער געמיט איז בעסער, ווי אלע אוצרות און פארמעגן. 295) דער גאיישליך=דער נזיר. 296) איר טוט. 297) איר טוט מיט מיר אזוי, ווי א זון פון א רייכן פאטער האט געטון מיט אן אלטן מאַן. 298) נוין=נון. 299) זיין פאטער האט אלץ געטון, בכדי אים משדך צו זיין מיט דער איינציקער טאָכטער פון זיין ברודער. 300) זיין פארמעגן 301) איך ווען=איך דערמאָן, איך דערצייל. 302) נוך קאלאָן=נאכגיין, נאכגעבן. 303) גראם=כעס, שטארקער צארן. 304) ולויבט=דאס אנטלויפן. 305) ער איז אנטלאפן. 306) וער=צער=ווייט. 307) ער האט באשלאסן לערנען אין בבל אזוי לאנג, ווי ער וועט חשק האבן. 308) אר זאך=ער האט דערזען. 309) מעגטלין-מיידעל. 310) פיל. 311) שנעל, גלייך. 312) הולט שאפט=ליבע. 313) חיווט=אנשטאט „הויט"=היט. 314) וואס פארשליסטו.

315) דער זין פון ליד איז: וואס פארשליסטו זיך דריינען פאר מיר אליין, אין א וואלד אפילו וואלט זי דאך געוועזן זיכער; צי איז איצט איר חשק צו ריידן מיט מיר, ווי יואָב האט גערעדט הינטער דער טיר מיט אַבנרן, וועמענס בלוט ער האט שפעטער פארגאסן?

316) דער קאָפּיסט האט דא עפעס צודרייט; לויטן זין דארף זיין: „דא דעש קנאבן קלאג דאש מעג טין בר נאם", דאס הייסט, ווען דאס מיידל האט דערהערט דאס קלאגן זיך פון יינגל. 317) פעלט: טויר=טיר. 318) דער זין פון דעם ליד איז: איך בין בערויבט פון אלע מיינע חושים, צוליב זיין זיסן ליד וואס זוכט ליבע—דו פירסט זיך אויף אזא מין אופן, ווי דו וואלסט גע-גלוסט די שפייז, ווי אַמנון האט געגלוסט דעם קוכן פון תמר. 319) אוי-סערגעווייגלעך. 320) איר דארפט זיין אָן ספקות וועגן אייער ווייטערדיקן לעבן. 321) פון נויטדרפט=אלע אייערע נויטיקסטע באדערפעניש. 322) באטראכט עס ניט פאר א נארישקייט פון דער יוגנט. 323) באולן ברינגן=פאלברינגן=מקים זיין. 324) די חכמים. 325) לויבן. 326) און=אָן. 327) קישטן-קאַסטנס.

328) איך האב דורכגעלאזט די ווייטערדיקע חקירות פון דעם יינגל וועגן דער גרויסקייט פון דער לוסט (פון דער תאוה). 329) זיס. 330) די וועלכע

ווילן אלץ נאכגעבן דער תאוה 331) זייטנשפיל—מוזיק (סטרונע-מוזיק).

332) דער זין איז: מיין זון, היט זיך מיט דיין געמיט, און בעסער שטעק אריין אַ שארף שווערט אין דיין ברוסט, איידער דו זאלסט נאכגיין די גלוסטונג פון דיין הארץ.

233) ווען ס'פאלט דיין ברודער, העלף אים באלד, זיי ניט פויל, יאג נאך זיין הילף. לייג עס ניט אפ ביז מארגן, ווארום ס'איז פארבארגן דאס, וואס ס'קאן ברענגען דער מארגנדיקער טאג.

334) ווער קאן זאגן, ווער האט דאס רעכט מער צו קלאגן, א רייכער, אז ער מוז שטארבן, אדער דער וואס לעבט אין דחקות, אז ער מוז אין נויט מאריך-ימים זיין?

335) שעליק—רשעים. 336) זיינען מבזה מיין ווייב.

337) „ורוינט" איז דא איבעריק; דארף זיין: „מיינר וינדא ורוידא מיר אלר מיישט אן ליגט"—אממייסטן האב איך צער פון דער שמחה פון מיינע פיינט.

338) די וועלט איז א שטאַל. די צייט דער פּאַסטוך. די מענטשן דאָס פי, דער חייל פון דעם טויט, קליינע, גרויסע, ווייב, אלט און קינד—דער קבר איז א טויער. צי האט עמיצער געהערט, וואס געפינט זיך דארט אויף יענער זייט? 339) גו'—גאט. 340) ורישט—צייט. 341) גיגרושט—גייט פארלארן. 342) ער שיסט. 343) טויגדר—דונער.

344) צוליב א שיינער פרוי זאלסטו ניט אפנארן דיין לייב. זאלסט ניט קוקן אויף אירע ברענענדיקע באקן. זע, ווי א פייער גיט א שיינעם שיין, דערנענטערסט זיך צו אים גיך, וועט עס דיך אָפּבריען.

רשימה פון אילוסטראציעס און פאקסימילעס.

I. ווידווילט אין דער באגלייטונג פון דער הויפדאמע און פון דעם קארליק באגעגנט א מיידל, וואס וויינט און פארברעכט די הענט (זע ז. 108, 123),—פון א דייטשן וויגאלוא כתב־יד פון XIV י"ה., וואס געפינט זיך אין לעידען.

II. שער־בלאט פון דער ערשטער דרוק־אויסגאבע פון דעם „שמואל־בוך", אויגסבורג 1544.

III. אויטאגראף פון אליהו בחור: פאטאגראפיע פון א אייגנהענדיקן בריוו פון אליהו בחור צו יאהאן אלבערט ווידמאנשטאט,*) געשריבן פון וועגעציע פרייטיק, 8 סיוון, 1543 (זע פערלעס ז. 158) דער בריוו געפינט זיך אין דער מינכענער מלוכה־ביבליאטעק. די פאטאגראפיע האט אונדז פריינטלעך איבערגעגעבן דר. מאקס ווייגרייך אין ווילנע.

טעקסט:

יהי אלהיך עמך כאשר היה עם אבותיך נודע בשערים ובגוים גדול שמו הוא אדוני גאוני ופטרוני השר וגדול בגוים ובישראל גדול שמו יהוחנן יצ"ו הנה לשמע אזן שמעתי שמעך הטוב ושמחתי באומרים לי אעתיר לי' כן ירבה וכן יפרוץ לרוב גם ראיתי גליון גדול מגלילת ידך הנקיה אשר רשמת עליו הספרים אשר בקשת ובאמת הרבה יגעתי בגינך למצא ואין גם אחד נמצא פה עמנו היום כי לא נדפסו רק בתוגרמה וכן הגיעו עתה ספרים אחרים שנדפסו שם ודברים טובים נמצאים בהם ובפרט ספר נוה שלום ונהר פישון וספר המוסר אלה השלשה יש להם כמות ואיכות מה שראוי לנהוג בהם כבוד גם ספרים קטנים טובים כגו' ספר אמרי נועם וספר עקרים וספר נזיר ובן המלך וספר דקדוק קטני הכמות

*) מיט ווידמאנשטאטן האט זיך אליהו בחור באקענט בשעת ווידמאנשטאטס אנוועזנהייט אין ווענעציע אין יאר 1538. ווידמאנשטאט איז געווען א גרויסער ביבליאפיל, און פון אליהו בחורס בריוו זעט מען, מיט וואס פארא זארגעוודיקייט האט ווידמאנשטאט געזאמלט ספרים.—בלויז די מינכענער ביבליאטעק פארמאגט 330 העברעישע, סירישע און אראבישע כתב־ידן, געזאמלט דורך ווידמאנשטאטן, און איבער 500 אריענטאלישע דרוקן פון זיין זאמלונג.

כגני ספר שפה ברורה חבר ר׳ אברה׳ן׳ עזרה וספר לשון למודים וספר מגדול עוז לכן אם אדו׳ יבחר בקצתם יודיעני אדו׳ ודרך מצותך ארוץ לאהבתך ולאבתך בזה וכיוצא בזה פי אהבת עולם אהבתיך ובזה יהיה לך החיים הנצחיים כה תפלת עבדך המוכן לשרתך בכל לב ובכל נפש הטרוד וזקן,

אלי הלוי

יום ו׳ ח׳ לחדש
סיון ג״ש

IV. „בבא־בוך״ פון אליהו בחור (1507), שער־בלאט פון דער אמסטערדאמער דרוק־אויסגאבע 1661.

V. „בבא־בוך״ פון אליהו בחור (1507). אמסטערדאמער אויסגאבע 1661. פאטאגראפיע פון דער צווייטער זייטל.

VI. א זייטל (23 ב) פון דעם האמבורגער יידיש־טייטשן ארטור־כתב־יד נר. 289 (שטיינשניידער 288). (A). זע ז. 124, פון דער דריטער שורה פון אונטן.

VII. לעצטע זייט פון דעם האמבורגער יידיש־טייטשן ארטור־כתב־יד נר. 255 (שטיינשניידער 327). (B). זע ז. 129, פון דער זעכצנטער שורה פון אויבן.

VIII. א זייטל פון דעם מינכענער כתב־יד נר. 100 (זע ז. 178, פון די מעשיות פון דעם „מעשה־בוך״ קרייז, מעשה נר. 18). די אילוסטראציע—א פע־דערצעכנונג פון יצחק רויטלינגען—שטעלט פאר, ווי אליהו הנביא אקערט אין פעלד און האלט אויפן אַקעראײַזן אַן אָפֿענעם ספר.

IX. א זייטל פון דעם מינכענער יידיש־טייטשן כתב־יד פון „בן המלך והנזיר, נר. 347,

תיקון-טעות *)

זייט	שורה	איז	דארף זיין
12	2 פון אויבן:	Spilmannsdichtung	Spielmannsdichtung
12	5 „ „	Geistliche Dichtung	Geistlichen-dichtung
12	6 „ „	1924	1925
18	3 „ „	אוני טרוג	אונ׳ טרוג
19	3 „ „	זלמן	זַלמָן
20	2 „ „	מקורראַ	סקורראַ
21	18 „ „	יינגאלט	יונגאַלט (בפרט דארף אומעטום זיין „יונג״, ניט „יינג״,
22	8 פון אונטן:	געמאַטערטע	געמאַרטערטע
29	8 פון אויבן:	פעריד	פעריאָד
31	10 פון אונטן:		„דער שמואל-בוך, מעשה בוך, די צאינה וראינה״.
32	14 פון אויבן:	התלהלות	התלהבות
39	10 פון אונטן:	שימינג	שטימינג
39	6 „ „	זיי	זי
42	11 פון „	געלעט טעמים	געלט טעמים
42	6 פון „	אים	רוים
45	5 פון אויבן:	מ׳איז	ס׳איז
46	3 פון אונטן:	ענינים	עיונים
47	8 פון אויבן:	נשטה	נשמה
49	6 פון אונטן:	אן	אַז
50	7 פון „	תיבה	חיקה
51	2 פון אויבן:	נאמירן	נאטירן
52	7 פון אונטן:		„אפילו אין דער וועלטלעכער איטאַליענישער רעדאַקציע״
53	8 פון אויבן:		„אַז אירע ביידע זין״
54	5 פון אונטן:	בורקהארדס	בורקהארדט
59	2 פון אויבן:	מאפף	טאפף
60	2 פון אונטן:	über	נאך Boje פעלט א פונקט. ווייטער: Über
„	1 פון „	Boev	Boeve

*) טעכנישע מניעות האבן אונמעגלעך געמאכט וועלכע ס׳איז השפעה פון דעם מחבר אויף דער קאָרעקטור פונם בוך. דער מחבר בעט דאס נעמען אין אַכט און אים דן זיין לכף זכות.

זייט	שורה	איז	דארף זיין
63	4	פון אויבן: zeitschrift	Zeitschrift
67	21	„ „ סטראפן	אויסגאבן
71	21	„ „	דארף געשטראכן ווערן: „אלבו־ ריגן גיט אים א דריט חלק”,
94	1	„ „ און מעשים	און זייגע מעשים.
96	2	„ אונטן: גים	ניט
99	4	„ אויבן: 32	23
99	18	„ אונטן: ווילמסדארף	ווילמערסדארף
100	19	„ אויבן: דאטאליזירטער	דעטאליזירטער
104	1	” אונטן: פאלגנדיקע גענע־ טישע טאבעלע	פאלגנדיקע טאבעלע
107	14	„ אויבן: לורעל	לורעל (לאָרעל), אזוי דארף אויך פארריכט ווערן ווייטער.
107	17	„ אויבן: א מוטייקן ריטער	דעלעגירן א מוטיקן ריטער
108	6	„ „ טרעפט	טרעפן
108	11	„ „ פאַר וואָס	דערפאַר, וואס
108	1	„ אונטן: און דערציילט	און ווידווילט דערציילט
110	19	„ „ פישערס	פישער
122	3	„ „ העברעישע האנט־ שריפטן:	העברעישע האנטשריפטן נר. 288, נר. 327
123	6	„ אונטן (B):-ורויאלאשט	ורויא לאשט
124	12	„ אויבן (A): אונג	אונ׳
126	10	„ „ (A): באָלד	באֲלד
126	18	„ „ (B): ורלירן	ור לירן
127	2	„ אונטן (B): דזער	דז ער
132	9	„ אויבן: לוש	לושט
144	1	„ אונטן: 3—3	2—3
146	7	„ אויבן: פון דעם דייטשן	מיט דעם דייטשן
146	19	„ „ 1896	1869
147	15	„ „ כי שם ה”	כ׳ שׁם ה
152	3	„ אונטן: אויך דער העלדין	אויף דער העלדין
155	15	„ אויבן: קישן	קושן
155	17	„ „ מאכט א גזירה	איז גוזר
159	16	„ „ צווא הייבטר	צווייא הייבטר
160	5	„ „ איינוג	איינום
161	7	„ „ טרונקזהייט	טרונקנהייט
164	6	„ „ וואוירשאו	וואוירשטו
164	8	„ אונטן: צנד צוועל	הנד צוועל
165	15	„ „ דע ער אזא	דש ער אזא
165	13	„ „ מור הויטר	שור הויטר
166	3	„ אויבן: אונ׳בון קיין קראנקר	אונ׳ קיין קראנקר

זייט	שורה		איז	דארף זיין
166	4	פון	אויבן: יודניש	יודנש
166	11	„	אונטן: באריף; טוא	בריף; טור
167	15	„	אויבן: בון איינום וועק גיט	בון איינום הין וועק גיט
168	2	„	אונטן: דורך דש וועער	דורך דש וושר
171	11	„	„ טנצ	טנטץ
173	9	„	אויבן: אויסגעפאַלן	ארויסגעפאַלן
173	9	„	אונטן: אויף יידן	אויב יידן
175	2	„	אויבן: רוקט ארויס	רוקן ארויס
185	3	„	„ זווגי	זייבי
188	5	„	„ שטערלן	שטערבן
184	11	„	„ ממפט	משפט
200	21	„	„ האט איך	האט אויך
204	6	„	„ ניידרוק מיט א הקדמה	ניידרוק פון דעם „אוילנשפיגל" מיט א הקדמה
209	7	„	„ מעשיות, ציקלען	מעשיות-ציקלען
210	32	„	אונטן: אַקט	אַקס
212	7	„	„ איז די ווירקונג	מיט דער ווירקונג
215	4	„	אויבן: דש דן אופט	דש דו אופט
215	14	„	„ וואלט איך	וואלט איר
216	9	„	אונטן: אזוי הייסט	אזוי הייסן
217	4	„	אויבן: ס'פלערטן	ס'פלעכטן